STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00444

DRAMEN

David Pinski

Permanent preservation of this book was made possible by
The Maxwell Strawbridge Charitable Trust

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פּינסקי
דראַמען

פערלאג „פועלי ציון“
ניו יאָרק
1919

Copyright by David Pinski, 1919.

PINSKI-MASSEL PRESS
84 BOWERY, NEW YORK

צווייטער באַנד

אינהאלט־פערצייכנים פון דעם צווייטען באנד:

דער אוצר, קאמעדיע אין פיער אקטען.
דער פאנאגראף, קאמעדיע אין איין אקט.
דער נאמ פון דעם רייך געווארענעם וואלהענדלער, קאמעדיע אין איין אקט.
דער דאלאר, קאמעדיע אין איין אקט.
דער ערפינדער און דעם קעניגס טאכטער, שפיעל אין איין אקט.
פאליטיק, קאמעדיע אין איין אקט.
קליינע העלדען, דראמע אין איין אקט.
די שיינע נאנע, דראמע אין איין אקט.

דער אוצר

קאָמעדיע אין פיער אקטען.

(יוני־יולי, 1906.)

פערזאנען:

חאניע דער קברן.
יאחנע ברײנע, זײן װײב.
טיליע, זײער טאָכטער.
יודקע, זײער זוהן.
דער שדכן.
סאָסקין, א גביר.
דער ראש הועד.
צװײ הכנסת־כלה׳ניקעס.
צװײ ביקור־חולים׳ניקעס.
חברה קדישא׳ניקעס.
א יונג פּאָר פאָלק.
אן אלט פּאָר פאָלק.
דרײ יונגע מאנטשיקלעך.
א גרופּע מיט א היסטערישער.
א פרוי מיט א מײדעלע.
פיער אינגלעך.
א שרעקעדיגע גרופּע.
א לוסטיגע גרופּע.
א גרופּע מיט א משוגע געװאָרענעם.
א גרופּע מיט אן אָבגעהאטער.
עולם, מענער, פרויען און קינדער.
דער צדיק. מתים.

די האנדלונג קומט פאָר אום תשעה באב און אויף מאָרגען נאָך תשעה באב.

ערסטער אקט

אַ געוויסט צימער אין חאַניע דעם קברן׳ס וואוינונג. אין דער הינטער־סטער וואַנד צוויי פענסטער, וועלכע געהען ארויס צום בית עולם און צווישען וועלכע עס שטעהט אַן אַלטער אָבגעריבענער לעדערנער דיוואן. אין דער לינקער וואַנד אַ טיר, וועלכע פיהרט צו דער קיך און צו דער ארויסגאַנגסטיר; לינקס פון דער טיר די וואַנד פון דעם אויווען, וועלכער שטעהט אין דער קיך, און אַ לעזשאַנקע; רעכטס פון דער טיר אַ גלעזערשראנק, אונטען מיט שופלאַדען. פאָרנט ביי דער רעכטער וואַנד שטעהט אַ בעט, איבער וועלכען עס הייגגען קליידער, פערדעקט מיט אַ ליילעך. הינטער׳ן בעט אַ טיר, וועלכע פיהרט אין די אינוועניג־סטע חדרים. פאר׳ן דיוואן אַ פליגעלטיש. אין צימער שטעהט נאָך אַהן אַן אָרדנונג פיער שטולען, ווי איבערהויפט הערשט אין איהם יעצט אַ גרויסע אונאָרדנונג: דאָס בעט איז נישט פארבעט און אויפ׳ן דיוואן ליעגט בעטגעוואַנד.

יאחנע ברײנע זיצט פאָרנט אין מיטען אויף אַ קליינעם ביינקעל, אין זאָקען, פון וועלכע עס קריכען ארויס די פינגער, מיט אַ שמוציגען רויטען טיכעל איבער איהר הויב, אין שמוציגע צוריסענע קליידעל און קאַפטע. זי לייענט די קינות, צוגיסענדיג זיך אין טרערען. טיליע זיצט רעכטס ביים אָפענעם פענסטער, אָנגעשפאַרט אַן ווענטעל פון איהר שטול, אין איין אַלטען אָבגעבליאקעוועטען גרינעם יאקעל, דאָס האָר פערקעמט און צונויפגעדרעהט אין אַ קנויל אויפ׳ן קאָפּ, איבער דער שטערן חן־לעקעלעך. פאר איהר אויפ׳ן פענסטער שטעהט אַ קליינער האַנדשפיגעל, אין וועלכען זי קוקט אָפט אריין און פערבעסערט די חן־לעקלעך. — פון פענסטער זעהט מען אַ סך פארבייגעהער.

יאַחנע ברײַנע (לײענט לאַנגזאַם, קוים פֿאַרגאַנדערקלײַבענדיג די ווערטער, שלעכט זעצענדיג זײַ). „די ישׂראל וואָס פלעגין עסין אום פּסח — דעם קרבן פּסח די — האָבין גיגעסין אין הונגער — די קעפּ פון איי־זלען און — זאט גימאַכט מיט ביטערנעס. אונזערע זינד זײַנען — נעפּלאָכטין אויף אונזערע העלזער און — גאָט האָט — גימאַכט פֿאַרשוועכין דעם בית המקדש און — גאָט האָט גיזאָגט איך — וועל גידענקען אײַערע זינד און — איהר וועט עסין דאָס פלײש פון אײַערע קינדער. און ווײַל די טעכטער —" (ווײַט פון דרויסען הערט זיך אַ גערויש פון פיעלע קולות, דורך וועלכע עס שנײַדט זיך דורך אַ חויבער געיאָמער.)

טיליע (קוקט אַרײַן אין איהר שפּיגעל, פֿאַרבעסערט די חנלעקעלעד און קוקט אַרויס אין פענסטער).

יאַחנע ברײַנע. אַך, אַך, אַך... אַט איז שוין די לויה. — און די שפּיגעלט זיך אַלץ. עס איז דאָך געבליעבען אַן אַלמנה, נישט קיין אַלמן. (זאָגט ווײַטער.) „און ווײַל די טעכטער פון ירושלים האָבין זיך באַרימט מיט זײַער שײנקײט און — האָבין גיזאָגט ווען די בבלים וועלען קומען וועלען — זײַ אונז נעמען פֿאַר ווײַבער און — דרום אַז די בבלים זײַנען גיקומען אין ירושלים האָבין — זײַ זײַ גינומען האָט — גאָט גיבראַכט אויף זײַ צרעת און — אַז די בבלים האָבין — דאָס דערזעהן האָבין — זײַ די ווײַבער אַרויס־גיוואָרפין און — דאָס ראָד איז איבער־גיגאַנגען זײַער מח און — האָט זײַ צושטויסען דעם מח און" — (רײַסט איבער די קינות און ווענדט זיך צו טיליע'ן.) דאָס מאָגסטו אויך הערען. זיצט און שפּיגעלט זיך! (לײענט.) און ווײַל די טעכטער פון ירושלים האָבין זיך באַרימט מיט זײַער שײנקײט און — (רײַסט ווידער איבער.) אַזוי נעהט עס שטענדיג אַרום אַ צוקודעלטע גאַנצענע טעג, און תשעה באב, ווײַל מע טאָר נישט, וואָס פֿאַר אַ ראָד זי האָט זיך דאָס נעמאַכט! (לײענט.) „און — האָבין גיזאָגט ווען — די בבלים וועלען קומען וועלען — זײַ אונז נעמען פֿאַר ווײַבער און" — — געה אַוועק פון פענסטער,

גנה! עס קומען דא אהער קיין בבלים נישט און תשעה באב קומט מען נישט אויפ'ן בית עולם צו זוכען זיך א כלה.

טילי ע (קערט זיך אב א ווײלע פון פענסטער, גוטמוטיג). לאז דיך נישט שטערען, מאמע. רײס נישט איבער דײנע קינות.

יאחנע ברײנע. האט זיך אװעקגעזעצט און שפּיגעלט זיך! (לײענט.) „ד'רום אז די בבלים זײנען — גיקומען קײן ירושלים האבין — זײ זײ גינומען האט גאט גיבראכט אויף זײ צ־ר־עת און — אז די בבלים האבין" — — זעה נאר, װי דאס האט זיך אויסגעזעצט! גנה אװעק פון פענסטער! א צרעת זאל אויף דיר שוים קומען, רבונו של עולם! (דער געריוש פון די קולות און א געיאמער פון װײבער קומט־צו נעהנטער צום פענסטער. א לויה געהט פאראיבער. מען זעהט פון פענסטער די מיט שװארץ איבערגעדעקטע מיטה, געטראגען פון עטליכע מענער. הינטער דער מיטה אידען מיט אידענעס. א הארצרײסענדער געװײן פון א פרוי פערהילכט אלעמען און דרינגט אריין אין שטוב: אויף װעמען האסטו מיך געלאזען, אי! מײנע זיעבען ביטערע יתומים'לעך, אי! נעם מיך צו פון דאנען, גאטעניו! (דער קלאנג און דער געריוש װערען אלץ װײטער, ביז מען הערט זײ נישט.)

טילי ע. זיעבען יתומים! א גרויל!

יאחנע ברײנע. און דו זיצסט און שפּיגעלסט זעך.

טילי ע. װאס װעט זי נעביך טאן? מסתמא פארהונגערן, אן אײביגע אלמנה. װער װעט דען חתונה האבען אויף א מאמע פון זיעבען יתומים?

יאחנע ברײנע. װען אזױפיעל מוידען זיצען נאך בײ די פענסטער און קוקען אוים די אויגען.

טילי ע. אך, הער דאך אויף אויך! דאס שטעהט אזױ אין דײנע קינות?

יאחנע ברײנע. אין מײנע קינות שטעהט, דו זאלסט אװעקלעגען דעם שפּיגעל, זאלסטו אװעקלעגען, און זאלסט אװעק־געהן פון פענסטער.

טיליע. וואס ארט דיך, אז איך זיץ? וואס פארגינסטו מיר דא נישט?

יאחנע ברײנע. דו האסט נישט וואס צו זיצן ביים פענסטער. דו זעץ דיך בעסער און זאג די קינות.

טיליע. אין גאס גײה איך נישט, צווישן מענשען קאן איך מיך נישט באווייזען, ווייל איך האב נישט וואס אנצוטאן, מאג איך דאך זיצען ביים פענסטער און קוקען אויף מענשען. און ווען זאל איך עס טאן, אויב נישט ביי א לויה אדער אום תשעה באב, ווען אויפ'ן בית עולם קומען א סך מענשען?

יאחנע ברײנע. נו, האט מען צו איהר עפּים? אז מענשען קומען, מוז זי זיך אוועקזעצען אויף דער וויסטאווע.

טיליע. פאר וואס טאקע נישט? (לוסטיג, מיט לאכען.) קום זעה, קום אהער. אט גײהט א שיינער יונגער מאן, א חיות א קוק צו טאן אויף איהם. איז אט א — (שפּיעגעלט זיך) — און איך שטעל מיר פאר, אז ער דערזעהט מיך און קוקט און קוקט און נעמט נישט אראפּ די אויגען פון מיר. און ער הײבט אן צו צוגעהן נעהנטער און נעהנטער...

יאחנע ברײנע (שפּרינגט אויף). זאלסט מיר אבער גלייך אוועק פון פענסטער!

טיליע. ער קוקט נישט! ער קוקט נישט! ער זעהט מיך גארנישט. — אך, דו האסט קיין שום ברעקעל פאנטאזיע נישט.

יאחנע ברײנע. אוי, סאר א מויד! סאר א מויד!

טיליע. דו פארשטעהסט גארנישט, וואס הייסט חלום'ען.

יאחנע ברײנע. אט האסטו דיר, איך פארשטעה שוין נישט, וואס הייסט חלום'ען. אז אלע מיינע בייזע חלומות וואלטען אויסגעהן צו דיין קאפּ...

טיליע. אויפ'ן וואהר — אויפ'ן וואהר חלום'ען. אט אזוי זיצען און חלום'ען.

יאחנע ברײנע. א שיין גליק, נישטא וואס צו זאגען. הער שוים בעסער אויף צו באלמוטשען און לאז מיך זאגען. און

די געה אוועק פון פענסטער. האָסט נישט, וואָס צו זיצען און חלום'ען. חלום'ען גאָר! (לייענט האַסטיג.) און אז... האָבין דאָס דערזעהן... די ווייבער אראָפּ־גי־וואָרפען...

טיליע. אך, דאָס איז אזוי גוט. ווי א שיין מעשה־ביכעל. מע פארגעסט'צעך. מע פארשלאָגט'צעך. מי ווערט גאָר אַן אנדער מענש. אָט נעם איך און פארטראכט מיך, און טראכט און טראכט און ווער גאָר א ראָטשילדאָווע.

יאחנע ברײנע. נישט מעהר און נישט וועניגער?

טיליע. א כלה פאר א ראָטשילד. פאר וואָס ניט? רייך איז ער דאָך. קיין נדן דארף ער נישט. שטעל איך מיר פאָר, ווי ער שיט אַן גאנצע זעק מיט גאָלד און לאָזט זיך איבער דער וועלט צו זוכען א ווייב פאר זיך. און ער געהט אזוי לאַנג און אזוי ברייט, ביז ער קומט אָן אין אונזער שטאָדט און דערזעהט מיך — ער איז געקומען זעהן אונזער בית עולם און איך זיץ ביים פענסטער...

יאחנע ברײנע. אוי, הער אויף צו רעדען! עס שלאָגט מיר אזש צום הארצען, מי דארף דיך אריינשפארען אין א משוגעים־הויז.

טיליע. און ער פאלט פאר מיר אויף די קני און שרייט אויס: „איך ליעבע זי! איך בין ראָטשילד. ווילט איהר ווערען מיין ווייב?"

יאחנע ברײנע. וועסט אויפהערען? איך וואַרף דיר עפּים אין קאָפּ!

טיליע (צולאַכט זיך). איז עס נישט גוט, וואָס? און א מאָל טראכט איך, אז עס קומט א גראף...

יאחנע ברײנע. שוים א גוי אויך?!

טיליע. איך פאנטאזיר דאָך. פאנטאזירען מאָג איך דאָך אלץ.

יאחנע ברײנע. „פאנטאזירט"! שיינע „פאנטא־זיעס", נישטאָ וואָס צו זאָגען! ווי אין די קינות. די טעכטער

פון ירושלים האָבען זיך בארימט מיט זייער שיינקייט און גי־זאָגט, אז די בבלים וועלען קומען — אז קומען זאָל שוים אויף דיר א טויט! תשעה באב האָט עס קיין אנדער זאך נישט וואָס צו טאָן, ווי זיצען און טראַכטען שדים ווייסען וואָס.

טיליע. „שדים ווייסען וואָס“? חתונה האָבען איז א אידישע זאך. און געלט איז אויך א אידישע זאך. און איך טראכט פון חתונה האָבען און א סך געלט. ווען איך העב אָן צו טראַכטען וועגען א סך געלט!...

יאחנע בריינע. זאָלסט אויפהערען צו רעדען, זאָל־סטו! לאָז מיך זאָגען, לאָז מיך!

טיליע. וואָס ארט דיך, דאָס מאָגסטו הערען, וואָס איך וואָלט געטאָן, ווען איך וואָלט געהאט געלט. איך זאָג דיר, מאמע, דאָס העמד צו פערקויפען און א גבירה צו ווערען. איך וואָלט רעגיערט די גאַנצע וועלט. איך פיהל, אז איך ווער אזוי קלוג...

יאחנע בריינע. טפו, צו דיין קאָפּ!... (העבט אָן צו זאָגען בייז, מיט אימפּעט.) „און ער האָט גי־שטארקט מיינע יסורים און איך בין גיוועזן צו גישפּעט ביי אלע היידין...“

יודקע (א קרומע האַנד און א קרומער פוס און מיט שטענדיגער סליונע ביים מויל, בעוואַקסען מיט א שיטערען בערדעל, מיט גרויסע קודלעס אויפ'ן קאָפּ אונטער אַן אַלטען צוריסענעם היטעל, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, קומט אריין מיט א געוויין). בו־הו... בו־הו...

טיליע. זעה, וואָס איז מיט דיר, יודקע?

יאחנע בריינע (בייז). וואָס וויינסטו? וואָס איז שוים מיט דיר?

יודקע. בו־הו... באַגראָבען זשוטשקען... איך באַגראָבען זשוטשקען...

יאחנע בריינע. אָט האָסטו דיר א גייעם תשעה באב! נו־ו־ו!

טיליע (לאַכט אויף).

יודקע (וואַרפט אויף איהר א בייזען בליק און שרייט אויס

מלא רציחה). זשוטשקע טויט... זשוטשקע באגראָבען... דו נישט לאַבען! (וויינט ווייטער, שטעלענדיג זיך ביי דער לעזשאַנקע מיט'ן געזיכט צום אויוועז.) איך איהם אזוי האָלט געהאט... (ברעכט אויס מיט'ן טאָן פון דעם יאָמערדיגען ווייבעל.) אוי, אויף װעמען דו מיך געלאָזען, אַי! (פאַלט־צו מיט'ן געזיכט צו דער לעזשאַנקע מיט א יאָמער.)

טילי ע (לאַכט ווידער אויף, פערכאַפּט זיך גלייך און לעגט ארויף די הענד אויפ'ן מויל).

יודקע (געהט צו איהר צו מיט א פאר בייזקייט פערקרימטען געזיכט). דו נישט אויפהערען צו לאַבען, איך דיך טויטען... איך דיך דערשטיקען... (סקריעט די ציינער און שטרעקט אויס נאָך איהר די געזונטע רעכטע האַנד מיט קרעמפּפּענדע פינגער.)

טילי ע (שפּרינגט־אויף און העבט־אָן צו גלעטען און צו בעד רוהיגען איהם). ניין, ניין, ניין, יודקע! איך לאך נישט, איך האָב נישט געוואָלט לאַבען. עס האָט זיך אזוי... עס האָט זיך נישט ווילענדיג ארויסגעריסען. זיי נישט אין כעס. און וויין נישט, יודקע. וויין נישט, דו צער בעלי חיים מיינער.

יודקע. דו אַלץ לאַכסט. איך זעה. דיינע אויגען.

טיליע. איך לאך נישט. מיינע אויגען לאַכען דאָך שטענ־דיג. אָבער איך לאַך נישט. איך מיין עס ערנסט. טאקע א רחמנות.

יודקע. איך איהם אזוי האָלט געהאט.

טיליע. געוועזען טאקע א גוט הינטעל.

יודקע. ער אַלץ מאַכען געקאָנט. אויף הינטערסטע לאַפּ־קעס ער שטעהן. ער לאַפּקע געבען. בו־הו...

יאַחנע ברײנע. העד שוין אויף צו ראַוען, הער אויף. האָסט געהערט א מין ראַוען?

יודקע (בייז). הע־ע־ע! דו שולדיג, זשוטשקע טויט. דו איהם פוס געבראָכען.

יאחנע ברײנע. הלואי װאָלט איך דיר אױך די פיס איבערגעבראָכען.

יודקע. הע־ע־ע, װאַרט! איך געפונען געלט, איך דיר גאָרנישט געבען. איך געגראָבען זשוטשקע׳ס קבר און איך גע־פונען גאָלדענע געלט. (נעמט ארויס פון קעשענע און האלט אין ביידע הויפענס.) זעהסט? אָבער איך...

יאחנע ברײנע (שרייט אויף). װאָס׳טו געפונען?

טיליע (קוקט איהם אריין אין די הענד). אוי, טאַקע, עפּיס גאָלדענע מטבעות! אוי, איך װאָלט שװערען, אז דאָס זײנען אימפעריאלען.

יאחנע ברײנע. אימפעריאלען, האָסטו געזאָגט? אימ־פעריאלען? א סך?

יודקע (מיט פערשטשירעטע צײנער צו יאחנע ברײנע׳ן). הע־ע־ע, זעהסט! (בעהאלט אויף גיך די האנד אין קעשענע.)

יאחנע ברײנע. װאו׳סטו זײ געפונען? א סך?

יודקע (ווי פריער). הע־־ע־ע־ע!

יאחנע ברײנע (צו טיליע׳ן). א סך? א סך האָט ער זײ?

טיליע. א פולען הויפען. איבער צעהן א ודאי. (צו יוד־קען.) באװײז מיר. לאָמיר איבערצעהלען.

יודקע. נײן. איך נישט װיל, זי װיסען. איך נישט װיל, זי זײ זעהן.

יאחנע ברײנע. זאָלסט מיר שוים באװײזען, װאָס דו האָסט דאָרטען געפונען. (צו טיליען.) װיפיעל איז אן אימפעריאל? עפּיס א סך געלט?

טיליע. זאָל איך אזוי װיסען פון א שװערען תענית. דאכט זיך, זעהר א סך. א רובעל פופצעהן א ודאי.

יאחנע ברײנע. װעה מיר נישט, א רובעל פופצעהן! װיפיעל, האָסטו געזאָגט, האָט ער זײ? א איבער צעהן?

טיליע. איבער צעהן געווים. אויב נישט א סך מעהר. א פולער הויפען. א צוויי הונדערט רובעל געווים.

יאחנע ברײנע (שטעהט אויף און ווענדט זיך גאַנץ ענטשלאָסען צו יודקען). זאָלסט מיר שוים ארויסגעבען, וואָס דו האָסט געפונען. הערסטו, וואָס די מאמע רעדט צו דיר, צי ניין? זאָלסט שוים ארויסגעבען. צוויי הונדערט רובעל, ווען מיר נישט געשעהן! זאָלסט שוים ארויסגעבען מיט גוטען! ווארום איך וועל נעמען א שטעקען, וועל איך דיר קיין איין גאנץ גליעד נישט לאָזען!...

יודקע (שרייט ווי בענומען, מיט ווילדע אויגען און מיט שוים ביי די ליפען). ניין! ניין! ניין! איך נישט געבען!

טיליע (שעפּטשעט צו יאחנע ברײנען). לאָז דאָך איהם צו רוה. ער וועט שפּעטער אליין אָבגעבען.

יאחנע ברײנע. ווען מיר נישט געשעהן, צוויי הונדערט רובעל! ווי לאָזט מען עס בא א משוגענעם אין האנד צוויי הונדערט רובעל? איך טו מיך אָן און לויף גלייך אין פּאָליציע.

יודקע (גאַנץ אויסער זיך). איך דיך דערשטיקען!

טיליע. זעה, וואָס דארפסטו זיך מיט איהם רייצען? ווילסט, עס זאָל זיך מיט איהם אָנהעבען? (צו יודקען.) דארפסט זיך נישט שרעקען, יודקע. זי וועט נישט לויפען אין פּאָליציע.

יאחנע ברײנע. ווער ווייס, אפשר האָט ער זיי וואו גע׳גנב׳עט.

טיליע. אוי, וואָס דארפסטו אזוי רעדען! דו ווייסט׳אָך, אז ער האָט נישט גע׳גנב׳עט.

יודקע. איך נישט גע׳גנב׳עט! דו אליין גנב׳טע! איך נישט גנב׳עט! (צו טיליען, שנעל ארויסכאַפּענדיג די האַנד פון קעשענע און שפּארענדיג איהר אַ הויפען נאָך אַ הויפען.) נאַ. דיר אלץ. דיר איך שיינק. דו איהר גאָרנישט געבען. הערסט, גאָרנישט. איך זי דערשטיקען. זי אליין גנב׳טע! (פאלט נעבען לעזשאנקע אין אַ קאָנוואולסיע.)

ט י ל י ע (וועלכע איז געשטאַנען גאַנץ איבערראַשט, מיט'ן געלט אין ביידע הויפענס, בעהאַלט עס גיך אין קלייד-קעשענע און גיט זיך אַ לאָז צו יודקען, קנעפּט איהם פערנאַנדער דאָס העמד, לויפט שנעל אַרויס אין קיך און קומט אַריין מיט אַ קענדעל וואסער).

יאחנע ברײנע (דורכזוכט איהם דערהווילע די קעשענעס און עפענט איהם פערנאַנדער די הענד). ער האָט בא זיך גאָרנישט מעהר. (קריכט צו טיליען אין קעשענע.)

ט י ל י ע (עוסקענדיג זיך אַרום יודקען, שטופּט אָב מיט'ן עלענ־בויגען איהר האַנד). קריך נישט. וואַרט. האָב צייט.

יאחנע ברײנע. גיב דאָך ארויס דאָס געלט.

ט י ל י ע. האָב צייט. מיר וועלען זיך נאָך מישב זיין. מיר וועלען נאָך אַ רעד טאָן. (שטעהט־אויף און שטעלט אַוועק דאָס קענדעל אויפ'ן לעזשאנקע.)

יאחנע ברײנע. ביזט משוגע צו וואָס? מישב זיין זיך גאָר! וואָס איז פאר א רעד טאָן? זאָלסט מיר שוים ארויס־געבען דאָס געלט?

ט י ל י ע. אז איך וועל וועלען און אז איך וועל האָבען חשק. איך טאָר עס גאָרנישט. האָסט'אך אַליין געהערט, ווי ער האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל דיר גאָרנישט געבען.

יאחנע ברײנע. דו מיינסט עס מיט אן אמת'ען?!

ט י ל י ע. א ודאי מיין איך עס מיט אן אמת'ן. אז ער האָט מיר אוועקגעשיינקט, געהערט דאָס געלט מיר, און אז ער האָט מיר אָנגעזאָגט, דאַרף איך איהם פאָלגען. נאָר ווייל איך בין א גוטע... טיק שטעל אונטער די האַנד און איך וועל אָנצעהלען. (זי נעמט יאחנע ברײנעס האַנד און צעהלט אַריין.) איינס. צוויי. דריי. זעהסט? גאָלדענע. אימפּעריאַלען. יעצט ביזטו א גבירה. און שאַ. זאָג איהם גאָרנישט. און וואַרט. אָט האָסטו נאָך איינעם. פיער. יעצט ביזטו גאָר רייך. און זאָל מיינס אריבערגעהן, נא דיר נאָך איינעם. פינף. און זאָג אַ דאַנק.

יאחנע ברײנע (האלט נאך אויסגעשטרעקט די האנד). און דאס איז אלץ? דו מיינסט עס אויף אן אמת׳ן.

טיליע (שאקעלט מיט׳ן קאפ). יא. מעהר קריעגסטו נישט.

יאחנע ברײנע. אז איך כאפ יעצט א שטעקען און צו־שפאלט דיר דעם קאפ! פינף שטיק האט זי מיר אונטערגערוקט!

טיליע. דו ווילסט נישט? טויק גיב צוריק.

יאחנע ברײנע. איך וועל דיר געבען א צוריק, אז דו וועסט נישט וויסען, פון וואנען דיר איז געקומען. גלייך זאלסטו מיר ארויס מיט׳ן גאנצען געלט!

טיליע. ווי א מענש איז שטענדיג אונצופריעדען, א!

יאחנע ברײנע. מיט׳ן גאנצען געלט זאלסטו מיר ארויס! איך וועל מיך נעמען פאר דיר...

חאניע (אהן א ראק, אין דעם איין ארבע כנפות איבער העמד און הויזען, וועלכע ער האלט ארומגעבונדען מיט א רימען, קומט אריין מיט האסט). וואס זיינען דאס פאר א קולות, אז מי הערט זיי אין דרויסען? וואס פאר א געלט? וואס טוט זיך דא? ער ליעגט און זיי...

יאחנע ברײנע. זאג איהר, זי זאל שוים אוועקגעבען דאס געלט. צוויי הונדערט רובעל, וועה מיר נישט!

טיליע (געהט צום פענסטער און מאכט עס צו).

חאניע. וואס פאר א געלט? וואס פאר א צוויי הונדערט רובעל? וואס ברעדיעסטו דארטין?

יאחנע ברײנע. זי זאל שוים אוועקגעבען, זאג איהר! יודקע האט זיי געפונען... וואס איז זי פאר א צונעמערין?

טיליע. נישט ריכטיג. איך האב זיי נישט צוגענומען. ער האט זיי מיר אליין אוועקגעשיינקט.

חאניע. טפו זאלט איהר ביידע ווערען! איך קאן דאך פון אייך נישט קלוג ווערען... וועט איהר אמאל רעדען קלארע דיבורים?

יאחנע ברײנע. זעה, קוק איהם נאר אן, מיט אמאל

האט ער אויפגעהערט צו פארשטעהן! וואס פארשטעהסטו נישט, וואס? יודקע האט באגראבען זיין זשוטשקען, האט ער געפונען גאלדענע אימפעריאלען... איז שוים גוט? האסטו שוים פארשטאנען? טיק זאג איהר, זי זאל זיי שוים אבגעבען צוריק... וואס איז זי פאר א צונעמערין? האסטו שוים יעצט פארשטאנען? טיק וואס שטעהסטו ווי א פלאקען? פאר וואס נעמסטו זיך נישט צו איהר? (צו טיליען.) הערסטו, זאלסט צעך מיר שוים ארויסרוקען מיט'ן געלט!

חאניע. איז ווארט — איז לאמיך קלאר ווערען — יודקע האט באגראבען זשוטשקען און געפונען גאלדענע אימפעריאלען... וואו האט ער איהם באגראבען? וואו האט ער זיי געפונען?

יאחנע ברײנע. זאל איך אזוי וויסען — איך האב דען מיט איהם גערעדט?

חאניע (איבערטראגענדיג זיין בליק אויף טיליען). וואו האט ער איהם באגראבען? וואו האט ער זיי געפונען?

יאחנע ברײנע (נאכקרימענדיג). „וואו האט ער איהם באגראבען? וואו האט ער זיי געפונען?" וואס געהט עס דיך שטארק אן? ער האט זיי געפונען און גענוג! יעצט זעה —

חאניע. חכמה מיינע, און טאמער איז דאס —

טיליע. אוי, טאקע! (גיט זיך א לאז צו יודקען.) יודקע! יודקע!

יאחנע ברײנע. וואס „און טאמער איז דאס"?

חאניע (קוקט זיך ארום, צו זיינען נישטא דא קיין פרעמדע אויערן און שיפעט ארויס). און טאמער איז דאס אן אוצר?

יאחנע ברײנע. אן — אן... (לאזט זיך ארוב אויף א שטול.) אי, נישט גוט איז מיר! עס האבען זיך מיר אונטערגע־בראכען די פיס, בנאמנות.

טיליע. יודקע! יודקע! הערסט מיך? — ער איז נאך נישט געקומען צו זיך.

חאניע. ווי אזוי איז עס אייך גלייך נישט איינגעפאלען צו

פרענען, פארברענט זאָלט איהר ווערען? ארומרייסען קאָנט איהר אייך נאַר! איך וועל פון אייךביידען מאַכען א תל, איך וועל אייך צורייבען אויף אַש! אַזויפיעל מענשען נאָך היינט אויפ׳ן בית עולם.

טיליע. ער האָט׳אך געווים פערשאָטען די גרוב צוריק, איז וואָס שרייסטו אזוי?

חאניע. זי איז נאָך גערעכט! וואָס שריי איך, וואָס? — און ארויס גלייך מיט׳ן געלט! שוים גלייך זאָלסטו מיר ארויס מיט׳ן געלט! (צו יאחנע בריינען.) וויפעיל האָט ער געפונען, וויפיעל?

יאחנע בריינע. איך האָב זיי דען געצעהלט? איך האָב זיי דען געזעהן? — אָט האָב איך פינף.

טיליע. איך האָב דאָס זיי איהר געשיינקט.

יאחנע בריינע. הערסטו ווערטער? זעהסטו די בעל טובה׳ניצע? זי האָט זיי נאָך א גאנצע מאסע. א איבער צעהן א ודאי.

חאניע (כאפענדיג מיט א הונגריגקייט די פינף מטבעות, בעטראכט זיי). אימפעריאלען! אימפעריאלען! אן אוצר! געווים אן אוצר! אה, באגראבען זאָל איך אייך אלעמען אין איין טאָג! (צו טיליען.) אהער מיט׳ן געלט! גלייך זאָלסטו מיר ארויס מיט׳ן געלט!

טיליע. דו מיינסט עס ווירקליך? געה. דו מאכסט ליצנות.

חאניע. דו וועסט מיר שוים ארויסלעגען פון קעשענע דאָס גאנצע געלט! (מיט פערביסענע ציינער.) דאָס געלט אהער!

טיליע. א נאר וועל איך זיין.

חאניע (גיט זיך א ריס צו איהר).

טיליע (שטעלט זיך אויף גיך צווישען טיש און דיוואן). איך זאָל אייך אוועקגעבען דאָס גאנצע געלט און דערנאָך אויסגעהן נאָך א קאָפּיקע און קליאנטשען בא אייך אויף יעדע קלייניגקייט! יודקע האָט מיר דאָס געלט געשיינקט, איז עס מיינס. איהר וועט עס

בא מיר נישט אבנעמען. דאס איז יעצט מיין נדן. איהר האט מיך עפיס פארזארגט מיט נדן? איך וויל נישט פארזעסען ווערען ביז אין גרויען צאפ. איך דארף האבען נדן. מיין נדן אהער! מיין נדן אהער!

חאניע. וואס האסטו עפיס צוגעכאפט דיר אין גאנצען? מיר דארפען אויך.

טיליע. איך האב גארנישט צוגעכאפט, און נישט אוועקגענומען אין גאנצען. אייער חלק האט איהר.

חאניע. די פינף אימפעריאלען?!

טיליע. וועט אייך געננג זיין. איהר וועט נאך באלד פטור ווערען פון מיר. און אז איהר וועט דארפען נאך, וועט איהר בא מיר שטענדיג קריגען. איך וועל אייך גיכער געבען ווי איהר מיר. אז איך פארשטעה גארנישט, ווי קאנט איהר וועלען אבנעמען בא מיר מיין געלט! מיט וואס פאר א יושר? און וואס בין איך אויסען מיט׳ן געלט? איך וויל מיך פארזארגען. איך וויל מיר קויפען כאטש א קליינעם מאן.

חאניע (צו יאחנע בריינען). וואס זאגסטו צו דיין טאכטער, הא?

יאחנע בריינע. אז אויסגעשוואומען און אויסגערונען האט זי געמאנט בא מיר ווערען!

חאניע. איך וויל עפיס נישט...

טיליע. אז סיי ווי סיי איז אן עבירה דיין טרחה. דו ווייסט׳אך, פון בית עולם נעמט מען נישט צוריק.

יודקע (שטעהט פלוצלונג אויף).

טיליע. אבער אט איז יודקע אויפגעשטאנען. פרעג בעסער בא איהם...

חאניע. דו׳סט צעך בא מיר נישט ארויסדרעהען. — יודקע!

יודקע (געהט צו דער טיר).

חאניע. יודקע, וואו׳סטו געפונען די אימפעריאלען?

יודקע (געהט ווייטער).

חאניע. אהער־צו געה, זאג איך דיר! וואו האסטו באגראָבען זשוטשקען?

יודקע (אין טיר). נישט זאגען.

חאניע. ווי הייסט „נישט זאגען“? איך הייס דאך דיר.

יודקע. נישט זאגען.

חאניע. אויפ'ן בית עולם? הינטער בית עולם? אויפ'ן אלטען פעלד? אויפ'ן נייעם פעלד?

יודקע (מיט פערשטשירעטע ציינער). הע־ע־ע־ע!

חאניע (נעמט זיך פארן רימען פון זיינע הויזען). זאלסט מיר שוים זאגען, אז נישט — זעהסטו דעם רימען? וועל איך דיר צו־קאטעווען די הויט.

יודקע (מאכט קולאקעס און שיפעט ארויס). נישט זאגען, נישט זאגען! איך אייך אלעמען דערשטיקען! (לויפט ארויס.)

טיליע (מאכט א בעוועגונג ארויסצוגעהן). מיר וועט ער זאגען. איך וועל געהן אויף גיך נאך איהם.

חאניע. ווילסט צעך בא מיר ארויסדרעהען?

טיליע. איך דארף מיך בא דיר נישט ארויסדרעהען. אבער מע מוז דאך וויסען, וואו די גרוב איז. מי דארף דאך זעהן, וואס דארטין טוט זיך. שטעל דיר פאר, אז דארטין איז א גאנצער אוצר.

חאניע. איך וויל אבער דאס געלט, וואס דו האסט.

טיליע. שוים ווייעדער. דערווייל'ע וועט יודקע דארטין אוועקגעהן און מי'ט איהם נישט קאנען געפינען. (זי געהט ארויס פין הינטערן טיש און וויל זיך לאזען צו דער טיר.)

חאניע (פערשטעלט איהר דעם וועג). וועסט בא מיר נישט ארויסגעהן פון שטוב, ביז דו וועסט נישט ארויסלעגען דאס גאנצע געלט.

טיליע. ער'ט'אך דארטין אפשר אנהעבען צו גראבען, און אנדערע וועלען דאס דערזעהן.

חאניע. לעג מיר ארוים די אימפעריאלען.

טיליע. איך רעד דאך פון דיין טובה וועגען. איך האב דאך שוים געלט.

יאחנע ברײנע. לאז זי דאך יעצט אפּ. יענער קאן דאך טאקע אנהעבען צו גראבען און אנדערע וועלען דאס דערזעהן.

טיליע. און אז דארטין ליעגט אפשר א גאנצער אוצר, ווילט זיך איהם דוקא די אימפעריאלען, וועלכע איך האב.

יאחנע ברײנע. לויף דאך בעסער נאך יודקען, און לאז זי אויך געהן.

חאניע. צוערסט וויל איך האבען די אימפעריאלען, וועלכע זי האט.

טיליע. איך וואלט דאך געקאנט ארויסשפּרינגען פון פענס־טער, נאר אז איהם ארט נישט צו פערליערען דעם גאנצען אוצר, ארט מיך אויך נישט. אוי, א גאנצער אוצר! נײן, איך שפּרינג פון פענסטער. (גיט זיך א לאז צום פענסטער.)

יאחנע ברײנע. אוי, זעה, זי טוט עס טאקע!

חאניע (גיט זיך א לאז נאך טיליען).

יודקע (קומט אריין מיט א יאמער). בור־הו... (די אנדערע ווע־רען ווי פערגליווערט אין זייערע בעוועגונגען און ווענדען איהם לאנג־זאם צו זייערע פערוואונדערט־פרעגענדיגע בליקען.)

יאחנע ברײנע (קומט די ערסטע צו זיך). וואס איז שוים ווײעדער מיט דיר? מי'ט עפּים אבגענומען ביי דיר?

יודקע. איך נישט קאן געפינען זשוטשקע'ס קבר.

יאחנע ברײנע (מיט שרעק). הערסט עפּים!

חאניע. ווי הייסט, דו קאנסט נישט געפינען?

יודקע. איך פארגעסען, וואו איך איהם באגראבען.

יאחנע ברײנע. אוי, וועה מיר נישט געשעהן.

טיליע. אט האט איהר אייך אוצרות!

חאניע. ווי הייסט, פארגעסען?

יאחנע ברײנע. ער מוז זאגען א ליגען.

יודקע (בייז). הע־ע־ע!

טיליע. פאר וואָס זאָל ער זאָגען אַ ליגען? דאָס איז אַ נאָווינע, אז ער פערגעסט נאָך אַ פּריפּאַדעק?

יאחנע ברײנע (אין פערצווייפלונג). העב זיך אָן מיט יודקעלע משוגע'נעם!

חאָניע. געדיינקסטו גאָר גאָרנישט? וואו אָן ערך אויפ'ן בית עולם? וואו אָן ערך הינטער בית עולם?

יודקע. איך איהם באַגראָבען טיעף אין ד'ר'ערד, פאַר־שאָטען... איך געשטעלט אַ קליין ברעטעל... איך געשטעלט אַ מצבה... מיט'ן מעסערל איך אויסגעשניטען „זשוטשקע תנצב"ה". און איך נישט מעהר וייס, וואו. איך... דאכט זיך אַ וואנד, דאכט זיך אַ בוים...

טיליע. זאָלען מיר דיר העלפען זוכען?

יודקע. איך נישט וויס, וואו. איך נישט געפינען מעהר!

(ציעהט זיך אוים אויף דער לעזשאַנקע און כניקעט. דורך דער אָפענער טיר רעבטס דרינגט אריין פון גאַס אַ געיאָמער און אַ גערויש פון קולות.)

טיליע. מי'ט יעצט דאַרפען ארומגעהן דעם גאַנצען בית עולם און אומעטום ארום בית עולם און זוכען דאָס ברעטעל.

יאחנע ברײנע. דאָס איז פאַלג מיך י' גאַנג.

טיליע. דיר קאָן עס נישט לוינען, וואָס?

חאָניע. איז דאַרטין געבליעבען נאָך אימפעריאַלען, אָדער ער האָט אַלץ צוגענומען?

טיליע. ווער'ט בא איהם געקאָנט וואָס ארויסקריגען?

חאָניע (מיט כעס). אָבער אריינטרייבען איהם אין די נכפה, דאָס האָסטו יאַ געקאָנט? ארויסקריגען בא איהם וואָס נויטיג, דאָס קאָנסטו נישט.

טיליע. שרייסט אומזיסט. איך האָב איהם נישט אריינ־געטריבען אין די נכפה.

חאָניע. דו'סט צעך דאָך מסתמא מיט איהם אָנגעהויבען, דו! דו'סט'אָך געדאַרפט אויף גיך צוכאַפּען די אימפעריאַלען.

טיליע. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, איך האָב נישט צוגעכאַפּט, איך האָב איהם נישט געריייצט. די מאַמע האָט...

חאַניע. אַ מפּלה זאָל אויף אייך אַלעמען קומען אין איין טאָג! (צו טיליע'ן.) אָבער דאָס זאָג איך דיר, איך האָב צו דיר יעצט קיין צייט נישט און קיין כחות נישט, אָבער איך וועל אָפּנעמען בּאַ דיר ביז אַ גראָשען דו'סט מיר מוזען ארויסלעגען אויפ'ן טיש דאָס גאַנצע געלט. איך וועל דיך הרג'ענען און ממית'ן.

טיליע. אוהום.

חאַניע. מאַגסט זיין זיכער, אַז דו'סט מיר ארויסגעבען ביז אַ גראָשען. איך געה יעצט צו נאָך אַ קבורה — אַ קבורה זאָל איך אייך מאַכען אין גיכע צייטען נאָר! — און איהר זאָלט נישט ארומלויפען יעצט זוכען איבער'ן בית עולם: צו פיעל מענשען. און איהר זאָלט אייך נישט דערוועגען דערווייליע מיט עמיצען צו פּלאַפּלען, קאַפּמענשען מיינע! (געהט אַוועק.)

טיליע. אַוועקנעמען וועט ער בּאַ מיר. ער'ט שוים בּאַ מיר אַ סך קריגען. (שפּרינגט ארויף אויפ'ן בעט, כאַפּט אַראָב אַ יאַקעל און דאָס היטעלע — אַלטע, אָבגעטראָגענע זאַכען — און העבּט־אָן אָנצוטאָן זיך פאַר'ן שפּיעגעלע.)

יאחנע ברײנע. וואוהין לויפסטו דאָס עפּעס? וואוהין ווילסטו דיך אָבטראָגען?

טיליע. דאָס געלט פאַרזאָרגען. זיך פאַרזאָרגען.

יאחנע ברײנע. וואוהין ווילסטו לויפען מיט'ן געלט? די שטאָדט אויף מאַכען? שוים זאָלסטו מיר ארויסגעבען דאָס געלט!

טיליע. העב נישט אָן פון אָנהעב, מאַמע, העב נישט אָן פון אָנהעב. אָך, איך זאָג דיר, גאָר אַ מאָדנע געפיהל, צו האָבען געלט ביי זיך... הערסט, מאַמע, געלט וואַרימט... וואָלסטו וויסען, ווי מיר איז יעצט מאָדנע וואַרם... איך פיהל מיך גאָר ווי אַן אַנדער מענש. עפּיס אַ נייע הויט.. טיליע חאַניע דעם קברן'ס, די אייי־בּיגע קבצנ'טע, האָט געלט ביי זיך! (קלאַפּט זיך אויף דער קעשענע.)

הערסט. ווי עס קלינגט? און יודקעלע וועט זיך נאָך דערמאָנען און מיר וועלען געפינען אַ גאַנצען אוצר. אוי, מאַמע, אַ גאַנצען אוצר! אוי, אוי! עס שווינדעלט אין קאָפּ! מיר קאָנען נאָך ווערען גבירים אדירים! אוי, איך וועל דאָך איבערקעהרען אַ גאַנצע וועלט!

יאַחנע ברײַנע. ווי דאָס'ט'צעך צורעדט! ווי דאָס'ט־צעך צורעדט! די צײַנער פאַררעדט עס!

טיליע. נאַ, אצינד בין איך פאַרטיג. אָנגעטאָן און אויס־געפּוצט. דאָס היטעלע האָט שוין אפילו געדאַרפט אַרויסגעוואָר־פען ווערען אויפ'ן מיסט. דאָס יאַקעל אויך. און דאָס קליידעל אַ ודאי. אָבער איך האָב יעצט די ממתקים. מאַמע, איך פיהל, אַז איך דאַרף דיך יעצט אַ קוש טאָן. (לויפט־צו און כאַפּט זי אַרום.)

יאַחנע ברײַנע (שטופּט זי פון זיך). געה אוועק פון מיר! טרעט אָפּ בעסער מיט גוטען. (פּרופט זיך דערווײַלע אַרײַנ־צוקריכען צו טיליע'ן אין קעשענע.)

טיליע. עהע, דאָס נישט. (שטופּט אָב איהר האַנד.) דאָס איז גנבה. מי טאָר נישט. נאַ, אַ גוטען טאָג דיר. און אַ גוטען טאָג דיר, יודקעלע! וויין נישט, יודקעלע! און דערמאָן דיך דאָ! (צו יאַחנע ברײַנע'ן.) און אויב ער וועט דאָ אַרויס אויפ'ן בית עולם, זאָלסטו איהם נאָכגעהן. פאַרזאָג זיך נישט מיט דײַנע קינות. אויף וויעדערזעהענים! (איילט אַרויס.)

יאַחנע ברײַנע. סאַר אַ מויד דאָס איז! — אַי, וועה! אַי, וועה! — (דאָס פריערדיגע געיאָמער דרינגט יעצט אַרײַן פון דער בית עולם זייט. זי קרעכצט אָב און געהט לאַנגזאַם צו צום פענסטער און עפענט עס אויף. דאָס געיאָמער דרינגט יעצט אַרײַן מיט זײַן גאַנצער שרעקליכקייט זי קוקט אַרויס, קרעכצט אָב און געהט צו איהר זיץ.) אוצרות, אוצרות... אָט האָסטו נאָך אַ לויה... אָך, אָך, אָך... (זעצט זיך און העבט אָן צו לייענען.)

פאָרהאַנג פאַלט.

צווייטער אקט

דאָסזעלבע צימער. פאַרנאַכט בין מנחה למעריב. דער טיש איז געדעקט מיט אַן אַלטען טישטוך. אַ ברענענדיגע לאָמפּ אין מיטען טיש. אַ סאַמאָוואַר אויפ'ן ברעג טיש. אַ לעבעל ברויט גישט ווייט פון דער לאָמפּ. ביי די זייטען טיש: טעלער, לעפעל, מעסער און גלעזער.

יאַחנע ברייינע זיצט ביים רעכטען פענסטער, מיט איין האַנד אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ.

יודקע, אַנגערוקט, זיצט אויף דער לעזשאַנקע.

יאַחנע ברייינע. דער טאַטע וועט שוין באַלד קומען פון מעריב, און זי איז נאָך אַלץ נישטאָ. וואוהין האָט זי דאָס געקאָנט פאַרשווינדען, וואוהין האָט זי דאָס געקאָנט? טאָמער וואָלסטו זעך דאָך דורכגעהן צו דער מומען.

יודקע. זי אַליין קומען. ניש'קשה.

יאַחנע ברייינע. אָך! — און מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז זי וועט פאַרנאַנדערפּויקען איבער דער גאַנצער שטאָדט. מיר וועלען שוין דאָ מסתמא האָבען היינט גאַנץ שטאָדט. זוכער וועלען זיך געפינען. — וואָס'ט'צעך אוועקגעזעצט און זיצסט? פאַר וואָס געהסטו נישט זוכען?

יודקע. איך נישט געפין. איך נישט געדיינק. איך פאַר־געסען. איך מיר נישט מיין דאגה.

יאַחנע ברייינע. נישט דיין דאגה גאָר! פאַרגעסען האָט ער! אזא שטיק שלאַק! — אוי, קינדערלעך האָבען מיר! — יענע — יענע האָט געווים פאַרנאַנדערגעפּויקט. — אוי, וועט איהר דער טאַטע געבען! (מען הערט אַ דראָזשקע צופאָהרען, און דאַן אַ

קלאַפּ מיט דער גאַסטיר. יאַכנע ברײנע שפּרינגט־אויף.) װער'ט'אָם עפּעס געקאָנט קומען צו פֿאָהרען?

טיליע (קומט ארײן. זי איז אויסגעפּוצט אין גײע, נאָך דער לעצטער מאָדע אויפגענעהטע זײדענע קלײד און בלוזע, אַ שפּיצענ־היטעלע מיט גרויסע פעדערן, מיט אַ שפּיצענזאָנטיק און װײסע הענד־שיקעס אין אײן האַנד און אַ קאַרטאָנקעסטעל און אַ גרוים פּעקעל אין דער אַנדערער. פינגערלעך אויף צװײ פינגער פֿון דער לינקער האַנד און אוירינגלעך אין די אויערן).

יאַכנע ברײנע און יודקע (בלײבען גאַנץ נשתומם פֿאַר איבערראַשונג).

טיליע (ברעכט־אויס אין אַ הויכען געלעכטער).

יאַכנע ברײנע (קומט ענדליך צו זיך). קרוינעלעך מײנע, װי זעהט זי עפּים אוים? דאָס ביזטו אפשר געקומען צו פֿאָהרען?

טיליע (אַלץ לאַכענדיג). װער דען? אין אַ פאַעטאָן אפילו. איצטער, מאמע, אַ חתן אהער, חתונה־קלײדער האָב איך שוים. (העבט־אָן ארומצודרעהען זיך מיט דער האַלטונג פֿון אַ גרויסארטיגער דאַמע.)

יודקע (לאַכט־אויף). הא־הא... הע־הע... (פֿון ציים צו ציים שטויסט ער ארוים דאַסזעלביגע לאַכען.)

טיליע (דרעהענדיג זיך). װי געפֿעל איך אײך עפּים? װי געפֿעלט אײך עפּים מײן קלײד? געקויפט בײ זעלדאַװיטש דעם שנײדער.

יאַכנע ברײנע. בא זעלדאַװיטש דעם שנײדער?!

טיליע. װאָס דען מײנסטו, איך װעל געהן צו אבי װעמען? דאָס קלײד האָט ער גענעהט פֿאַר שמערלינג'ס טאָכטער, װעלכע איז געשטאָרבען אַ װאָך פֿאַר איהר חתונה. איך האָב עס געקויפט בחצי חנם. זעה נאָר מײן היטעלע — דווקא פֿון דער פּאַריזשער מאָדיסטקע.

יאַכנע ברײנע. װעה מיר נישט געשעהן, װי פֿאַר־

גינט מען זיך אזא היטעלע צו קויפען?! ׳ס האָט׳אַך געמוזט אבקאָסטען —

טילי ע. וואָס איז, איך האָב עפּיס קיין געלט נישט? — זעה אָבער, ווי ׳ס קליידט מיר. שיק, וואָס? (פּאַקט אויף דאָס קאַרטאָנקעסטעל.) און דאָ האָסטו — קוק און וואונדער זיך! — א מאַנטעלע. דוקא געגאַנגען צו גערשונסקי׳ן.

יאַחנע ברײנע. משוגע מײנע שונאים! מי האָט דיך דאָרטין נישט ארויסגעטריעבען?

טילי ע. אז מי צאָהלט גוט געלט, טרייבט מען קיינעם נישט ארוים. זעה נאָר, ווי עס זיצט אויף מיר. ווי געגעהט, נישט אפשר? — דו׳סט זעהן, איך וועל אָנטאָן דאָס קלייד און דאָס מאַנטעלע און דאָס היטעלע — און דאָ האָב איך נאָך עפּיס — זעה נאָר, וואָס פאר א מין זאָנטיק! א זיידענער... זעה נאָר די קרוזשעוועס... און נאָך אויך — זעה נאָר א פּאָר הענטשיקעס, אמת׳ע גוטע לייקע.

יאַחנע ברײנע (שוסט ארוים). וועה מיר נישט, האָסט׳אַך מסתמא אויסגעגעבען דאָס גאַנצע געלט!

טילי ע. וואַרט נאָך, יעצט קומט ערסט דאָס רעכטע גע־דיכטע.

יאַחנע ברײנע (מיט שרעק). עס קומט נאָך ערסט?!

טילי ע (טרייסעלט מיט די אויערן). קוק נאָר אהער. עס פינקעלט און עס בלישטשעט. און קוק אהער — א דימענטענער רינג נומער איינס און א דימענטענער רינג נומער צוויי. און יעצט — וויפיעל איז דאָס א זייגער? (נעמט ארוים א גאָלדען זייגערל אויף א גאָלדענעם קייטעלע.) נו, ווי געפעלט עס דיר? און דאָס, מיינסטו, איז שוין אלץ? ביי זעלדאָוויטש׳ען האָב איך מיר באשטעלט נאָך א קלייד.

יאַחנע ברײנע (שרייט אויף). ׳ס גאַנצע געלט! ׳ס גאַנצע געלט!

טילי ע. האָב צייט, איך האָב נאָך. אָבער דאָס איז שוים

פאר אייך. (פאקט פערנאנדער דאָס פעקעל.) זעהסט, דיר אויף אַ קלייד. עכט גוטע וואָל. צוועלף אַרשין. קאָסט אַ סך געלט. טו נאָר אַ קוק, וואָס פאר אַ שטאָף. (טראָגט איהר אונטער די וואָל.)

יאהנע ברײנע (גיט אַ שמיץ די וואָל אָן אַ זייט). ברעך דעם קאָפּ מיט דעם שטאָף צוזאַמען! ווער האָט דיך געבעטען, ווער?

טיליע. מיין גוט הארץ. ווייל איך בין אַ גוטע טאָכטער. ווי קאָן מען עס קויפען נאָר פאר זיך אליין? (העבט אויף די וואָל פון דער ערד און פוצט אָב.) האָסט נאָך אַזאַ וואָל אויף דיין לעבענס־טאָג נישט געטראָגען און שמייסט זי אויף דר'ערד. אַזאַ פארברעך! קום, יודקע, זעה. דיר און דעם טאטען אויף קאָסטיומען. בגדי מלכות.

יודקע (שפרינגט אַראָב פון דער לעזשאַנקע, קוקט זיך צו, צוגעהט זיך אין אַ געלעכטערל, גלעט דעם שטאָף). שיין. שיין. איך מיך שיין אויספוצען. מיר ביידע שפאצירען. געליארעמט. היהיהי... (כאַפּט זי אונטער'ן אָרם און שפאצירט זיך מיט איהר דורך דאָס צימער. דערנאָך בלייבט ער שטעהן, בעקוקט, בעטאַפּט און בעוואונדערט איהרע נייע זאכען, אָפּט אויפלאכענדיג.)

יאהנע ברײנע (וועלכע קאָן גאָר נישט ארויסקומען פון ערשטוינונג). 'ס גאַנצע געלט... 'ס גאַנצע געלט... און וואָס איז דער שכל דערפון?

טיליע. שכל... שכל... דאַרף דען אין אַלץ ליגען שכל?

יאהנע ברײנע. אַ שיינער תירוץ, נישטאָ וואָס צו זאָגען? דאָס האָסטו אַזוי דיין נדן! „מיין נדן אהער! מיין נדן אהער!" און געהט און ווארפט ארויס דאָס גאַנצע געלט צום שד, צום מחבל, צו אַל'די רוחות! — און מסתמא האָסטו שוים פאר־נאַנדערגעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָדט?

טיליע. וואָס דען? אה, וואָלסטו זעהן: די גאַס איז געוועזען געדיכט פון מענשען. פון אַלע זייטען און עקען איז מען געקומען צולויפען אָנצוקוקען די אימפּעריאַלען.

יאהנע ברײנע. אַי, איך וועל מיר אַ מיתה אָנטאָן!

אַי, איך וועל כאַפּען, וואָס מיר וועט אַריין אין די הענט און וועל דיר צופּלעטשען דעם מוח! די גאַנצע שטאָדט וועט'אַך יעצט קומען אהער זוכען דעם אוצר!

טיליע. זאָרג דיך נישט, מי'ט נישט קומען. איך וועל דאָך נישט זיין אַזאַ נאַר און דערצעהלען, אַז דער אוצר איז נאָך ערגיץ־וואו אין דער ערד אויפ'ן בית־עולם. איך האָב בעסער דערצעהלט, אַז מיר האָבען איהם שוין געפונען. וואָלסטו זעהן, די גאַנצע שטאָדט מיינט יעצט, אַז מיר זיינען מיליאָנערען.

יאחנע ברײנע. אַ גליק האָט אונז געטראָפען אַ בי־סעל, אַז מען מיינט! האָסטו אַ טראַכט געטאָן, וואָס דו קאָנסט אָנמאַכען מיט אַזאַ קלאַנג?

טיליע. און אַז איך האָב אַ טראַכט געטאָן, איז וואָס? און אַז איך האָב צוואַנציג מאָל אַ טראַכט געטאָן, איז וואָס?

יאחנע ברײנע. ווי הייסט, איז וואָס? פון מיליאָנע־רען וועט מען דאָך וועלען, זיי זאָלען זיך בענעמען ווי מיליאָנערען.

טיליע. האָב איך דיר שוים אויף דערויף טויזענד תירוצים. ערסטענס מאָגען דאָך זיין קאַרגע מיליאָנערען, וועלען מיר זיין קאַרגע מיליאָנערען. צווייטענס — —

יאחנע ברײנע. אוי, וועה מיר נישט געשעהן, זי האָט פאַרקאָכט אַ גוטע חתונה! דער טאַטע וועט נאָך פאַרלירען די שטעל. שטאָדט וועט'אַך מסתמא גלייך וועלען האַלטען אַ קאַרגען מיליאָנער פאַר אַ קבצן! אוי, מיר וועלען איבער דיר אַוועק אין די הייזער!

טיליע. שאַ, נאַר נישט מיט תחינות. פאַר וואָס זאָל מען איהם אָבזאָגען פון דער שטעל? פאַרנעמט ער דען עמיצענס? וועט ער דען בעטען מעהר שכירות? אַז ער איז אַ קאַרגער מי־ליאָנער, טוט ער ווענמען דערמיט אַ רעה? און צווייטענס — פאַרשטעהסט, און צווייטענס! — וועלען מיר דערוויי‎ל זוכען דעם אוצר. און יודקע וועט זיך נאָך מסתמא אליין דערמאָנען.

יודקע. אוי, איך מיך נישט קאָן.

יאחנע ברײנע. און וואָס וועט זיין, אז דו'סט דאַרטין געפינען בלויז זשוטשקעס פגירה? אז דער גאנצער אוצר וועט זיין בלויז די אימפעריאלען, וואָס יודקע האָט געבראַכט און וואָס זיינען יעצט שוים אויך גישטאָ?

טיליע. איז ואחרי ככלות הכל... (שטעהט אַ ווײלע שטיל.) עך, כאָטש אויף אַ ווײלע הייסען כאָטש אַ קארגען מיליאָנערס אַ טאָכטער! איך וועל מיך דאָס אויספוצען אין מיין קלייד און מאנטעלע און היטעלע, מיט די אוירינגלעך, מיט די הענטשיקעס און דעם זאָנטיק און דעם זייגערל — און די הענטשיקעס וועל איך נישט אַנטאָן, נאָר וועל זיי האלטען אין דער האנט, אַט אזוי, אַ, כדי מי זאָל זעהן די פינגערלעך — אה, וועל איך מיך דאָס אויס־פוצען, מעשה שיק, און וועל מיך דאָס דורכגעהן איבער די גאסען און אויפ'ן בולוואר, וועסטו זעהן, עס'ט זיך עקען אַ וועלט! קינד און קויט וועט נאָך מיר נאָכלויפען.

יאחנע ברײנע. אוי, זי איז משוגע געוואָרען, אויף מיינע נאמנות!

טיליע. אה, כאָטש אויף אַ ווײלע זיך פיהלען פאר אַ מיליאָנערס אַ טאָכטער, פיהלען, אַז אלע קוקען אויף דיר, אַז אלע לויפען נאָך דיר נאָך...

יאחנע ברײנע. נאָך ציפּע דער משוגענער לויפט מען אויך נאָך. איך האָב מורא, אז מי'ט נאָך דיר אויך אזוי נאָכלויפען.

טיליע. אוי, דאָס איז אזוי גוט! וואָלסטו זעהן, ווי מי'ט דאָס אצינד געקוקט אויף מיר, וואָס פאר אַ וואָרע מי'ט דאָס גע־מאַכט פאר מיר. און איך בין דאָס געגאנגען, אַט אזוי אַ, דעם קאָפּ פארריסען, מיט אזא מין מינע... אוי, וואָלט איך געקאָנט זיין אַ מיליאָנערס אַ טאָכטער! און וועסט זעהן, ווי איך וועל דאָס זיין.

יאחנע ברײנע. נו, האָסטו צו איהר עפּעס, קרוינע־לעך? וואָס'ט צעך שוים איינגעשמועסט, וואָס?

טיליע. אַך, דו פאַרשטעהסט עס נישט! דו פאַרשטעהסט עס נישט!

יאַחנע ברינע. און אַז פון אַלץ וועט זיך אויסלאָזען אַ חלום? ווי וועסטו יעמאָלט אויסזעהן? ווי וועסטו זיך קאָנען באַווייזען אין אַ גאַס?

טיליע. ווי און וואָס און ווער און וועמען... ע, טשאָרט פּאָבערי, פאַר מאָרגען זאָל גאָט זאָרגען! דערווייל וועל איך זיין אַ „מיליאָנערקע". אָה, וואָלסטו וויסען, וואָס פאַר אַ קלייד איך האָב מיר באַשטעלט! איך וויים אַליין נישט, פון וואַנען איך פאַרשטעה מיך אַזוי אויף מאָדעס. הפּנים, עס איז שוים אַזוי, אַז עס קומט געלט, קומט געשמאַק.

יאַחנע ברינע. און קיין אַנדער צייט האָסטו נישט געפונען ווען אויסצופּוצען זיך, ווי גאָר אום תשעה באָב!

טיליע. האָבען מיר דען די קרעמער נישט פאַרקויפט? וואָס דען זיצען זיי היינט אין די קראָמען? און טאַקע, ווען נישט זיי, וואָלט איך מיר אפשר גאָרנישט געקויפט. וואָרום געגאַנגען בין איך און האָב מיך אַלץ געשלאָגען מיט דער דעה, צי זאָל איך אויסגעבען דאָס געלד אָדער אריינטראָגען עס אין באַנק. נאָר אַז איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי זעלדאָוויטשען און באַ איהם אין פענסטער איז געוועזען אויסגעשטעלט שמערלינגס טאַבטערס קלייד פאַר האַלב מקח, האָב איך מיר אַ זאָג געטאָן: עך, איין מאָל לעבט מען דאָך נאָר! און וואו איז דאָס געזאָגט געוואָרען, אַז טיליע חאַניע דעם קברנס דאַרף דאָס אָבגעהן איהר גאַנץ לעבען, ווי אַ שלעפּערקע. וואָס וועט זיין, וועט זיין. דאָס געלט איז דאָך סיי ווי סיי געפונענס...

יאַחנע ברײנע. אַ שיינע בעל־תכלית'ניצע, נישטאָ וואָס צו רעדען!

טיליע. און דאָ האָט זיך מיר פּלוצלונג פאַרוואָלט גילטען פאַר אַ מיליאָנערקע — אַזוי אַ געדאַנק דורכגעפלויגען — און די קראָמען ארום זיינען אַלע אָפען — —

יאחנע ברײנע. דו פאסט'אָך, דאכט זיך. פון װאנען האסטו גענומען די כחות א גאנצען טאג?.

טיליע. האהאהא, אז מי איז א מיליאנערקע, פאסט'ן נישט. פון דער פאריזשער מאָדיסטקע בין איך ארײן צו לעאָן דעם קאנדיטאר אין קאנדיטארסקע און האב מיר געלאָזען דער־לאנגען — —

יאחנע ברײנע. אוי, באקעם זאל דיר דאס ארױס־קומען! דערװערגען האסטו זיך געמאַגט מיט'ן ערסטען ביסען! אוי, אװעק פון מײנע אױגען, דו שטיק משומדת'טע, איך צופראשקע דיר דײן צורה! אוי, איך כאפ עפעס...

טיליע (לאכט). אָי, איז דאָס געװעזען אַן אבפאסטען זיך! װילסט'צעך אבפאסטען? קום מיט מיר, איך װעל דיך מכבד זײן.

יאחנע ברײנע. אז קומען זאל אויף דיר א טױט, רבונו של עולם! אז מכבד זײן זאל ער דיך מיט א געשװיר פון א פוד פיער! װאס פאר א מויד דאס איז, רבונו של עולם!

טיליע. אה, איז דאָס גוט צו האבען א סך געלט! און — אוי! א סוד, א סוד, מאמע... אז איך װעל יעצט װעלען, װעל איך האבען בחורים צעהן פאר אײנעם!

יאחנע ברײנע. אָט דאס אלץ, אָט, בחורים, א, ליעגען איהר אין קאפ.

טליע. דו װײסט גארנישט, מאמע? דאס איז דאך דער עיקר!

יאחנע ברײנע. טפוי, צו דײן קאפ, צו דײנע הענט און פיס! דײן גליק, װאס איך האב איצט קײן כח נישט, אז נישט — (עס הערט זיך א קלאפ מיט דער דרױסען־טיר.) אוי, אָט געהט שוים דער טאטע פון מעריב!

האניע (אין אַן אבגעטראָגענעם שװארצען פערפלעקטען סיורטוק איבער דעם ארבע כנפות און מיט א שטאָק אין דער האנד, קומט ארײן הענכסט אױפגערעגט). הא, װאס האב איך דיר געזאגט? (דער־

זעהט טיליען און בלייבט שטעהן מיט אן אפענעם מויל.) זעהסט, זי איז דאך טאקע אויסגעפוצט!

טיליע (צולאכט זיך).

חאניע (צו יאחנע ברײנען). אוי, דו ווייסט נישט, וואס זי האט אבגעטאן! זי וועט אונז ארויפברײנגען אויפ'ן פייער!

יאחנע ברײנע. וואס איז שוים — וואס איז שוים געשעען?

חאניע (צו טיליען). איך וועל אויף דיר צורייסען ביז א פאדים און וועל דיך ארויסווארפען פון מיין שטוב!

טיליע. וואס'ט'צעך אזוי צושריען? וואס האב איך אזוי אבגעטאן, וואס?

חאניע. זי פרעגט נאך, די פארשטאכענע אויגען! האט פאנאנדערגעטראגען איבער דער גאנצער שטאדט, אז מיר האבען געפונען אן אוצר, האט זיך ארומגעווארפען מיט געלט, אקוראט, ווי דאס וואלט געוועזען אן אמת — און זי פרעגט נאך, וואס האט זי אבגעטאן!

טיליע. נו, טאקע וואס?

חאניע. הערסט, זי פרעגט נאך ווייעדער! דו גלאמפ מיט צוויי אויגען, דו בהמה בצורת פערד, דו — — איך וועל דיך דאך שלאגען מכות רצח!

טיליע. דו וועסט... דו וועסט... זעז דיך בעסער טרינקען טיי און עסען נאכ'ן תענית...

חאניע. דו'סט צעך שוים אבגעפאסט, הא?! אין קאנ־דיטארסקע דארטין?!

יאחנע ברײנע. דאס ווייסטו שוים אויך?

חאניע. ווי הייסט! עס קלינגט'אך מיט איהר גאנץ שטאדט. די שול איז דאך געגאנגען כאדראם. איך האב דען גע־קאנט מעריב דאווענען? האט דען אימעץ אנדערם געקאנט דאווענען? מע האט'אך נאר גערעדט ווי וועגען איהר און דעם אוצר. ווער איז דען נישט צוגעגאנגען צו מיר און געפרעגט? די גאנצע שול איז

דאך געוועזען ארום מיר. איך האב געמוזט שטעהן דוקא אין מזרח לעבען סאסקינ׳ען...

טילע. לעבען גביר? איז הערסט, וואס שרייסטו אזוי? האסטו דאך נאך געהאט כבוד דורך מיר? ווען האט זיך דיר געחלומ׳ט צו שטעהן אין מזרח לעבען א גביר?

חאניע. א דאנק דיר פאר דער טובה, מיין קלוגע טאכטער! האסט געמאגט דיר ברעכען קאפ און פיס, איידער דו ביזט געגאנגען טאן מיר אזא טובה! וואס וועל איך טאן מארגען, אז מי׳ט זיך דערוויסען, אז איך האב נישט געפונען קיין אוצר?

טיליע. וועסטו ווייטער שטעהן ביי דער טיר. דערווייל אבער ביזטו געשטאנען אין מזרח לעבען א גביר — וואס האסטו אנגעווארען?

יאחנע ברײנע. זי פרעגט אלץ, וואס האט׳ן אנגעווארען!

חאניע. איך בין דיר מוחל דיינע מזרחס, האסטו פארשטאנען! ווער האט דיר געהייסען פאנאנדערפויקען? וואס ביזטו דאס מיט א מאל אוועקגעגאנגען אויספוצען זיך און עסען אין קאנדיטארסקע און פאהרען אין פאעטאנס? וואס ביזטו דאס פאר א בעל־הבית׳טע אויף דאס געלט?

טיליע. דאס איז שוים איינמאל אבגערעדט.

חאניע. ווי הייסט, אבגערעדט? ווער האט אבגערעדט? דו וועסט צעך מיר ארויסרוקען מיט׳ן גאנצען געלט! דו׳סט מיר אבטראגען די אלע זאכען צוריק און ברייגגען מיר דאס געלט.

טיליע. יודקע, דאס געלט איז דאך מיינס, ווי?

יודקע. דיינס. איך דיר. איך דיר. אלץ.

חאניע. איך וועל אבער דיר...!

יאחנע ברײנע. אבער, חאניע, האסט מסתמא פארגעסען, אז דו׳סט היינט געפאסט. געה, וואש דיך און עס. טרינק א גלעזעל טיי. (גיסט איהם אן.) אוי, אוי! און איך האב שוים

נאָר קיין כח נישט צו ריהרען מיט אן אבר. דאָס איז מיר א גוטער צונאָב צום תענית.

חאַניע. און איך בין שוים זאַט. פון די צרות בין איך זאַט. (זעצט זיך ביים טיש און טרינקט טיי.) און אויסער דעם האָט דער שמש נאָך מעריב געבראַכט בראַנפען מיט לעקעך, און מיר האָבען געמאַכט ברכה — איך און דער רב, און דער גביר, און דער גבאי.

טילע. זעהסטו, זעהסטו, דארפסטו מיר דאָך געבען א דאַנק.

חאַניע (מיט פעראַכטונג). א דאַנק וועל איך דיר געבען — איבער'ן קאָפּ וועל איך דיר געבען! — עס וואָלט מיר דען געאַרט, ווען דאָס וואָלט געווען אן אמת, ווען איך וואָלט געהאַט דעם אוצר אין קעשענע? בא וואָס וועל איך אָבער בלייבען מאָרגען? צו וואָס האָסטו דאָס געדאַרפט אזוי שנעל פאַרנאַנדערפּויקען? — עס איז מיר געוואָרען פינסטער אין די אויגען, ווען איך האָב דער־הערט, אז מי רעדט וועגען דעם אוצר. צוערשט האָב איך געמיינט, אז מי ווייס, אז מיר האָבען איהם נאָך נישט געפונען.

טילע. האָסטו שוים געמיינט, אז די גאַנצע שטאָדט לויפט אויפ'ן בית עולם זוכען איהם.

חאַניע. וואָס דען? הענט און פיס זיינען מיר אָבגע־שטאָרבען. ערשט איך הער, מי רעדט מיט מיר וועגען א געפונענעם אוצר. וויל איך לייקענען שטיין און ביין, אז עס העבט זיך נאָר נישט אן אזא זאַך — זאָגט מען מיר, אז 'ס איז שוים שפּעט צו בעהאַלטען זיך: מיין טאָכטערקע — — פּטור זאָל איך פון איהר ווערען אין גיכע צייטען נאָר — —

טילע. אמן!

חאַניע. דו שווייגסט, אָדער — —

טילע. איך מיין, דו זאָלסט מיך אין גיכען אויסגעבען. וואָס דארפסטו אזוי אין כעס ווערען?

חאַניע. אויסגעבען, יאָ, פאַר'ן מלאך המות! — דער־צעהלט מען מיר, אז מיין טאָכטערקע האָט אויסגעגעבען מאָסען

געלט אויף פארשיעדענע קליידער און צירונג אין די בעסטע און רייכסטע געשעפטען. איך האב אויפגעמאכט מויל און אויערען — איך ווייס נישט פון וואס צו זאגען. זאג איך זיי דעם אמת — איך ווייס דארטין עטליכע אימפעריאלען. און איך שעם מיך דאך צו דערצעהלען, אז איך ווייס גאר אפילו נישט וויפיעל, ווייל מיין טאכטערקע האט זיי אריינגעכאפט צו זיך — כאפען זאל זי די נכפה —

יאחנע ברײנע (מיט חאס). אמן הלואי!

חאניע. איז זאג איך, איך ווייס דארטין א צעהן־פופצעהן אימפעריאלען, און אפשר נאך ווייניגער. לאכט מען מיך אויס: „איהר קאנט קיין ליגען נישט זאגען, רב חאניע" — „רב חאניע", אזוי האבען אלע שוים צו מיר גערערט, נישט חאניע.

טיליע (לאכט). הוררא!

חאניע (ווארפט איהר צו א בייזען בליק). „איהר קאנט קיין ליגען נישט זאגען," זאגט מען צו מיר. „אייער טאכטער האט אויס־געגעבען היינט בכפל כפלים." ווייס איך דאך שוים מעהר גארנישט וואס צו רעדען, זאאיקע איך מיך, „מע'קע". און אלע געבען מיר א „מזל טוב", אלע שפארען מיר די האנד, און איך שטעה און ווייס נישט, צי חלום איך, צו בין איך משוגע געווארען. און דא זאגט מיר דער רב, אז ער וויל מיט מיר עפעס רעדען...

טיליע (שיסט אויס א געלעכטער). ער וויל מסתמא, דו זאלסט געמען זיין צד אנקעגנע דעם אנדער רב, וועלכען מי האט אויסגעשריעבען.

חאניע. און דא זאגט מיר סאסקין, אז ער וויל מיט מיר עפעס רעדען.

יאחנע ברײנע. סאסקין! אוי, איך האב מיך שיער נישט דערוואָרגען מיט'ן ביסען!

טיליע. מסתמא א שותפות מאכען, האחאחא!

חאניע. זאל איך אזוי וויסען פון דיר, ווי איך ווייס, וואס

איך האָב מיט ביידען צו רעדען. (ווידער אויפשרייענדיג.) אוי, ווי אַ פיש וואָלט איך זי צוריסען! וואָס פאַר אַ קאַשע זי'ט פאַרקאָכט!

טיליע (לאַכט אויף)

יאַחנע בריינע. זי לאַכט נאָך.

טיליע. דאָס איז אפשר נישט צום לאַכען? מיר זיינען דאָך יעצט עפּיס

חאַניע (מיט כעס). אוי! (שפּרינגט אויף, גיט זיך אַ ריס צו טיליען, האַלט זיך אָבער צוריק.) זאָג מיר גלייך, וויפיעל געלט דו האָסט געהאַט?!

טיליע. אַט, מעהר ווי איך האָב איצטער.

חאַניע. זאָלסט מיר זאָגען קלאָרע דיבורים!

יאַחנע בריינע. וואָס אַרט דיך, אַז דו 'עסט זאָגען?

טיליע. ווייל דאָס געלט איז מיינס און איך דאַרף אייך נישט אָבגעבען קיין חשבון. און עס איז גלאַט אינטערעסאַנטער, אַז איהר ווייסט עס נישט.

יאַחנע בריינע. וואָס זאָגט מען צו איהר קאָפּ?

חאַניע. נו, וועל איך באַלד מאַכען, אַז דו וועסט מיר זאָגען. (נעמט זיין שטאָק.) וועסטו זאָגען?

יודקע (בייז אויף חאַניען). הע־ע־ע!

יאַחנע בריינע. לאָזט רוהיג אָפּעסען, לאָזט כאָטש.

טיליע (רוהיג). פאַרליער נישט קיין צייט אויף איבעריגע זאַכען. עס אָפּ און לאָמיר בעסער ארויסגעהן זוכען דעם אוצר.

חאַניע. דו וועסט מיר גלייך זאָגען.

טיליע. גוט. זאָל מיינס אריבערגעהן. אַז פון דעם אוצר וועט זיך גאָרנישט אויסלאָזען, וועל איך דיר אַלץ זאָגען: וויפיעל געלט איך האָב געהאַט און וועל דיר אָפּגעבען פון אַלץ אַ דין וחשבון.

חאַניע (קלאַפּט מיט'ן שטעקען). איך וויל עס גלייך וויסען! אַט גלייך זאָלסטו מיר זאָגען! איך וויל וויסען, וואָס איך דאַרף רעדען מיט לייטען.

טיליע. וועסט זיי דען זאָגען דעם ריינעם אמת?

חאַניע. נישט דיין דאגה, וואָס איך וועל זיי זאָגען. — וויפיעל האָסטו געהאַט געלט?

טיליע. אַט דאָס, וואָס דו זעהסט אויף מיר, איז אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט.

חאַניע. וויפיעל זיינען דאָס געוועזען אימפּעריאַלען? פופצעהן?

טיליע. פופצעהן.

חאַניע. צוואַנציג?

טיליע. צוואַנציג.

חאַניע (גיט זיך אַ ריס צו איהר). מאַכסט מיט מיר שפּאַס, מאַכסטו?

יאַחנע ברײַנע (שפּרינגט אויף און פערשטעלט איהם דעם וועג). זעהסט'אָך, אז זי וועט דיר נישט זאָגען.

יודקע. נישט זאָגען!

חאַניע. זי וועט שוין מיר זאָגען!

יאַחנע בריינע. ווארט שוין אָפּ א טאָג אָדער צוויי, ביז מיר וועלען וויסען דעם סוף מיט'ן אוצר. זעץ דיך בעסער אַוועק. אוי, רבונו של עולם, רבונו של עולם!

טיליע. אַט דאָס זאָג איך דאָך.

יאַחנע בריינע. הער דאָך דו שוין אויף צו רעדען, אז א מכה זאָל זיך דיר זעצען אין האלז!

טיליע. מי דאַרף אויף גיך אָפּעסען און ארויסגעהן דרויסען. ס'איז א ליכטיגע נאַכט. און איך בין טאַקע שוין אויך הונגעריג. אין קאַנדיטאַרסקע האָב איך דאָך בלויז גענאַשט. (זעצט זיך צום טיש.)

חאַניע (אָבגעקיהלט, ווארפט איהר צו א בליק פול האַס און פעראַכטונג). אום תשעה באָב נאָך געגאַנגען אין א קאַנדיטאַרסקע! איך בין נאַר אַ נאַר, וואָס איך שטעל יעצט אוועק דעם שטעקען. (געהט ארויס אין פאָרהויז.)

ט י ל י ע (קרימט זיך). אַה, נאָך די נאַשערייען שמעקט דער רעטעך מיט סמעטענע — אַזש צום ברעכן.

י א ח נ ע ב ר י י נ ע (אַראָבנעמענדיג דעם סאַמאָוואַר פון טיש און אַרויפשטעלענדיג איהם אויפ'ן שראַנק). ווי דאָס איז מיט אַמאָל געוואָרען ביי זיך אַן איידעלע קישקע — די מיליאָנערקע!

ח אָ נ י ע (קומט אַריין מיט נאַסע הענד, זאָגט „שאו ידיכם“, ווישט זיך די הענד און זאָגט „על נטילת ידים“, זעצט זיך ביים טיש, מאַכט „המוציא“ און עסט).

ט י ל י ע. אַה, איז דאָס געוועזען גוטע מאַראַזשענע!

י א ח נ ע ב ר י י נ ע (זעצענדיג זיך צום טיש). הער דאָך שוים אויף צו רעדען! זי רייצט זיך נאָך.

ח אָ נ י ע. האָסט צעך נישט דערוואָרגען?

ט י ל י ע. זעהסט'אך. (מען עסט.)

(שווייגען.)

ח אָ נ י ע. ב־נו, איז אוועקגעגאַנגען און האָט זיך אָנגעקויפט! — וואָס'ט זי זעך דאָרטין אָנגעקויפט?

ט י ל י ע. אָט דאָס זיינען גאָר אַנדערע דיבורים!

י א ח נ ע ב ר י י נ ע. זי'ט צעך שוים אָנגעקויפט!

ט י ל י ע (שפּרינגט־אויף, ציהט זיך אַראָב אין דער טאַליע, שטעלט זיך אין די באָקעס און דרעהט זיך פאַר חאָניען). דו זעהסט? שיק, הא? (בעווייזט איהם די פינגערלעך.) און דו זעהסט? (בעווייזט איהם די אוירינגלעך, טרייסלענדיג מיט'ן קאָפּ.) און דו זעהסט? (דאַן דאָס קייטעל מיט'ן זייגערל.) און דו זעהסט? (כאַפּט און זעצט אויף זיך אַרויף דאָס היטעלע.) און דו זעהסט? פון דער פּאַריזשער מאָדיסטקע. (שפּאַנט אוים דעם זאָנטיק.) און דו זעהסט? (כאַפּט די הענדשיקעס, שטעלט זיך אַוועק שקאָציקעוואַטע מיט איין האַנד אין דער זייט, דעם זאָנטיק איבער'ן קאָפּ.) נו, ווי געפעלט דיר יעצט דיין בת־יחידה? (כאַפּט פּלוצלונג דעם מאַנטעל מיט ביידע הענד און שפּרייט איהם פּערנאַנדער.) און זעה ווייטער! (וואַרפט איהם אַרויף אויף די

אקסלען, העבט זיך אויף די שלעפע און געהט זיך דורך איבער'ן צימער מעשה דאמע.)

חאניע (בייז). וואס פאר א שטיק דאס מאכט נאך!

טיליע. לאמיר נאר געפינען דעם אוצר מיט א סך, א סך טויזענדער — וועסטו זעהן, סאר א שטיק איך וועל נאך מאכען. אבער זעה נאך, וואס איך האב אייך אנגעקויפט. דיר מיט יודקען אויף קאסטיומען און דער מאמען אויף א קלייד. זעה נאר, וואס פאר א סחורה.

חאניע (ווארפט א בייזען בליק אויף די שטאפען און שטעלט איהם גלייך אן אויף איהר צירונג). און די דימענטען זיינען טאקע אמת'ע?

טיליע. וואס דען? פאלשע וועל איך עפעס קויפען? דיין בת יחידה וועט עפעס טראגען פאלשע דימענטען?

יאחנע בריינע. הער דיך שוים אויף צו ברעכען! זעץ זעך און לא'מיר שוים ענדיגען אונזער מזל'דיגע וועטשערע.

חאניע (ענדיגענדיג דאס עסען, אין געדאנקען). נו, נו, א טאכטער האבען מיר, נישטא וואס צו זאגען. טוט זיך, וואס זי וויל, פאר טאטע־מאמע האט עס מורא ווי פאר דער קאץ.

טיליע (זעצענדיג זיך צום טיש). וואס ארט דיך, טאטע, זאל זיך נאר געפינען דער אוצר. עס'ט שוים זיין גוט. איך וועל דיך אנהעבען רופען „פאפא".

חאניע (אנווייזענדיג אויף יודקען). און ער'ט צעך אלץ נאך נישט דערמאנט.

יאחנע בריינע. ער'ט צעך דיר א סך דערמאנען. קענסט שוים ווארטען.

חאניע (קרעכצט אב). אך, אך, אך. (צו יודקען.) זיינען דארטין געוועזען נאך א סך אזעלכע גאלדענע מטבעות?

יודקע (וועלכער האט די גאנצע צייט געגעסען מיט גרויסען הונגער, נישט אוועקנעמענדיג די אויגען פון טעלער). איך דיר נישט זאגען. איך נישט וויל מיט דיר רעדען.

חאניע (בייז). עס׳ט שוים רעדען, ווארט! (קרעכצט אב.) אך, אך, אך! (העבט אן צו בענשען.)

יאחנע ברײַנע. יודקעלע משוגענער!

טיליע. זאג אבער מיר, יודקע, זיי גוט. ווילסט נאך רעדעך? וואס ווילסטו נאך עסען?

יודקע. איך גארנישט וויל.

טיליע. זיינען דארטין געוועזען נאך גאלדענע מטבעות?

יודקע. איך גארנישט געדיינק.

טיליע. אן עבירה. אזא גוט הינטעל זשוטשקע געוועזען, און אפילו נישט וויסען, וואו ער איז באגראבען.

יודקע (קלאפט זיך אין קאפ). פאר וואס איך נישט געדיינק! פאר וואס איך נישט געדיינק!

טיליע. נו, נו, זיי נישט משוגע. וועסט צעך אויסשלאפען, וועסטו זיך דערמאנען.

יודקע (זיצט נאך א וויל, דאן שטעהט ער אויף, נעמט דעם קאסטיום־שטאף, געהט מיט איהם צו דער לעזשאנקע, קריכט ארויף, ציהט זיך אויס, גלעט דעם שטאף און צוגעהט זיך אין לאבען. באלד ווערט ער ענטשלאפען).

חאניע (ענדיגט דאס בענשען. — עס הערט זיך א קלאפ מיט דער דרויסען־טיר.)

יאחנע ברײַנע. עמיצער קומט שוים.

דער שדכן (קומט אריין). א גוטען אוונד! א גוט נאך־תענית אויף אייך!

חאניע און יאחנע ברײַנע (איבערראשט). א גוטען אוונד!

טיליע. א גוטען אוונד! אט א גאסט!

יאחנע ברײַנע. זעהסט! דאך אמאל צו אונז א שדכן פארבלאנדזשעט און נאך א וואסערער!

דער שדכן. איהר ווייסט דאך, אויפ׳ן בית עולם צו פארבלאנדזשען לעגט מען אפ וואס שפעטער, העהעהע.

יאַחנע ברײַנע. דאַרפֿן דערפֿאַר אַ קבֿרן'ס טעכטער פֿאַרזעסן ווערן.

טילע. דײַן טאָכטער איז דאָך נאָך נישט קײן פֿאַרזע־סענע!

דער שדכן. איך מײן אויך אַזוי. — אוי, אַ הײסער טאָג געווען, אַ שווערער תּענית. שוים דער אידישער מזל — אין די לײנגסטע און הײסעסטע טעג תּעניתים: אַ שבֿעה עשׂר בתּמוז, אַ תּשעה באָב.

חאַניע. מי האָט שוים גענוג תּעניתים אין ווינטער אויך.

דער שדכן. איך מײן גלאַט, די זומערדיגע תּעניתים זײַ־נען גלאַט אַן איבעריגע זאַך. און ווידער פֿאַרקערט. ווען הונגערט נישט אַ איד? אַ איד הונגערט ברוך השם שטענדיג: אי זומער, אי ווינטער, אין לאַנגע טעג, אין קורצע טעג.

חאַניע. אַ איד הונגערט נישט, נאָר ווען ער האָט וואָס צו עסן, העהעהע.

יאַחנע ברײַנע (זיפֿצט). יאָ, יאָ. (הײבט־אָן אַראָב־צונעמען פֿון טיש, טראָגט אַרויס די טעלער אין קיך, לעגט אַרײַן דאָס ברויט אין שראַנק, נעמט אַראָב דאָס טישטוך, טרײסעלט עס אויס אין אַ ווינקעל און לעגט עס צוריק אַוועק אויפֿ'ן טיש.)

דער שדכן. געהאַט עפּיס הײַנט אַ סך וואָס צו טאָן?

חאַניע. עט, אַרבײַט פֿעהלט קײן טאָג נישט.

דער שדכן. דער עולם, הײסט עס, שטאַרבט צו ביסלעך.

חאַניע. און נישט צו ביסלעך. איך האָב הײַנט געהאַט פֿיער קבֿורות, און פֿאַר דער גאַנצער וואָך האָב איך געהאַט אַ קימאַ־לן — —

דער שדכן. יאָ, יאָ, מי שטאַרבט. אָבער דערפֿאַר האָט גאָט געשיקט די רפֿואה פֿאַר דער מכּה. מי שטאַרבט, האָט ער אַראָבגעשיקט שדכנים אויף דער וועלט, און זײ זײַנען מזווג זווגים, און דער עולם קינדעלט, און אַזוי דרעהט זיך עס, העהעהע.

טילע. עס איז אָבער בעסער צו זײַן אַ שדכן ווי אַ קבֿרן.

דער שדכן. און אַן אויסגעשדכנטע צו זיין איז נאָך בעסער, ווי? העהעהע.

טיליע. ווי אַ מאָל.

דער שדכן (נעמט ארויס אַ פּאַפּיראָס און טראָגט אונטער דעם פּאַפּיראָס צו חאַניען). זייט אייך מכבד, רב חאַניע. — נאַ, מע זאָגט עפּיס אויף אייך — העהעהע. (זיי פּעררויכערן.)

חאַניע. איך האָב שוים פאַרשטאַנען, אַז איהר האָט עפּיס געהערט.

דער שדכן. ווי הייסט, די גאַנצע שטאָדט קלינגט'אָך, העהעהע.

יאַחנע ברײַנע (קרעכצט אָב).

דער שדכן. איז דאָס אייער טאָכטער? איהר האָט דאכט־צעך איין טאָכטער?

יאַחנע ברײַנע. שוים לאַנג צייט געוועזן צו וויסען.

דער שדכן. איהר פאַרשטעהט, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, אַ שדכן איז נישט קיין קברות־מאַן. ער לעבט פון לעבעדיגע, נישט פון טויטע. ארמעלייט אָבער זיינען געגליכען צו טויטע, העהעהע.

טיליע. ארמע מיידלעך פיהרט מען שוים גאָר קיין שידוכים נישט אוים?

דער שדכן. איך, פערשטעהט איהר מיך, בין אַ שדכן, קאַטאָרי וועלכער, פאַרשטעהט איהר מיך, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, האָב אויסגעפיהרט גאָר גרויסע שידוכים אין די רייכסטע הייזער. איך האָב חתנים, וועלכע זיינען ווערט פינף, און צעהן, און צוואַנציג טויזענד רובעל נדן, און מעהר אויך. איך האָב דאָקטוירים, יוריסטען, אינזשענערען און גלאַט אַזוי פיינע יונגע לייט, וואויל־לערנער, גבירישע קינדער, וועלכע פאַרמאָגען אליין אַ היבש קאַפּיטאַל. איך זוך אצינד אַ כלה פאַר אַ בעמיקער —

יאַחנע ברײַנע. פאַר אַ—וואָס?

דער שדכן. פאַר אַ בעמיקער. אזא מין אויסגעשטודיר־

טער, וועלכער מאכט פארשיעדענע פארבען. — איהר'ט'אַך מסתמא געהערט שלום באלאשקינס זוהן? א קאָפּמענש — איינער אין דער וועלט, אַן אויסקלערער פון זאכעניסען, וועלכער האָט צו זיך קיין גלייכען נישט. ער האָט יעצט אויסגעטראַכט עפּיס א זאַך, אזא מין פארב, פאר וועלכער מען באַט איהם אַן הונדערטער טויזענדער, וויל ער אָבער זי נישט פארקויפען. ער וויל בעסער אליין מאכען א פאבריק פון דער פארב און אין איינע צוויי־דריי יאָהר איז ער א מיליאָנער — אזא מין פארב איז עס שוין. פארשטעהט איהר מיך, דארף ער דערצו א רובעל פינף און צוואנציג טויזענד, האָט ער אָבער קיין אייגענע געלט נישט, זוך איך פאר איהם א כלה מיט אזויפיעל נדן. איך בין אזא מין באַנקיר, וועלכער שטעלט־צו אָט אזעלכע יונגע־לייט גרויסע סומען געלט, אָהן פּראָצענטען, נאָך מיט א ווייב דערצו, העהעהע.

טיליע. איז ער עפּיס א שיינער?

דער שדכן. ווער? דער בעמיקער? א שיינער! און אז נישט קיין שיינער, איז וואָס? בא א מאַן איז דאָס דען אויך א קערן? דער עיקר איז א מענש, קאַטאָרי וועלכער איז א גרויסער ברויטגעבער — —

טיליע. ווען איך געה געבען פינף און צוואנציג טויזענד רובעל נדן, וויל איך נאָר א שיינעם.

דער שדכן. אלע מיידלעך מאכען דעם זעלבען טעות. א שיינער מאַן איז גאָרנישט אזא אנטיקעל. א שיינער מאַן נעמט זיך איבער צו שטארק, און היינטיגע צייטען, בעוונותינו הרבים, דארף מען א שיינעם מאַן היטען אויף טריט און שריט, הע־הע. דער עיקר איז — אָט! (קלאַפּט זיך אויף די שטערן.)

טיליע. ניין, בא מיר איז דער עיקר א שיינער. איך וועל שוים מאכען, ער זאָל מיך היטען, נישט איך איהם.

דער שדכן. הערסט, הערסט, זי איז ראַך ביי אייך נאָר עפּיס — —

טיליע. מיט פינף און צוואנציג טויזענד רובעל נדן, דארף מען גאר נישט זיין אזא קאפמענש.

דער שדכן. אבער עס איז א גרויסער חילוק. צום ביי־שפיעל, אט מיין כעמיקער — אין צוויי־דריי יאהר א מיליאנער. און אנדערער וועט אין צוויי־דריי יאהר אראבלאזען די פינף און צוואנציג טויזענד רובעל, אז מי'ט אפילו נישט וויסען, וואוהין זיי זיינען אהינגעקומען.

טיליע. אין ארמקייט — אבי מיט א שיינעם.

דער שדכן. דאס, זעהט איהר, זאלט איהר מוחל זיין, רעדט איהר גאר ווי א קינד.

טיליע. און וואס וועל איך טאן, אז מיין מיאוסער קאפ־מענש וועט אנווערען דאס געלט? איז יעמאלט — נישט וואס צו עסען און נישט אויף וואס צו קוקען.

דער שדכן. ווי הייסט אנווערען דאס געלט? א כעמישע זאך, פאר וועלכער מי באט איהם אן הונדערטער טויזענדער!

טיליע. איהר האט נאר דעם איינעם אויפ'ן צעטעל?

דער שדכן. וואס? אזויפיעל... אזויפיעל נאך אוצרות זאלען מיר געפינען, וויפיעל חתנים איך האב אויפ'ן צעטעל. און נאך וואס פאר א שיינהייטען! איך רעד נאר פון דעם כעמיקער, ווייל —

טיליע. רעדט בעסער פון שיינע. עפיס א הויכער, א ברייטער, מיט שווארצע ברענענדיגע אויגען.

דער שדכן. זאלען מיר אלע אזוי לעבען, ווי איך האב אזא. און אינזשענער איז ער. — אבער לא'מיר רעדען קלארע דיבורים — — (צו חאניען.) וויפיעל ווילט איהר געבען נדן?

חאניע. איך — נדן?!

יאחנע ברײנע. מיר — נדן?!

טיליע (רוהיג). ווי נאכ'ן חתן.

דער שדכן. פינף—צעהן—צוואנציג—פופציג טויזענד? מי זאגט'אך עפיס, אז אייער אוצר טרעפט אן אויב נישט א מיליאן.

יאחנע ברײנע. אַלע בײזע חלומות צו מײנע שונאים'ס קעפּ!

חאַניע. עס װערט מיר װירקליך נישט גוט, אז מי העבט־אָן צו רעדען װעגען דעם.

דער שדכן. איך מײן, דעם אנדערנס איז שטענדיג גרויס אין די אויגען. אז מי זאָגט א מיליאָן, איז מסתמא װעניגער, אָבער װיפיעל קאָן דאָ זײן װעניגער? מיר װײסען דאָך עפּיס, װאָס אן אוצר איז. אן אוצר איז דאָך עפּיס פּאַרט קײן קלײניגקײט נישט. איך מײן אין דר'אמת'ן, מיט מיר דארפט איהר דאָך רעדען קלאָרע דיבורים. איך װיל חס ושלום נישט אויספאָרשען בײ אײך, װיפיעל געלט איהר האָט — האָט זײ אײך געזונטינקערהײט. הײנט איז אײך באַשערט געװעזען צו געפינען אן אוצר, האָט איהר געפונען; אן אנדערסמאָל װעט אפשר מיר באַשערט זײן צו געפינען, װעל איך געפינען. פּאַרקערט, איך פון מײן זײט בין צופריעדען, װאָס איהר האָט איהם געפונען, נישט קײן אנדערער, עפּיס א בעזדיעטניק. באַ אײך װעל איך קאָנען כאָטש עפּעס פּאַרדיענען. א טאָכטער — א זוהן האָט איהר דאכט זיך אויך, א קאַליקע, זאָגט מען — אָט דאָס איז ער. װאָס ליעגט אויף דער לעזשאנקע? — װעלען מיר איהם אויך פּארשלײערן, װעט נאָר אָנקומען אביסעל שװערער. דער עיקר, װאָס איך װיל װיסען, איז — דער פּרײז. מה יקר, פערשטעהט איהר מיך. אײנמאָל פאר אלעמאָל, אָט אזױ־פיעל װילט איהר געבען, א טויזענד מעהר, א טויזענד װעניגער, און פאַרטיג.

יאחנע ברײנע. קרוינעלעך מײנע, הארצעלעך מײנע!

חאַניע. זאָגט מיר, איהר װײסט, װאָס איהר רעדט?

דער שדכן. איך פאַרשטעה אײך, איך פערשטעה, װאָס ארט אײך. איך אויף אײער אָרט װאָלט אויך נישט אנדערש געטאָן. איהר מײנט אפשר, איך װאָלט דאָס מיך געלאָזען איבער דער שטאָדט און אויסגעפּויקט: איך האָב געפונען אזױפיעל און אזױפיעל? אָסור, אויב איך װאָלט דאָס געטאָן, װארום אין

איינס און צוויי וואָלט איך געהאַט ביי מיר די גאַנצע שטאָדט. און אַלע וואָלטען געבעטען, און אַלע וואָלטען געריסען פון די קעשענעס. ווארום צו געלט זיינען דאָך אַלע מחותנים. איך וואָלט אויך געמאַכט אַ שוויינ, ווי איהר זעהט מיך לעבען. און אַז איך וואָלט שוין געזאָגט, וואָלט איך געזאָגט מיט צעהן, מיט צוואַנציג מאָל ווענינער. אָבער דאָ, צווישען מיר און אייך, האַנדעלט עס זיך דאָך אום עטוואָס גאַנץ אַנדערעס. באַהאַלט אייך אייער געלט געזונטינקערהייט, וויפיעל איהר ווילט אַליין, אָבער וויפיעל איהר ווילט געבען נדן אייער טאָכטער, מוז איך דאָך וויסען!

טילי. איך האָב דאָך אייך געזאָגט: ווי נאָר'ן חתן. דער עיקר אָבער — אַ שיינער.

חאַניע. צי בין איך משוגע געוואָרען, אָדער זייט איהר משוגע געוואָרען?

יאחנע ברײַנע. קרוינעלעך מיינע, האַרצעלעך מיינע!

דער שדכן. אי, איך זעה שוין, אַז איך דאַרף רעדען מיט אייער טאָכטער אַליין.

חאַניע. זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז, ווי איך ווייס, וואָס עס טוט זיך דאָ.

דער שדכן. איך מיין, אַז אַלץ דאַרף דאָך האָבען אַ שיעור. איהר ווערט'אַך אייער טאָכטער מוזען אויסגעבען, איהר וועט זי דאָך נישט אַריינזעצען אין אַ מאָנאַסטיר. און דערביי דאַכט זיך מיר, איז זי נישט אַזאַ קינדעלע, וואָס זאָל זיך לאָזען אַריינזעצען אין אַ מאָנאַסטיר. איז, דאַכט זיך, וואָס פריער איהר וועט זי אויסגעבען, איז אַלץ בעסער.

חאַניע. אָבער — —

יאחנע ברײַנע. נו, רבונו של עולם!

דער שדכן. און אויב איהר מיינט, אַז אַן אַנדערער שדכן וועט אייך רעדען אַ בעסערען שידוך, האָט איהר אַ גרויסען טעות. איך גלויב, אַז איהר ווייסט, וואָסערע שידוכים איך האָב אויסגע־

פיהרט, דארף אייך אויך מאַגען אָנשטעהן, איך זאָל רעדען אייער טאָכטער א שידוך.

חאַניע. רבונו של עולם, דאָס איז דאָך עפּעס גאָר אן אָנשיקעניש!

יאחנע ברײנע. זאָל איך אזוי לעבען!

דער שדכן. ווער אן אָנשיקעניש? איך אן אָנשיקעניש? דאָס האָט מיר נאָך קיינער נישט געזאָגט, זינט איך קום אריין אין אידישע הייזער. מי זעהט טאקע, אז מען האָט דאָ צו טאָן מיט ערסט אויפגעקומענע קבצנים. און ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך גלויב באַלד גאָרנישט אין אייער אוצר. דאָס מוז עפּעס זיין איך וויים וואָס פאר אן אוצר'ל. טפורטאלבען אימפּעריאלטשיקעס!

חאַניע. גלויבט טאקע נישט, זאָג איך אייך, גלויבט טאקע נישט!

טילע (איז ביי דעם שדכנ'ס לעצטע ווערטער אויפגעשטאַנען, אַראָבגעצויגען אויף זיך דאָס קלייד אין דער טאַליע, אויסגעשטעלט די האַנד מיט די פינגערלעך, געדרעהט מיט די אויריננגלעך אין די אויערן).

דער שדכן (בייט דעם טאָן). איך אן אָנשיקעניש! אקוראט, ווי איך וואָלט געקומען בעטען א נדבה.

טילע. נאַ, בייזערט זיך נישט און רעדט בעסער מיט מיר. איהר געפינט נאָר א שיינעם חתן.

דער שדכן. אָבער די סומע, די סומע וויל איך וויסען. צעהן־צוואַנציג־פופציג־הונדערט טויזענד?!

טילע (געלאַסען). פינף—צעהן—פופציג—הונדערט טויזענד.

חאַניע. וואַ־וואַ־?!

יאחנע ברײנע (עפענט פאַרנאַנדער דאָס מויל און בלייבט זיצען ווי פארשטיינערט).

דער שדכן. אָט דאָס זיינען קלאָרע דיבורים. אָבער ווי אז דער טאַטע וועט נישט וועלען געבען?

טיליע. פאַרלאָזט זיך אויף מיר. ער'ט בעסער ווערען.

דער שדכן. איך זעה טאַקע, אַז איך מאַג זיך פאַרלאָזען אויף אייך. איהר זייט דאָ הפּנים דער גאַנצער — ווי? מאַג איך הייסט עס אפילו טעלעגראַפּירען?

טיליע. אפילו טעלעגראַפּירען. אָבער אַ זעהר שיינעם וויל איך, הערט איהר.

דער שדכן. פאַרלאָזט זיך שוים אויף מיר. אַ פּאַרשוין. מדינות אויסצופאָהרען. מי קאָן זיך גאַר פון איהם נישט אָבקוקען. אַט טאַקע דער אינזשענער. אָבער אונטער אַ דרייסיג טויזענד וועט נישט געהן.

טיליע. אפילו פופציג טויזענד, אבי נאַר אַ קראַסאַוועץ.

חאַניע (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ). אוי וועה, אוי וועה!

דער שדכן. הויך, ברייט — אַ גוואַרדיאַן! מיט שוואַרצע ברענענדיגע אויגען.

טיליע (מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם). מאָגט איהר איהם טעלעגראַפּירען. וואווינט ער ווייט?

דער שדכן. אַז איך זאָל איהם גלייך טעלעגראַפּירען, איז ער מאָרגען אַ זייגער עלף אין אָווענד דאָ.

טיליע. טיק געהט טאַקע גלייך און טעלעגראַפּירט.

דער שדכן. איך האָב אייך נאָך געוואָלט דערצעהלען זיין יחוס — ער איז אַ יחסן אויך. אָבער איך וועל שוים געהן טעלעגראַפּירען. וועט איהר מיר געבען אויף אַ טעלעגראַם?

טיליע. געוויס. (איילט אַרויס אין דאָס צווייטע צימער.)

דער שדכן. זי איז אַ קאַפּמענש, ווירקליך. זי'ט שוים איהר מאַן נישט דאַרפען היטען.

חאַניע און יאַחנע ברײנע (זיצען מיט אָפענע מיילער, ווי בענומען).

טיליע (קומט אַריין און גיט איבער דעם שדכן אַ פינפערל). אַט האָט איהר אויף אַ טעלעגראַם. די טעלעגראַמע וועט מסתמא

אָנטרעפען וועניגער, מאַגט איהר דעם אויסגאַב נעמען זיך פאַר דער טרחה.

דער שדכן. זי פאַרשטעהט אַ געשעפט, אויף מיינע נאמנות. דער מאַן וועט שוים אין איהר אַליין געפינען אַ שטיק אוצר. יעצט לויף איך טאַקע. האָט אייך אַ גוטע נאַכט. מאַג איך נאָך שפּעטער פאַרגעהן צו אייך און אַרומרעדען דעם גאַנצען ענין?

טיליע. נישט נויטיג. נאָך אַ תענית דאַרף מען זיך אויסרוהען. איהר׳ט שוים קומען מיט איהם. דער עיקר, ער זאָל מיר געפעלען ווערען.

דער שדכן. אַ חכמה, ווי איך בין אַ איד. נו, האָט מיר אַ גוטע נאַכט. איהר׳ט שוים זעהן — אַ קראַסאַוועץ! איהר׳ט לעקען די פינגער פון איהם. — אַ גוטע נאַכט! (געהט אַוועק. — קורץ שווייגען.)

טיליע (שיסט אויס אַ געלעכטער, פּאַטשט אין די הענד און שפּרינגט). אַ מיליאָנערקע! אַ מיליאָנערקע! עס געהט! עס געהט!

חאַניע. אוי, אַז מיך האָט דאָ נישט געכאַפּט די אַפּאָפּלעקסיע, בין איך שטאַרקער פאַר אייזען!

יאחנע בריינע. אוי, עס איז משוגע צו ווערען! מרשעת, וואָס איז דאָס פאַר אַ ליצנות?

חאַניע. אָבער יעצט גענוג! אצינד וויל איך וויסען, וויפיעל געלט דו האָסט! (צו יאחנע בריינען.) ווער ווייס זי דאַרסין, אפשר האָט זי דאַרטין טאַקע אַ מיליאָן? האָסט געהערט, ווי זי האָט זיך דאָס געלאָסען גערעדט: „פינף־צעהן־פופציג־הונדערט טויזענד רובעל!“ (צו טיליען.) זאָלסט מיר גלייך זאָגען, וויפיעל געלט דו האָסט, הערסטו! יעצט ווערסטו זיך פון מיר נישט אַרויסדרעהען. (צו יאחנע בריינען.) וואָס איז זי אַרויס אַהין? וואו האַלט זי איהר געלט?

יאחנע בריינע. זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז, אַרום זיך מסתמא ערגיץ־וואו.

טיליע. אַי, איך בין אַ מיליאָנערקע! אַ מיליאָנערקע! אַך, איהר פערשטעהט קיין שפּאַס נישט!

חאַניע. איך טו דיך אויס אַ נאַקעטע, איך רייס פון דיר אַלץ אַראָב, זאָלסט מיר גלייך אַרויסלעגען דאָס גאַנצע געלט!

טיליע. ווער געלט! וואָס געלט! — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך האָב גאָר קיין געלט נישט.

חאַניע. ווי הייסט, דו האָסט קיין געלט נישט? איך כאַפּ און גלויב דיר. און די פינף־רובעלדיגע, וואָס איז געוועזען? און די גאַנצע רעד מיט'ן שדכן? אַ הונט האָט עס געבולען, וואָס?

טיליע. און אַז אַ הונט האָט עס געבולען, איז וואָס? דער עיקר, פאַרשטעהט...

חאַניע. דרעה מיר קיין קאָפּ נישט! לעג מיר אַרויס דאָס גאַנצע געלט. איך וועל זיי ביי דיר נישט צונעמען — גוט? איך וויל בלויז אַ קוק טאָן, איך וויל בלויז זעהן, ווי געלט זעהט אויס. איך האָב אויף מיין גאַנצען לעבען קיין סך געלט נישט געזעהן, איז וויל איך אַ קוק טאָן.

יאַהנע ברײנע. אוי, אוי, איך האָב זי גאָר אַזויפיעל נישט געקאָנט! (עס הערט זיך אַ קלאַפּ מיט דער דרויסען־טיר.)

טיליע (שטיפעריש). שאַ, עמיצער קומט שוים צום בעל־אוצר!

חאַניע (שעפּטשעט אַרוים צווישען די ציינער). דו'סט שוים מיר אַרויסלעגען דאָס געלט, ניש'קשה!

סאַסקין (שטאַרק קורצזיכטיג, גביריש געקליידט, קומט אַריין. וויכטיג). אַ גוט'נ'אָוונד.

חאַניע (שפּרינגט־אויף איבערראשט און פערלעגען). זעה, רב סאַסקין! אַ גוט'נ'אָוונד!

יאַהנע ברײנע (פיהרט פערנאַנדער מיט די הענד הינטער דעם גבירס רוקען, גאַנץ דערשראָקען און נשתומם).

טיליע (פערבייסט די ליפּ און בעהאַלט איהר לאַכען).

סאסקין. א שווערער תענית געוועזן, ווי? (נעמט א שטול און לאָזט זיך אויף איהם אַראָב גאַנץ ברייטליך.)

חאַניע. אַט. א תענית ווי אלע תעניתים. (לאָזט זיך לאַנג־זאַם אַראָב אויף זיין זיץ.)

טיליע (נעמט אַ בוך פון שראַנק און זעצט זיך ביים טיש).

סאסקין. געהאט עפּים קבורות היינט?

חאַניע. אַט, קבורות פעהלען ברוך השם כמעט יעדען טאָג נישט.

סאסקין. היינט האָט איהר אָבער אויסגעגראָבען אויך, האהאהא.

חאַניע (קוקט איהם תמ׳עוואַטע אָן).

טיליע (קוקט אַרויס פון בוך, לאָזט גלייך ווידער אַראָב די אויגען און שמייכעלט).

יאחנע ברײנע (קוקט פּיעלדייטיג אויף חאַניען, פון חאַניען טראָגט זי אַריבער איהר בליק אויף טיליען, שאָקעלט בייז מיט׳ן קאָפּ און זיפצט).

סאסקין. וואו האָט איהר עס אויסגעגראָבען — אויפ׳ן אַלטען פעלד אָדער אויפ׳ן נייעם?

חאַניע (אין גרויסער פערלעגענהייט, שמייכעלט אָב). בהו!

סאסקין. איך האָב דאָס ביי אייך דאכט זיך געפרעגט אין שול, האָט איהר מיר געענטפערט, אז אויפ׳ן נייעם, אויב איך האָב קיין טעות נישט.

חאַניע (ווי פריער). טוע, ווי אזוי האָב איך דאָס אייך גע־קאָנט ענטפערן?

סאסקין. איך ווייס נישט, ווי אזוי. אָבער איהר האָט דאָס מיר געענטפערט.

חאַניע. זאָל איך אזוי וויסען פון בייז...

סאסקין. איך פארשטעה איבערהויפּט נישט, וואָס האָט איהר דאָ מורא צו האָבען און ווילט חרטה האָבען אויף דאָס, וואָס איהר האָט געזאָגט.

חאַניע. ווי הייסט חרטה האָבען? אז איך האָב אייך דאָס גאָרנישט געקאָנט זאָגען!

סאַסקין. פאַר וואָס האָט איהר דאָס מיר נישט געקאָנט זאָגען? אויב איהר האָט דאָס געפונען אויפ'ן נייעם פעלד, האָט איהר דאָס געפונען אויפ'ן נייעם פעלד.

יאחנע ברײנע (זיפצט־אָב). נאַ, טאַטעלעך מיינע!

סאַסקין. וויפיעל קבורות האָט איהר היינט געהאָט?

חאַניע (פאַרזיכטיג). פיער.

סאַסקין. וואו האָט איהר מקבר געווען?

חאַניע. אויפ'ן־ן...

סאַסקין (ווי ער וואָלט פערהערט). וואו?

חאַניע (גאַנץ פערלאָרען, צו יאחנע ברײנען און טיליען). וואו האָב איך היינט מקבר געווען?

יאחנע ברײנע. נאַ דיר גאָר, ביי מיר פרעגט ער, וואו ער האָט היינט מקבר געווען!

טיליע. דאַכט זיך, אויפ'ן אַלטען.

סאַסקין (צולאַכט זיך). דאכט זיך, אויפ'ן אַלטען! וואָס פרעגט איהר טאַקע עפּיס ביי זיי? איהר'ט'אַך מקבר געווען, דאַרפט איהר דאָך וויסען. אָבער דאָס קאָנען מיר לייכט אויסגעפינען. יאָ, רב חאַניע? מיר קאָנען אויסגעפינען אין די ביכער, ווער איז היינט נקבר געוואָרען, און דאַמאָלסט וועלען מיר וויסען, וואו איהר האָט היינט מקבר געווען. אָבער — —

טיליע. אויף וואָס דאַרפט איהר דאָס איבערהויפּט אַזוי נויטיג וויסען?

סאַסקין (לאָזט דורך די פראַגע). אָבער אַ בלינדער קאָן יעצט אויך איינזעהן, אַז איהר האָט היינט מקבר געווען אויפ'ן נייעם פעלד, אַז נישט וואָלט איהר זאָגען גלייך, נישט מישב זיין זיך אַ פריער מיט ווייב און טאָכטער.

חאַניע. אָבער טאַקע, וואָס איז עס אייך אַזוי נוגע?

סאַסקין. וואָס קאָן דאָס מיר אַזוי נוגע זיין? אָט גאָר־

נישט. איך וואונדער מיך בלויז, פאר וואס ווילט איהר דא בע־האלטען דעם אמת. אז איהר האט געפונען אייער אוצר אויפ'ן נייעם פעלד, זאגט איינפאך, אז איהר האט איהם געפונען אויפ'ן נייעם פעלד.

טיליע. דאס מוז דאך איך דאך שטארק נוגע זיין. איהר וואלט זיך דאך נישט מטריח געווזען שפעט אין אווענד נאך א תענית אויף אויסצוגעפינען, וואו חאניע דער קברן האט געפונען דעם אוצר. ווארום וואס איז איך נישט אלץ איינס?

סאסקין. אין אנשטענדיגע הייזער מישען זיך די קינדער נישט אריין, ווען מי רעדט צו די עלטערן.

טיליע (בעליידיגט, אונטער דער נאז). וועט איהר מיט אונז קיין שידוך נישט טאן.

חאניע. האלט דאס מויל, דו!

יאחנע ברײנע. אוי, פאר'שרפ'עט זאל זי ווערען!

סאסקין (צו חאניען). קאנען מיר אפשר אריין אין אן אנדער צימער און דורכרעדען זיך?

טיליע (לעגט אוועק דאס בוך). איהר האט איבערהויפט נישט וואס צו רעדען מיט'ן טאטען, ווייל דעם אוצר האב איך גע־פונען, נישט ער.

סאסקין. דארף איך עס דאך גלויבען.

טיליע. גלויבט נישט, אויב איהר ווילט נישט.

סאסקין (צו חאניען). איך וואלט אבער געוואלט רעדען מיט אייך אליין.

חאניע. נו, אז איהר ווילט וויסען דעם גאנצען אמת, איז, ווי איהר זעהט מיך א אידען, אז נישט איך האב געפונען.

סאסקין. ווער דען?

טיליע. איהר'ט'אך געהערט.

סאסקין. ווי אזוי קומט זי גאר צו גראבען אויפ'ן בית עולם גריבער?

חאניע. פרעגט זי, ווי אזוי זי קומט. זאָל איך אזוי ווי־ טען... אט, זי איז דאָך דאָ, זאָל זי אייך זאָגען.

סאַסקין. הייסט עס, האָט איהר אָפּגעמאַכט צווישען זיך נישט צו זאָגען, וואו איהר האָט געפונען?

חאַניע. צו וואָס האָבען מיר עס געדאַרפט אָפּמאַכען?

יאַחנע ברײנע. אך, רבונו של עולם!

סאַסקין. צו וואָס איהר האָט עס געדאַרפט אָפּמאַכען, ווייס איך נישט. איך בין ביי אייך הינטער דער טיר נישט גע־ שטאַנען.

טיליע. אָבער איהר האָט ביי אייך אָפּגעמאַכט, אַז מיר האָבען איהם געפונען אויפ'ן נייעם פעלד, און ווילט אונז דורכאויס איינשמועסען, אַז מיר האָבען איהם דאָרטין געפונען. דאָס מוז דאָך אייך שטאַרק נוגע זיין.

סאַסקין (צו חאַניען). איך ווייס מעהר נישט, אַז אין שול האָט איהר מיר קלאָר און דייטליך געזאָגט, אַז איהר — איהר אליין, הייסט עס, האָט געפונען דעם אוצר אויפ'ן נייעם פעלד.

חאַניע. אָבער — טיע — ווי אזוי — וואָס — — — ווי אזוי האָב איך אייך דאָס געקאָנט זאָגען, אַז — אַז נישט איך האָב געפונען און נישט איך ווייס, וואו מי האָט געפונען?

סאַסקין. הייסט עס, לייקענט איהר אָפּ אין גאַנצען, וואָס איהר האָט געזאָגט? ווי אָבער, אַז נאָך מענשען האָבען דאָס גע־ הערט און איך וועל האָבען גענוג עדות?

טיליע. עדות?! (קוקט זיך אין איהם שאַרף איין, איבער־ לעגענדיג עפּיס.)

חאַניע. הערסט?!

יאַחנע ברײנע. וועה מיר נישט געשעהן, וואָס עפּיס פאַר עדות?

סאַסקין. ווייסט איהר נאָר וואָס? קומט און בעווייזט מיר די גרוב, וואו דער אוצר איז געלעגען.

טיליע (אין געדאנקען נאָך). די גרוב איז שוים לאנג פאַר־שאָטען צוריק.

סאסקין. צו וואָס האָט איהר זי געדארפט פארשיטען?

טיליע. כדי — א בלינד פערד זאָל נישט אריינפאלען.

סאסקין (שפרינגט אויף). נאָ, טיק זייט וויסען, אז איהר וועט האָבען אויף זיך א פראָצעס.

חאַניע. א פראָצעס?

יאחנע ברײנע. אוי, איך שטארב אוועק!

טיליע. וואָס פאר א פראָצעס?

סאסקין. דאָס וועט איהר שוים א סימן האָבען.

טיליע (גיט זיך א כאַפּ). אהא, איך וויים! דאָס נייע פעלד האָט דער ועד געקויפט בא איהם! יעצט פארשטעה איך, פאר וואָס ער וויל דורכאוים, אז מיר האָבען געפונען דעם אוצר אויפ'ן נייעם פעלד. (צולאַכט זיך.) איהר פארשטעהט, ער וויל א חלק.

סאסקין. אויב נישט אין גאנצען. — נאָ, אז איהר זייט שוים אזא פארשטענדיגע —

טיליע. ווי איך האָב מיך דאָס געכאַפּט! איך האָב גער וועזען גאָר פארגעסען. א חלק וויל ער!

סאסקין. איהר האָט געפונען דעם אוצר אויפ'ן נייעם פעלד, איך האָב פארקויפט דאָס פעלד צו קהל, אָבער נישט דאָס, וואָס איז פארגראָבען אין פעלד.

טיליע. דעם אוצר האָט איהר דאָך נישט פארגראָבען? איהר האָט'אך אפילו נישט געוואוסט פון איהם.

סאסקין. איהר זייט, ווי עס ווייזט אויס, א גאנצער אד־וואָקאט. אָבער אזוי קלוג און נעניט אין זאַכענעס בין איך ווי איהר. איהר וועט מיר מוזען צושטעלען ביז א קאָפּיקע, אז נישט...

טיליע. אז נישט...?

סאסקין. וועט איהר ביי מיר אלע פארפוילט ווערען אין אסטראג.

חאניע. וועה מיר נישט, וועה מיר נישט, וואס איז דאס פאר אן אנשיקעניס אויף מיר?!

יאחנע ברײנע. אוי, איך קאן דאס שוים מעהר נישט אריבערטראגען מיט מיין געזונד.

טיליע. אזוי אפילו? אין אסטראג! דאס וואלט איך טאקע געוואלט זעהן.

סאסקין. יא, איהר וועט דאס שוים זעהן פארטינערהיים.

יאחנע ברײנע. רבונו של עולם, וואס איז דאס פאר א צרות? וואו אוצר?! ווען אוצר?! רבונו של עולם!

סאסקין. וואס? יעצט ווילט איהר גאר אין גאנצען אבלייקענען, אז איהר האט געפונען אן אוצר פון שיינע עטליכע הונדערט טויזענד רובעל, אויב נישט א סך מעהר?!

חאניע. פון שיינע עטליכע הונדערט טויזענד רובעל? (קוקט ווילד אויף טיליען.)

טיליע. נו טאקע, און געהט פיהרט דעם פראצעס. אזוי רייך ווי איהר וועלען מיר זיין צו דינגען אן אדוואקאט, און מיר וועלען קאנען באווייזען מיט אותות ומופתים, אז דעם אוצר האב איך געפונען נישט אויפ'ן נייעם פעלד. געהט, פיהרט דעם פראצעס! מיר וועלען זעהן, ווער וועט בלייבען מיט א נאז.

סאסקין. אבער איך האב עדות, אז דער טאטע האט געזאגט, אז ער האט געפונען דעם אוצר אויפ'ן נייעם פעלד.

חאניע. אז עס העבט זיך גארנישט אן! אז איך האב דאס גארנישט געקאנט זאגען! אז איך וועל אייך זאגען דעם אמת, אז איך האב גאר — אה! — אז איך — — —

טיליע. גוט, וואס ארט דיך, זאל ער ברײנגען זיינע עדות אין סוד. ווארום אז דו'סט עס געזאגט, איז וואס? האסטו געזאגט א ליגען, האסטו נישט געוואלט זאגען דעם אמת.

חאַניע. אז איך האָב דאָס נישט געזאָגט! אז איך האָב דאָס נישט געקאָנט זאָגען!

יאחנע ברײַנע. ווי האָט ער דאָס געקאָנט זאָגען, ווי?

סאסקין. נאַ, איהר וועט זעהן, צו וואָס אייער טאָכטער וועט אײַך ברײנגען. אַ גוטע נאַכט. (געהט צו דער טיר.)

חאַניע. רבונו של עולם, האָסטו געהערט עפּיס...

יאחנע ברײַנע (ברעכט אויס אין אַ געוויין). אַן אומגליק עפּעס, רבונו של עולם!

סאסקין (בלייבט שטעהן אין טיר, קעהרט זיך אום צוריק). אָבער לאָ׳מיר האנדלען אָנשטענדיג, ווי אידען, זהן פּראָצעסען, משפטים בל ידעום. איך ווייס דאָך זיכער, אז געפונען דעם אוצר האָט איהר אויפ׳ן נייעם פעלד...

טיליע. אַ ליגען!

סאסקין. אז איהר וועט אָנהעבען צו בעווייזען, אז נישט, וועט איהר נאָך אָנרייסען אויף זיך גרעסערע צרות מיט פאַלשע עדות, ווארום פאַר פאַלשע עדות קומט קאַטאָרגע.

טיליע. מי לאַכט דערפון. דאָס וועלען אייערע עדות זיין פאַלשע.

סאסקין. די בעסטע זאַך — לאָ׳מיר אָבמאַכען די זאַך צווישען זיך און מיט גוטען.

טיליע. אַהאַ, וואָס האָב איך געזאָגט? ער וויל אַ חלק!

סאסקין. פאַר וואָס זאָל איך נישט וועלען? דער אוצר איז געפונען געוואָרען אויף מיין ערד.

טיליע. אַ נעכטיגער טאָג! אז איהר׳ט רעדען פון היינט ביז מאָרגען, דער אוצר איז דאָך נישט געפונען געוואָרען אויפ׳ן נייעם פעלד.

יאחנע ברײַנע (דורך טרערען). וואו אוצר? ווען אוצר? אוצר!

חאַניע. עס איז משוגע צו ווערען!

סאסקין. איז ווילט איהר נישט איינגעהן אויף אַ פּשרה?

טיליע. אַ האָר אויך נישט!

סאָסקין. איך פרעג אייך, רב האַניע, איהר זייט'אָך עפּעס אַן עלטערער איד, ווילט איהר בעסער פיהרען פּראָצעסען, איידער איינגעהן אויף אַ פּשרה?

האַניע. אַז איך וויים גאָר אין גאנצען נישט. נישט איך האָב —

סאָסקין. איך זאָג אייך, איהר זאָלט איינגעהן אויף אַ פּשרה.

טיליע. כאַכאַכאַ!

האַניע. אַז נישט איך האָב —

סאָסקין. איז גוט. וועלען מיר אונז זעהן אנדערש־וואו. איך זאָג אייך אָבער, איהר זאָלט אייך גוט איבערלעגען. אַ גוטע נאכט. (געהט אוועק.)

טיליע (צולאַכט זיך נאָך שטאַרקער).

האַניע. אָי, איך וועל דיך ממית'ן, אָי! האָב איך נישט געזאָגט, אַז זי וועט אונז ארויפברייננגען אויפ'ן פייער? מיר וועלען נאָך דורך איהר אומגליקליך ווערען.

יאחנע ברײנע. אין אסטראָג וועלען מיר דורך איהר פארפוילט ווערען!

האַניע. און זי לאכט! לאכען זאָלסטו מיר מיט בלוט, רבונו של עולם! זעה, וואָס פאר אַ קאשע דו האָסט פארקאָכט! איהר האָט צעך פארוואָלט אויספוצען זעך אויף גיך!

יאחנע ברײנע. אַז דאָס פרעגט ביי קיינעם נישט! אַז וואָס דאָס וויל, טוט עס!

האַניע. האָסט געהערט עפּעס אַן אָנשיקעניס? וואו אוצר, וועט אוצר, אַז איך העב נישט אָן פון וואָס צו וויסען, אַז אויסער די פינף אימפעריאלען האָב איך מעהר גאָרנישט געזעהן, אַז איך וויים נישט, וואו, וואָס — —

טיליע. נו, טיק לאָך דאָך מיט מיר. וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען?

חאַניע. דערשראָקען זאָלסטו ווערען פאר'ן מלאך המות און אין גיכע צייטען, רבונו של עולם! ווי הייסט, פאר וואָס זאָל איך מיך נישט דערשרעקען? יענער וועט'אָך מיך פארזעצען אין אסטראָג!

טיליע. פאר וואָס זאָל ער דיך פארזעצען? האָסטו דען געפונען אַן אוצר? ווייסט דען, וואו יודקע האָט געפונען די אימ־פעריאַלען?

חאַניע. זאָל איך אזוי וויסען פון דיין קאָפּ, פון דיין לייב און לעבען! און אפשר יאָ אַן אוצר? איך וויים דען וויפיעל געלט דו האָסט דאָרטין? הערסט'אָך, ווי די גאנצע שטאָדט איז אויף! הונדערטער טויזענטער, אויב נאָך נישט מעהר. ווער וויים, אפשר האָסטו טאקע באוויזען אזויפיעל געלט?!

טיליע (פּלאַצט אוים אין אַ געלעכטער). איז דאָס אַ שפּאַס!

(די דרויסען־טיר ווערט געעפענט און צוגעמאַכט.)

יאחנע ברײַנע (קראַפּטלאָז). שאַ, עמיצער קומט שוים ווידער.

דער ראש הועד (קומט אריין). אַ גוטען אָוועגד!

חאַניע (ניעדערגעשלאָגען). אַ גוטען אָוועגד.

יאחנע ברײַנע (קרעכצט ארוים). אָי, שוים מסתמא ווידער עפּיס.

טיליע (לאַכט שטיל אָב און קערט אוועק דאָס געזיכט).

דער ראש הועד (זעצט זיך). איך קום צו אייך, רב חאַניע, גלייך פון ועד. דער ועד האָט געהאַט אַן עקסטרא־אסיפה אַט ערשט אין אָוועגד. איהר מוזט זיך מסתמא שטויסען, אום וואָס עס געהט דאָ?

חאַניע (מיד, קוים וואָס ער רעדט). איך שטוים מיך שוים, איך שטוים מיך שוים!

דער ראש הועד. וועגען אייער אוצר.

יאחנע ברײַנע. אָך!

חאַניע. וועה מיר נישט געשעהן!

דער ראש הועד. וואָס האָט איהר, וואָס צו קרעכצען, רב חאַניע? גאָט האָט אייך באוויזען אזא גרויסען חסד, ווי ער האָט נאָך קיינעם נישט באוויזען. און אויב איהר שטויסט אייך, אז קהל וויל פון אייך עפּיס האָבען — —

חאַניע. פון וואָס האָבען? פון ווען האָבען?

דער ראש הועד. לאָ'מיך אייך אלץ דערקלערען. — איהר האָט היינט געפונען אן אוצר פון אַ סך און אַ סך טויזענדער רובעל, פון הונדערטער טויזענדער.

יאַחנע ברײינע (קראַצט זיך מיט פערצווייפלונג דעם קאָפּ).

חאַניע (שטעלט אָן אַ ווילדען בליק אויף טיליע'ן).

דער ראש הועד. ווען איינער ווערט אזוי פלוצלונג באגליקט פון גאָט, איז קיינמאָל קיין עולה נישט, אז ער זאָל נישט פארגעסען זיין קהלה. און וואָס מעהר ער וועט אָבטיילען פון דעם, וואָס גאָט האָט איהם צוגעשיקט, אלץ מעהר וועט איהם גאָט בענשען. אָבער אין אייער פאַל איז עס נאָך גאַנץ אנדערש.

חאַניע. אַי, וועה מיר נישט!

דער ראש הועד. קרעכצט נישט, רב חאַניע. קהל איז קיין גזלן נישט. קהל וויל נאָר נישט מעהר ווי רעכט. איהר דאַרפט אליין פארשטעהן, רב חאַניע, אז דעם אוצר האָט איהר געפונען אויף קהל'ס ערד, ועל זאת זייט איהר נאָך קהל'ס אָנגע־שטעלטער, איינער, וועלכער דיענט ביי קהל, און אויף דעם סמך וואָלט קהל געקאָנט פאָדערן, איהר זאָלט איהם צושטעלען די גאַנצע סומע, וועלכע איהר האָט געפונען. אָבער ווי געזאָגט, איז קהל קיין גזלן נישט, און דער ועד האָט צוגע'פסק'נט, אז איהר דאַרפט זיך טיילען מיט קהל. איז דאָס עהרליך צו נישט?

חאַניע (קוים וואָס ער קרעכצט ארויס). איך וויים שוין גאָרנישט וואָס צו רעדען.

טיליע. דער טאַטע האָט געהאט אַ זעהר שווערען תענית און דערצו האָט מען איהם אין שול נאָך מבבד געוועזען מיט משקה.

דער ראש הועד. זאָלען מיר הייסט עס אָבלעגען די אונטערערדונגען אויף מאָרגען?

חאַניע. אָי, איך וויים גאָרנישט, איך וויים גאָרנישט.

יאחנע ברײַנע. משוגע קאָן מען ווערען, רבונו של עולם!

דער ראש הועד. מיר קאָנען אָבלעגען אויף מאָרגען, כאָטש איך וואָלט שטארק געוואָלט, אז די זאך זאָל גלייך אָבגעטאָן ווערען און נישט אָבגעלעגט ווערען.

טיליע. איהר האָט אָבגעהאַלטען אַן אסיפה. מיר דארפען זיך אויך מישב זיין זיך.

דער ראש הועד. וואָס האָט איהר צו האָבען פאר א ישוב הדעת? איהר'ט'אָך נישט וועלען געהן געגען קהל?

טיליע. דאָך, פונדעסטוועגען, מיר דארפען זיך אויך באַ־קלערען, און דער טאטע קאָן יעצט אפילו נישט רעדען.

דער ראש הועד. איז גוט, זאָל דאָס בלייבען אויף מאָרגען. אָבער איך וויל אייך זאָגען, רב חאַניע, אז קהל וועט שטעהן אויף זיינס און וועט זיך נישט לאָזען אָבדינגען כאָטש א גראָשען פון זיין טייל. און ווייטער וויל איך אייך מתרה זיין, אז איהר זאָלט נישט וועלען עפּעס בעהאַלטען פון דעם אוצר און נאָכדעם אָנגעבען, אז איהר האָט וועניג געפונען. ווארום דאָס וועט זיין איינפאך א גנבה פון קהל'ס חלק און קהל וועט אין דעם געוויס נישט שווייגען.

טיליע. מיר זיינען נאָך אזוי עהרליך ווי אַלע אנדערע.

דער ראש הועד. איז א ודאי גוט. (שטעהט אויף.) איז א גוטע נאכט אייך. און מאָרגען אין דער פריה זאָלט איהר אייך שוים מטריח זיין צו אונז אין ועד. מיר וועלען אויף אייך דאָרטען ווארטען טאקע באלד נאָכ'ן דאווגען. א גוטע נאכט אייך.

חאַניע (גאַנץ נידערגעשלאָגען). אָי. אז איך וויל רעדען און — — א גוטע נאכט.

יאחנע ברײַנע. א גוטע נאכט. אָי, וועה, וועה!

דער ראש הועד (געהט אַוועק).

חאַניע (צו טיליע׳ן). וואָס וועסטו יעצט זאָגען, הא? וואָס וועסטו יעצט זאָגען?

טיליע. וואָס זאָל איך זאָגען, וואָס? דער עולם האָט דער־שמעקט געלט.

יאחנע ברײנע. געלט האָט מען דערשמעקט! צרות דיר האָט מען דערשמעקט, ווהעטאָגען דיר!

חאַניע. זעה נאָר, וואָס דו האָסט אָנגעטאָן! וואָס זאָל איך זאָגען דעם ועד? הא, וואָס זאָל איך איהם זאָגען?

טיליע. אז דו ביזט א גוטער, גיב איהם א העלפט פון דיין אוצר.

חאַניע. זעהסט, זי לאכט נאָך, זי טרייבט נאָך שפּאַס. פון וואָס זאָל איך איהם געבען א העלפט? פון די פינף אימ־פעריאַלען?

טיליע (לאַכט).

חאַניע. זעה, ווי דאָס האָט גאָר קיין הארץ נישט.

יאחנע ברײנע. לאכען זאָל זי צום לעצטען מאָל, רבונו של עולם!

חאַניע. זיי ווע‏לען מיך דאָך איך ווייס נישט וואָס. זיי וועלען מיר דען גלויבען, אז איך וועל זיי זאָגען דעם ריינעם אמת? דאָ האָט זי זיך אָנגעקויפט דימענטען און בריליאנטען און זייגער־לעך און איך ווייס וואָס פאר איך ווייס וויפיעל געלט. דעם שדכן האָט זי געזאָגט: „פינף — צעהן — פופציג — הונדערט טויזענד רובעל נדן!“ סאָסקינ׳ען האָט זי געזאָגט: „מיר זיינען אזוי רייך, ווי איהר!“ — וועל איך קומען און ארויפלעגען די פינף אימפּעריאַלען און זאָגען: אָט דאָס איז דער גאנצער אוצר, און איך בין אזוי גוט און גיב אייך דרײט־האַלבען —

טיליע (לאַבענדיג). ווערסט׳אַך קיין ליגען נישט זאָגען.

חאַניע. אציגד וועט עס אָבער נעמען א סוף! (צושרייט זיך מיט א העלישען כעס, ווי בענומען.) איך וועל דיך הרג׳ענען! איך וועל דיך ממית׳ן! וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיינע

יאָהרען?! וואָס מאַכסטו מיך משוגע, וואָס? איך וועל דיר — — וואו איז מיין שטעקען, וואו? (כאַפּט דעם שטעקען.) אהער ארויס מיט'ן גאַנצען געלט! גלייך זאָלסטו מיר ארויסלעגען דאָס גאַנצע געלט!

יודקע (כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און קוקט פערוואונדערט אויף דעם שרייענדיגען טאַטען).

טיליע. דאָס גאַנצע געלט!

חאַניע. דאָס גאַנצע געלט, די הונדערטער טויזענדער, די גאַנצע מיליאָן! דאָס גאַנצע געלט זאָלסטו מיר אוועקגעבען! איך וויל נישט ווארטען קיין איין מינוט, ועסט זיך יעצט פון מיר נישט ארויסדרעהען.

טיליע (לאַכט). די הונדערטער טויזענדער! אָט איז יודקע אויף, פרעג ביי איהם, וויפיעל אימפּעריאַלען ער האָט געבראַכט.

חאַניע. איך וויל פון גאָרנישט וויסען. זאָלסט מיר ארויס־לעגען דאָס גאַנצע געלט, וואָס דו האָסט ביי דיר.

טיליע. איך האָב עס אונטער'ן קאָרסעט.

חאַניע. שפּיליע זיך גלייך פאַרנאַנדער און גיב מיר ארויס דאָס גאַנצע געלט.

טיליע. אז דיר איז ליעב, איז מיר ניחא. (הענבט־אָן אויפ־צושפּיליען די בלוזע.)

יודקע. טיליע, איך מיך אויסגעשלאָפען, אָבער איך נישט גערדיינק.

טיליע. אָבער זאָלסט וויסען זיין, אז איך גיב דיר אוועק מיין געלט. (נעמט ארויס עטליכע אסיגנאַציעס פון הינטער דעם קאָר־סעט.) אָט האָסטו דאָס גאַנצע געלט, די הונדערטער טויזענדער, די מיליאָן!

חאַניע (גיט זיך אַ וואָרף צום געלט, צעהלט מיט נערוועזע הענד, שרייט אויף). פינף און דרייסיג רובעל!? (ווארפט אום די פּאַפּירלער, גלייך ער וואָלט זיינע אויגען נישט געגלויבט און געזוכט מעהר.)

יאחנע ברײנע (העלפט איהם אין דער ארבײט).

טיליע (צוקנעפּענדיג זיך). איהר האט נישט וואס צו זוכען. עס וועט נישט ווערען מעהר.

חאניע. איך גלויב דיר נישט! דו האסט נאך — דאס גאנצע —

טיליע. זאל איך מיך אויסטאן נאקעט פאר דיר?

חאניע. איז וואס איז דאס געוועזען פאר א שפּיעל מיט'ן שרכן? הא?!

טיליע. וואס ארט דיך, אז איך האב געמאכט א ביסעל שפּאס? איך האב איהם דאך נישט גערופען. ער האט זיך אליין אנגעבאטען. אז ער האט געמיינט, מיר זיינען רייך געווארען, טא זאל ער ווייטער מיינען. וואס דארפסטו זיך עס אזוי נעמען צום הארצען.

יאחנע ברײנע. ווי הייסט? מארגען עלף א זייגער אין אוועגד קומט דאך דער חתן אהער!

טיליע. איז וואס וועט איהר אנווערען? ווועלען מיר גע־פינען דעם אוצר, מאכט'אך נישט אויס. אלא ניט, איז — וועט ער מיר נישט געפעלען ווערען. איז אויס כלה, ווייטער א מויד. וועט ער צוריק אוועקפאהרען.

חאניע. און סאסקין וועט דערווייל אנגעבען אין סוד.

יאחנע ברײנע. אוי, רבונו של עולם! אוי, געוואלט!

חאניע. און וואס זאל איך טאן מיט'ן ועד? מיט'ן ועד וואס זאל איך טאן? (קראצט זיך דעם קאפּ.) אוי, אוי, אוי!

יודקע (קריכט אראב פון לעזשאנקע). איך געהן זוכען. (געהט ארויס.)

טיליע. יודקע איז ארויסגעגאנגען זוכען. געה דו אויך.

חאניע. וואס זאל איך געהן, וואס?

טיליע. ווי הייסט? נא דיר גאר! ער זאגט זיך שוים גאר אין גאנצען אפּ! און טאמער איז עס דאך אן אוצר?

חאניע. איך האב דען כח צו ריהרען א פוס?

ט י ל י ע. איז טאקע א רחמנות. אן עבירה בלויז די נאכט. אזא ליכטיגע. איך טו מיך נאָר איבער, געה איך גלייך. (זי נעמט אראָב א קליידעל פון וואנד און געהט ארויס אין דאָס צווייטע צימער.)

ח אָ נ י ע (צו יאחנע ברײנע'ן). און וואָס זיצסטו, מיין פריצה?

י א ח נ ע ב ר י י נ ע. איך האָב דאָס טאקע א סך כח. קוים וואָס איך האלט מיך אויף די פיס. נאָך אזא טאָג א תענית.

ח אָ נ י ע. און איך האָב דאָס כח? מיין קאָפּ געהט'אָך מיר כאָדאָראָם. קוים ביידע. איך פיהל, אז איך פאל פון די פיס.

י א ח נ ע ב ר י י נ ע. אָי, זאָל איך אזוי קאָנען — קום שוים, נו, קום!

ח אָ נ י ע. אָי, וועה מיר נישט געשעהן, וועה מיר נישט געשעהן! (ביידע שלעפּען זיך צו דער טיר. חאָניע דערמאָנט זיך אויף דאָס געלט, וואָס ליעגט אויפ'ן טיש, קעהרט זיך אום און לעגט עס אריין אין קעשענע מיט א קרעכץ.) אָי! (געהען ביידע ארויס.)

ט י ל י ע (קומט אריין, איבערגעטאָן אין אַלטען קליידעל. מיט'ן נייעם אויף די הענד, און קוקט זיך ארום). דאָך אוועקגע־גאנגען. ביידע. (גלעט דאָס נייע קלייד, בעטראכט עס, נעמט אראָב א שטויבעל, זינגט אונטער א ניגון אונטער דער נאָז. קאָן זיך גאָר נישט אָברייסען פון קלייד אין איהר בעוואונדערונג און ענדליך הייגט זי עס אויף אונטער'ן לײלעך; דאָס זעלבע טוט זי איבער מיט איהר מאָנ־טעל, צולעצט בעטראכט און בעוואונדערט זי איהר הוטעלע און טראָגט עס אריין צוזאמען מיט'ן זאָנטיק און האנדשוה אין דאָס צווייטע צימער. קומט גלייך ארויס און בעטראכט נאָך אין שפּיעגעלע איהרע אויריגגלעך, אונטערזינגענדיג אַליין. ענדליך רופט זי אויס מיט ענטציקונג.) אָה, כאָטש איין טאָג גילטען פאר א מיליאָנערקע! אָה! (איילט ארויס.)

פאָרהאנג פאלט.

דריטער אַקט

דאָס זעלבע צימער. אין פענסטער קוקט אריין אַ טרויעריגער, רעגענדיגער פריהמאָרגען. אויפ'ן דיוואן ליעגט בעטגעוואַנט. חאַניע וויל זיך שטעלען דאווענען, נעמט ארויס דעם סידור פון טלית-זעקעל און הערבט אָן צו זאָגען ברכות. יאַחנע בריינע, יודקע און טיליע, וועלכע איז אין פריהמאָרגען-נעגליזשע, אָבער מיט דער גאַנצער צירונג אויף זיך, טרינקען טיי פון דעם סאַמאָוואַר, וועלכער שטעהט אויפ'ן טיש. יאַחנע בריינע קרעכצט אָב גאַנץ אָפט.

ח אַ נ י ע (איבעררייסענדיג זיין מורמלען אין סידור). נאַ-אַ! אַט האָסטו דיר! דאווענען אין דער היים, נישט געהן אין בית מדרש, באהאלטען זיך. — אלץ איהר קאָפ, ברעכען זאָל זי איהם!

ט י ל י ע. שאַ, גלייך אויפ'ן ניכטערען מאָגען הערט ער נישט אויף צו שיטען מיט קללות. דאָס זאָגט ער אזוי זיינע ברכות.

ח אַ נ י ע. אז פארשאָטען זאָלסטו טאקע ווערען! וואָרום ווען נישט דו, וואָלט איך צו קיין צרה נישט געקומען. און איך פרעג דיך מעהר נישט — נו, גוט, איך האָב מיך באהאלטען, נישט באוויזען זיך פאר לייטען, אין בית מדרש נישט געגאַנגען, און וועל אין ועד אויך נישט געהן, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אז מי'ט מיך קומען רופען אין ועד?

ט י ל י ע. וועסטו נישט געהן.

ח אַ נ י ע. ווי הייסט, וועל איך נישט געהן? ווי הייסט, וועל איך נישט געהן, אז ועד רופט?

ט י ל י ע. אז מי'ט קומען רופען, וועסטו נישט זיין אין דער היים.

ח אַ נ י ע. ווי הייסט, איך וועל נישט זיין אין דער היים? וואו דען וועל איך זיין? אין ד'ר'ערד וועל איך זיין?

טיליע. דו׳ס׳ט זיצען דארטין — (ציינט אויף דאס צווייטע צימער) — אדער אין טהרה־שטיבעל, און מיר׳ן זאגען, אז דו ביזט ערגעץ אוועקגעגאנגען.

חאניע. איז גוט, וועל איך מיך ארויסדרעהען פון דעם ועד־שמש, אבער וואס וועל איך טאן, אז ועד וועט קומען צו מיר? וואס זאל איך יעמאלט טאן? וואס זאל איך יעמאלט רעדען?

טיליע. ווייסטו גאר וואס? שא, איך האב גאר די בעסטע עצה. דארפסט זיך נישט באהאלטען, דארפסט זיך נישט ארויס־דרעהען פון שמש, דארפסט גאר גארנישט — נעם און מאך דיך קראנק.

חאניע. קראנק?!

יודקע (שיסט אויס א געלעכטער).

יאחנע בריינע (צו טיליע׳ן). אז קראנק זאלסטו טאקע ווערען אויף אן אמת׳ן, רבונו של עולם!

חאניע. ווי הייסט, קראנק? ווי אזוי נעם איך און ווער דאס מיט א מאל קראנק?

יודקע (לאכט ווידער).

טיליע. גאר פשוט. דו נעמסט און לעגסט דיך אריין אין בעט אדער אויפ׳ן דיוואן און דעקסט זיך צו, און אז עמיצ׳ן קומט, זאגען מיר, אז דו ביזט נישט געזונט געווארען. מאלע וואס: האסט צעך צוגעקיהלט, דער תענית האט דיר פארשאט, אדער, איך ווייס, פון אויפרעגונג —

יאחנע בריינע. אי, מי קאן שוים טאקע אויף צו־נ־אמת קראנק ווערען.

טיליע. און אז עמיצער וועט קומען און אנהעבען מיט דיר צו רעדען, וועסטו שווייגען, וועסט זיך מאכען, ווי דו פער־שטעהסט נישט, ווי דו הערסט נישט, ווי דו קאנסט נישט רעדען, און זאלען זיי רעדען צו דער וואנד. און אז מי׳ט דארפען רעדען, וועל איך שוים פאר דיר רעדען.

יאחנע בריינע. אז אפגענומען זאל דיר ווערען די צונג.

טיליע. א גרויס גליק וועט דיך טרעפען, מאמע.

חאניע. אט אזוי א וואלט עס וועלען נארען די גאנצע וועלט. איך פרעג דיך אבער, וואס וועט זיין דער סוף? גוט, איך וועל מיך שוים מאכען קראנק, איך וועל שוים ליעגען אין בעט — ליעגען זאלסטו אין געהאקטע וואונדען! — וואס וועט אבער ווייטער זיין? איך קאן דאך נישט אבליעגען אזוי מיין גאנץ לעבען. איך וועל דאך דארפען א מאל אויפשטעהן.

טיליע. דארפען מיר געווינען צייט. מיר וועלען דער־ווייל זוכען דעם אוצר.

יאהנע בריינע. זוכען דעם אוצר וועט זי! אין אזא שלאגסרעגען, אז ס'איז אן עבירה א הונט ארויסצוטרייבען אין גאס.

טיליע. ניש'קשה, עס'ט פון אונז גארנישט אבקומען. גראבען קברים אין רעגען און שניי און פראסט צוליעב דעם שטי־קעל ברויט איז יא ניש'קשה? אבער זיצט אייך ביידע אין שטוב. ווער בעט אייך געהן? איך און יודקע וועלען ארויסגעהן זוכען. זאג, יודקע, מיר ביידע. מיר וועלען אונז גוט איבערדעקען, יא? און אז מיר וועלען נאס ווערען, מאכט אייך נישט אויס, ווי?

יודקע. דו געהסט, איך געה.

טיליע. עס איז דאך אזוי וויכטיג, פארשטעהסט?

חאניע. אבער איך וויל אלץ וויסען — נאכדעם? וואס וועט זיין נאכדעם?

טיליע. ווען נאכדעם?

חאניע. ווען דער אוצר וועט זיך דאך נישט געפינען?

טיליע. פארוואס זאל ער זיך נישט געפינען? מיר וועלען זוכען און יודקע וועט זיך געוויס דערמאנען.

יודקע. איך מיך דערמאנען, יא. איך מיך דערמאנען, חיהיהי.

יאהנע בריינע. דערמאנען וועט ער זיך! זאל ער אזוי האבען זיין קאפ, ווי ער וועט זיך דערמאנען.

יודקע (בייז). איך מיך דיר אויף צו להכעיס.

חאַניע. און אז עס וועט זיך שוים געפינען זשוטשקע'ס נרוב, איז אַ ראיה, אז דאָרטין וועט זיין נאָך געלט?

טיליע. איז אויפ'ן ערגסטען פאַל, לעגט זיך נאָך אַלץ נישט דער הימעל אויף ד'ר'ערד. פינף אימפעריאַלען האָט איהר? און די פינף און דרייסיג רובעל האָט איהר? זייט איהר דאָך נבירים — וואָס ווילט איהר נאָך מעהר? ווען אין אייער לעבען האָט איהר געהאַט אַזויפיעל געלט?

חאַניע. אָבער וואָס'טו געדאַרפט פאַרנאַנדערפּויקען אַזוי גיך?

טיליע. האָסטו נישט געזאָלט מאַכען אַזעלכע סקאַנדאַלען נעכטען ביי טאָג. און וויטער — בין איך אריבערגעפאַלען. איז פאַרפאַלען. איך האָב מיר נישט פאָרגעשטעלט, אז עס וועלען זיך געפינען בעלנים אויף חלקים. יעצט איז די ריכטיגסטע זאַך נאָר צייט צו געווינען, און מיר וועלען זוכען.

חאַניע. אַי, האָט עמיצער נישט אַן עפּען געטאָן די טיר? (שפּרינגט־אויף.)

טיליע. לעג דיך אויף גיך אויפ'ן דיוואַן! לעג דיך אויף גיך אויפ'ן דיוואַן!

חאַניע (ציהט זיך אויס אויפ'ן דיוואַן).

יאחנע ברײנע (ברעכט די הענד). אַי, וועה מיר נישט! אַי, וועה מיר נישט!

טיליע (נאָך אַ ווײלע געשפּאַנט וואַרטען, געהט־צו צו דער קיך־טיר און קוקט אַרויס). קײנער נישט, מסתמא דער ווינד.

חאַניע (זעצט זיך אויף). אַ שיינער דאַוונען וועט עס זיין. ביי יעדען קלאַפּ מיט דער טיר, וועל איך מיך דאַרפען אַוועקלעגען, נאָך אין טלית און תפילין.

טיליע. טיק ווייסטו גאָר וואָס? געה גאָר דאַוונען אין טהרה־שטיבעל.

חאַניע. און אז מי'ט קומען רופען?

טילי ע. װעלען מיר דאָך אַ ודאי מאַגען זאָגען, אַז דו ביזט נישטאָ.

חאַני ע. אַי, װעה מיר נישט, װאָס זי האָט אביסעל אָנגעטאָן! װאָס זי האָט אַ ביסעל אָנגעטאָן!

יאחנע ברײנע. און איך'ל דאָס קאָנען אײנזיצען אין שטוב? איך'ל אויך נישט קאָנען אײנזיצען אין שטוב. טרינק באַטש אָפּ צוערסט אַ גלעזעל טײ. אָנבײסען װעל איך דיר שוין ברײנגען אהינצו. אז נישט, װעסטו נאָך דארפען עסען ליעגענדיגערהײט. (גיעסט אָן חאַניע'ן אַ גלעזעל טײ.)

טילי ע (געהט־צו צום בעט, נעמט אַראָב דאָס נײע קלײד און הײבט אָן אָנצוטאָן).

יאחנע ברײנע (אומקוקענדיג זיך אויף איהר). װאָס איז דאָס? װאָס איז עפּיס מיט אַ מאָל אויספּוצען זיך? שיט נאָך זאַלץ אויף די װאונדען!

טילי ע. איך װיל עס מיר נאָך אַ מאָל אָנמעסטען. ליעגט עס אויף מיר נישט װי אויסגעגאָסען? דעם קנעפּעל, דאכט זיך, װעט'ן דארפען איבערזעצען. װי מײנסטו? אָט דאָ בלאָזט זיך אַ ביסעל. (דרעהט און בויגט זיך, בעקוקט זיך פון אַלע זײטען.) אַה, װײל מען האָבען עפּעס רעכטס, זאָל מען געהן נאָר אין די גרויסע געשעפטען. זײ לאָזען זיך גוט באצאָלען, אָבער עס איז װערט.

יאחנע ברײנע. װעסט אָבער זעהן, װאָס דו װעסט דערפאַר קריגען, אַז דו װעסט דארפען אַלץ פאַר'משכנ'ען אָדער פארקויפען. װעסט אַ סך אָנקריגען, בעל־תכלית'ניצע מײנע.

חאַני ע (קרעכצט).

טילי ע. פּטור נו, איהר'ט שוין זעהן. מאכט אײך נאָר נישט קײן אומזיסטע זאָרגען. יודקע װעט זיך דערמאָנען, און מיר װעלען טאקע געפינען אַ גרויסען אוצר, און מיר װעלען װערען אזוי רײך, אזוי רײך — די רײכסטע מענשען אין שטאָדט װעלען מיר װערען. מיר װעלען ארײנציהען אין אַ גרויסע, גרויסע מויער

אויפ'ן פראספעקט, און מיר וועלען דאס א לעב טאן — אה! איך מיט מיין הויבען שיינעם אינזשענער. (צולאכט זיך.)

חאניע (מיט כעס). אוי!

יאחנע ברײנע. זי איז משוגע און פארטיג.

טיליע. אז מען קאן טראכטען אזוי אדער אזוי, פאר וואס זאל מען טראכטען צו שלעכטס? און איך האב פיינט טראכטען צו שלעכטס. איך טראכט שטענדיג צו גוטס. אה, וואס איך האב שוין איבערגעטראכט...

יודקע (לאכט פלוצלונג אויף). מיר רייך ווערען, העהעהע! (מען הערט א דראזשקע צופארען.)

חאניע (אויפשפרינגענדיג). אוי ווער מיר נישט, עמיצער איז צוגעפאהרען!

טיליע (לאזט זיך צו איהם). טיק לעג דיך אויף גיך! וואס'ט'צעך אוועקגעשטעלט? (שטופט איהם.) אויף גיך! אויף גיך! (שלעפט פון איהם אראב די שטיפעל און דעקט איהם איין). קאנסט נאך צומאכען די אויגען.

חאניע. זאלסט שוין טאקע צומאכען דיינע אויגען אויף אייביג! גארנישט! לעג דיך אוועק א פרישער, א געזונטער און ווער קראנק!

יודקע (געהט צו דער לעזשאנקע). מיר רייך ווערען! מיר רייך ווערען! העהעהע! (לעגט זיך אוועק.)

צוויי אידען (קומען אריין). א גוטען מארגען אייך!

ערסטער איד. און מזל טוב אייך אלעמען!

צווייטער איד. און מזל טוב אונז אלעמען!

ערסטער. זעה, דאס ליעגט'אך רב חאניע! וואס ליעגט ער? — גוט מארגען, רב חאניע! וואס ליעגט איהר עפּיס?

חאניע (קרעכצט קוים ארויס). גוט מארגען.

צווייטער איד. א גוטען מארגען, רב חאניע, און מזל טוב אייך.

יאחנע ברײנע. מזל טוב גאר! וואס פאר א מזל טוב?

ערסטער איד. אייך קומט דאכט זיך דער גרעסטער מזל טוב, וואס מי קאן זיך דענקען. וואס דען, אז בא א קבצן ווערט געבארען דאס צעהנטע קינד, דאמאלס קומט מזל טוב?

צווייטער איד. אזא מזל טוב, ווי בא אייך, מאג מען ווינשען אלע אידען. הלואי פאסירט עס מיר צו געפינען אן אוצר, וואלט איך געמאכט דעם גרעסטען מזל טוב.

טיליע (וועלכע האט זיך אוועקגעשטעלט ביי חאניע'ן צוקאפענס). זעהסטו, און דו נעמסט גאר און ווערסט קראנק.

יאחנע ברייגע (קרעכצט, גלאצענדיג די אויגען צום באלקען).

חאניע (ווארפט צו טיליע'ן א בייזען בליק).

ערסטער איד (נעמט א שטול און זעצט זיך נישט ווייט פון חאניע'ן). טאקע, וואס איהר'ט צעך אוועקגעלעגט, איז גאר נישט אוצר'דיג. דאס איז פון אייך גאר אן עולה.

צווייטער איד (אויך זעצענדיג זיך). מסתמא דער נעכטיגער טאג און די אויפרעגונג.

טיליע. ווי דען?

חאניע (קרעכצט).

צווייטער איד. דאס איז שוין אזא מזל. קריגט אן ארימאן געלט, מוז ער זיך אוועקלעגען.

ערסטער איד. אט, אוועקלעגען זיך! עס'ט מסתמא באלד אריבער. וואס פעהלט אייך, רב חאניע?

חאניע. אט.

ערסטער איד. אפשר זיך צוגעקיהלט אביסעל. געדארפט נעמען בינע.

צווייטער. איך וואלט מיך גוט אנגעטרונקען מיט טיי און מיט מאלינע און וואלט מיך גוט איינגעדעקט און וואלט מיך גוט אויסגעשוויצט.

ערסטער. איך רעכען אבער, אז דאס איז בלויז פון אויפרעגונג.

צווייטער. דאָס האָב איך דאָך שוין געזאָגט. די גלייכסטע זאַך און גאָר ארייגרופען א דאָקטאָר.

טיליע. רוה דאַרף ער האָבען, גוט אויסרוהען זיך.

ערסטער איד. רוה, יאָ, א ודאי, רוה. גוט אויסרוהען זיך. — נאַ, מילא, מיר דאַרפען אייך שוים קיין עצות נישט געבען. — איז ווייסט איהר־זשע, צוליעב וואָס מיר זיינען געקומען צו אייך, רב חאָניע? איהר ווייסט׳אָך, אז מיר זיינען פון „הכנסת כלה“?

חאָניע (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און קרעכצט). יאַ־אַ.

ערסטער איד. דאַרף איך אייך, הייסט עס, נישט דערצעהלען, ווער, וואָס און ווען, און איך וויל אייך בלויז זאָגען, אז גלייך ווי עס איז ידוע געוואָרען אין שטאָדט, אז גאָט האָט אייך אזוי בעגליקט —

יאחנע ברײנע (קרעכצט שווער אָב).

ערסטער איד. טאַקע באַגליקט! אי, וואָס ער איז נישט געזונט געוואָרען? וועט ער צוריק געזונט ווערען. דאָס קאָן זיך מאכען מיט יעדעם און אָהן אָן אוצר. (צו חאָניע׳ן.) איז ווי געזאָגט, ווי דאָס איז נאָר ידוע געוואָרען, האָבען מיר אונז גלייך א זאָג געטאָן, אז אונזער חברה מוז זיין די ערסטע, וועלכע זאָל געניסען פון גאָט׳ס חסד, וואָס ער האָט אייך באַוויזען. וואָרום ערסטענס איז „הכנסת כלה“ טאַקע די ערסטע און שענסטע מצוה בא אונז אידען — זי פיהרט׳אָך צו דער ערסטער מצוה פון אַלע תרי״ג מצוות, צו פּריה ורביה, העהעהע. און צווייטענס האָט אונזער חברה שטענדיג געהאַט אַן אויג אויף אייך, מוז זי שוים דערפאַר אליין קריגען פון אייך די ערסטע נדבה. וועט איהר דאָך פרעגען: וואָס הייסט, אונזער חברה האָט געהאַט אַן אויג אויף אייך? וועל איך אייך עס דערקלערען, איהר דאַרפט אייך גאָר נישט באַליידיגען.

יאחנע ברײנע (קרעכצט).

צווייטער איד. אָרעמקייט איז קיין שאַנד נישט,

העהעהע. מענשען פון גאנץ שיינעם יחוס, פון העכסטען יחוס האבען זיך געווענדט צו אונזער חברה.

טיליע. דאס מיינט מען שוים מיך.

ערסטער איד. און אזוי האבען מיר טאקע שטענדיג געדיינקט, אז אונזער קברות־מאן האט קיין עין הרע נישט א טאכ־טער, וועלכע מוז געבראכט ווערען אונטער דער חופה, און איז נעביך א גרויסער אָרממאן, נישט היינט געדאכט. און מיר האבען שטענדיג גערעכענט, אז ווען גאט וועט איהם צושיקען דעם זיווג פאר זיין טאכטער און ער'ט זיך ווענדען צו אונז, זאל ער קריגען פון דער אפענער האנד.

טיליע. נו, טאטע, האב איך געדארפט עפּיס זארגען?

ערסטער איד. זאל אונז אזוי גאט העלפען און זאלען אזוי אויפהערען אָרמע כלות בא אונז אידען, ווי מיר האבען שטענ־דיג אזוי גערעכענט. און אצינד, ווען גאט האט אייך אזוי גע־האלפען און איהר'ט געבען אייער טאכטער די שיינע טויזענדער נדן, דארפט איהר אונז באצאלען פאר אונזער גוטער כונה מיט פּראצענטען. איז אט איז אונזער בוך, רב חאניע, און אויב איהר קאנט, שרייבט אריין, וויפיעל אייער הארץ הייסט, און וואס מעהר איז נאטירליך אלץ בעסער, און גאט וועט אייך צושיקען א רפואה שלמה. (בלעטערט־אויף א בלאט און לעגט אוועק דאס אפענע בוך מיט א בלוישטיפט אויפ'ן טיש פאר חאניע'ן.)

חאניע (קרעכצט אב). טיליע, אוי נישט גוט איז מיר.

יאחנע ברײנע (וועלכע איז געזעסען אויפ'ן בעט, שלעפט זיך צום דיוואן). אוי, זעה, איהם איז דאך טאקע נישט גוט! אי, ער'ט מיר נאך גוט קראנק ווערען!

טיליע (מאכט זיך צו שאפען ארום איהם). ער'ט געדארפט זיך גוט אויסשלאפען. ער האט די נאכט כמעט מיט קיין אויג נישט צוגעמאכט.

צווייטער איד. פון הוילער אויפרעגונג. שוים שטענ־דיג אזוי. איך וויים א פאל, וואו איינער איז משוגע געווארען

פון אזא איבערראשונג. ער איז געווען אַן אָרמער איד, האָט'ן איהם פּלוצלונג אָנגעזאָגט פון אַ גרויסער ירושה, איז ער גלייך אויפ'ן אָרט משוגע געוואָרען.

יאחנע ברײנע. נישט דאָ געדאכט, נישט פאר קיין אידען געדאכט.

צווייטער איד. איך מיין, אַט צו וואָס אויפרעגונג קאָן ברײנגען.

טיליע. די בעסטע זאַך פאר איהם איז יעצט רוה, ער זאָל זיך גוט אויסרוהען און קיינעם נישט זעהן און קיינעם נישט הערען.

צווייטער איד. ווער האָט געקאָנט וויסען, אז ער'ט גאָר נעמען מיט אַ מאָל און קראנק ווערען. דער עיקר ווייל ער איז נעכטען ביי דער נאכט געווען אין בית מדרש צו מעריב.

ערסטער איד (שטעהט אויף). איז נישט צו מאכען. וועלען מיר מוזען זעהן זיך נאָך אַ מאָל. ניש'קשה, רב חאָניע וועט פון אונז נישט אנטלויפען.

צווייטער איד (שטעהט אויך אויף. צו טיליע'ן). נו, און וואָס איהר? ניש'קשה, ביי אייך וועלען מיר אויך צונעמען אַ נדבה.

טיליע. זאָגט אליין, קאָן עס אונז יעצט ליעגען אין קאָפּ? זאָל נאָר דער טאַטע געזונט ווערען.

צווייטער. דאָך, אַט, טאקע פון אַ רפואה וועגען. (מען הערט אַ דראָזשקע צופאָהרען.)

טיליע. דאכט זיך, אַ דראָזשקע צוגעפאָהרען. אפשר דער דאָקטאָר.

חאָניע (קרעכצט שטארק אָב).

יאחנע ברײנע (ברעכט די פינגער אין פערצווייפלונג און שלעפּט זיך צוריק צום בעט).

צווייטער איד. אזוי? האָט איהר טאקע גערופען אַ דאָקטאָר? (ביידע אידען רוקען זיך אָב פון טיש צו דער לינקער זייט פון צימער צו.)

צוויי אידען (קומען אריין, זיינען איבערראשט, טרע־פענדיג די ערסטע צוויי און רעדען עפּיס אבהענדיג ארוים). א גוטען טאג אייך. (עס ווערט א ביסעל א גערודער פון אלגעמיינע בעגריסונגען.) „א, רב איטשע!“ „רב יוסף!“ „פּאני ראבינאוויטש!“ „רב פייוויש!“

ערסטער הכנסת כלה'ניק (צו חאניע'ן). אט האט איהר שוים דא „ביקור חולים“ אויך.

חאניע (כאפּט זיך פאר'ן קאפּ).

ערסטער ביקור חולים'ניק. זעה, ער ליעגט'אך נאר!

צווייטער ה. כ. (מיט אן ערנסטער מינע). פון אויפ־רעגונג. מי'ט שוים גערופען א דאקטאר.

צווייטער ב. ה. אזוי? אזוי קראנק איז ער?

ערסטער ב. ה. ע, יעצט נעמען און אוועקלעגען זיך איז א גרויסע נארישקייט פון אייך, רב חאניע.

ערסטער ה. כ. דאס האב איך שוים געזאגט. דאס איז א גרויסע עולה. (אלע צוזעצען זיך ארום טיש.)

ערסטער ב. ה. אז מי האט געלט, דארף מען נישט קריינקען.

יאחנע בריינע (קרעכצט). אז מי האט געלט — —

ערסטער ב. ה. איהר ווילט זאגען, מומינקע, אז די קריינק פרעגט נישט, צו וועמען זי דארף קומען. אבער איך קאן אייך זאגען, אז אייער אלטער האט נאך גוט אבגעשניטען, אז איהר האט אלע גוט אבגעשניטען. נישט לאנג האב איך געלייענט אויפ'ן בלאט, אז אין א שטאדט, איך געדיינק נישט אין וועלכער, דאכט זיך אין קרעמענטשוג, אדער אין — יא, טאקע אין קרעמענ־טשוג, האט א איד געקראגען א טעלעגראמע, אז ער האט געוואונען פופציג טויזענד רובעל, איז, ווי ער האט איבערגעלייענט די טעלע־גראמע, איז — בוך! געפאלען און געשטארבען — געקראגען די אפּאפּלעקסיע.

צווייטער ה. כ. און איך וויים א פאל —

טילי ע. אך, וואָס דערצעהלט איהר פאר א זאכען!

ערסטער ב. ח. איך מיין, נישט דאָ געדאכט, נישט פאר קיין אידען געדאכט. איך האָב געוואָלט בלויז זאָגען, אז איהר מאַגט אלע גומל בענשען, וואָס אייך איז די איבעררראשונג אזוי גלאט אראָפּ. אי, וואָס ער האָט זיך אוועקגעלעגט? וועט ער באלד אויפשטעהן! וואָס ניין, חאָניע — רב חאָניע? אָט נעמט און שטעהט־אויף און לאָ'מיר בעסער מאכען א „לחיים". און אָט האָט איהר אונזער בוך, וועט איהר ארייַנשרייבען אויף חברה „ביקור חולים" א שיינע, א פיינע, א גרויסארטיגע נדבה.

ערסטער ה. כ. „הכנסת כלה" און „ביקור חולים", „הכנסת כלה קודמת" — קומט „הכנסת כלה" צוערסט.

ערסטער ב. ח. ניין. „ביקור חולים" צוערסט. מיר האָבען מיט רב חאָניע'ן אַלטע חשבונות. מיר זיינען אזוי צו זאָגען שטיקלעך מחותנים.

ערסטער ה. כ. ווייל איהר האָט איהם צוגעשטעלט ארבייט? העהעהע.

צווייטער ה. כ. היהיהי! (אַלע לאַכען.)

ערסטער ה. כ. און פון דעסטוועגען וועט רב חאָניע ארייַנשרייבען אין אונזער בוך זיין ערסטע נדבה. שוים דערפאר אליין, וואָס מיר זיינען די ערסטע געקומען.

צווייטער ב. ח. מילא, גע'פועל'ט! זאָל ער אייך ארייַנשרייבען די ערסטע, און אונז די גרעסטע.

ערסטער ב. ח. וואָס הייסט, די גרעסטע? רב חאָניע וועט עפּים טיילען גרעסער—קלענער?

צווייטער ה. כ. ער'ט אלעמען געבען די גרעסטע, העהעהע! עס'ט אויף אַלעמען סטייען. נישט אזוי וואָס, רב חאָניע?

חאָניע. דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר! דער קאָפּ שפּאלט זיך מיר!

יאחנע ברייגע. ער קאָן שוים צושפּאַלטען ווערען.

טיליע. דו דארפסט צעך אויסשלאָפען, טאטע. — וואָס קומט שוים דער דאָקטאָר נישט?

צווייטער ה. כ. טאקע, מי דארף רב חאָניע'ן לאָזען אויסרוהען זיך.

ערסטער ב. ה. אָט, ניש'קשה. די גמרא זאָגט, אז מי קומט צו א חולה, נעמט'ן בא איהם צו א זעכצינסטעל פון זיין קריינק. האָבען מיר א קימא־לן, אז מיר וועלען ביי איהם צו־נעמען פיער זעכצינסטעל, און אז די מומינקע זאָל נאָך זיין א גוטע און שטעלען משקה, נעם איך מיך אָן צו צונעמען אויף מיין חלק אליין לכל הפחות א דרייצעהן זעכצינסטעל פון זיין קריינק. (צו חאָניע'ן.) נו, וואָס ליעגט איהר אזוי, אלטער חושים בן דן, און ווארפט אום דעם קאָפ? איהר ווייסט נישט, וואָס צו טאָן מיט אייער געלט? זייט זיכער, איהר'ט שוים וויסען, ווערט נאָר געזונט. (פון דרויסען דערהערען זיך א סך שטימען.)

א מחנה חברה קדישא'ניקעס (קומט אריין מיט רעש נאָך אין קיך). פנו דרך! פנו דרך! מאכט א וועג! חברה קדישא קומט! חברה קדישא קומט! — מזל טוב! מזל טוב! וואו איז דער שנאפס?

צווייטער ה. כ. ששש, רב חאָניע איז נישט געזונט.

ערסטער ח. ק. וואָס? נישט געזונט איז ער? (צו־שטופענדיג זיך צו חאָניע'ן.) וואָס פעהלט דיר, חאָניע? קדחת פעהלט דיר?

צווייטער ח. ק. קום, שטעה־אויף, מיר זיינען גע־קומען אויף משקה.

דריטער ח. ק. שלעפט איהם אראָפ פון בעט! וואָס איז דאָס פאר א ליעגען?

פיערטער ח. ק. נישט קשה, ער'ט געזונט זיין! ער טאָר נישט קראנק זיין, אז מיר זיינען דאָ!

טיליע. האָט רחמנות, לאָזט איהם צורוה. איהר זעהט, ווי ער זעהט אויס.

צווייטער ה. כ. פון אויפרעגונג. מי'ט גערופען א דאָקטער.

ערסטער ה. ק. פטור, נו, חאַניע'ן א דאָקטער! אחינו אתה, ער איז דאָך עפּיס פון אונזערע ברידער, און פאר אונזערע ברידער איז בראַנפען די בעסטע רפואה. מיר דארפען קיין דאָקטוירים נישט. נישט אזוי, וואָס, חאַניע? וואָס ליעגסטו, ווי אַן אלטע באָבעצע, און עס ווארפט דיך אַ צאָן אָן אַ צאָן?...

חאַניע. דער קאָפּ! דער קאָפּ!...

ערסטער ה. ק. חש בראשו יעסוק בתורה — טוט דער קאָפּ וועה, נעם זיך צום לערנען, און לערנען מיינט טרינקען. שטעה־אויף און מאַך נישט קיין שטיק.

ערסטער ב. ה. אָט אזוי אָ, נעמט צעך צו איהם.

צווייטער ה. ק. דאָס איז אַ באַליידיגונג פאר חברה, אונזער קברות־מאַן זאָל אונז אזוי אָבטאָן. נעמען און אוועקלעגען זיך, ווען ער דארף שטעלען משקה!

ערסטער ה. ק. משקה זאָל מיר ווערען! האָסט אונז נאָך נעכטען בא דער נאכט געדארפט פאררופען, גלייך נאָכ'ן תענית.

עטליכע. שנאַפּס אהער! שנאַפּס אהער! — זאָל ער ליעגען און מיר וועלען טרינקען! — מיר וועלען נאָך טרינקען אין צווייען: פאר איהם און פאר אונז! (מען בעפאַלט חאַניע'ן און מען הערבט איהם אָן צו שלעפּען און צו טרייסלען.)

חאַניע (קרעכצט, מאַכט־צו די אויגען און האַלט די האַנד אויף דער קעשענע).

ערסטער ה. ק. זעה נאָר, ווי דער חולה האלט די האנט אויף דער קעשענע, אז מע קאָן זי גאָר נישט אוועקרייסען!

חאַניע (קרעכצט ארוים). טיליע! טיליע!

ערסטער ה. ק. מיר האָבען געלט! מיר האָבען געלט!

(ער האַלט אין האַנד עטליכע אסיגנאַציעס און אַ פּאָר אימפּעריאַלען און בעוויזט זיי אין דער הויך.) אָט דאָס זיינען זיי, די אימפּער־

יאלטשיקלעך, די גאָלדענע אוצר'דיגע מטבעות'לעך! און דאָס זיינען די פּאפּיערעלעך!

טיליע (האָט זיך צוגערוקט צו איהם פון הינטען און באַפּאַט ביי איהם ארויס דאָס געלט). וואָס איז דאָס פאר אליין געלט גענומען? וואָס איז דאָס פאר א קריכען אין די קעשענעס? וואו זייט איהר דאָס? אין א שיינק זייט איהר דאָס? איהר האָט קיין רחמנות נישט אויף א קראנקען! שיכורים, וואָס איהר זייט!

יאחנע בריינע (קוים וואָס זי רעדט). אין פרעמדע קעשענעס קריכען גאָר.

חאַניע (קרעכצט).

ערסטער ה. ק. הא? וואָס? ווי? וואָס איז דאָס עפּיס? הא? (א דראָזשקע פאָהרט צו.)

צווייטער ה. כ. א דראָזשקע! דער דאָקטאָר. (עס ווערט גלייך שטיל, מען הענגט אָן אָבצורוקען זיך פון חאַניע'ן און אראָבצונעמען די היטלען; מען שעפּטשעט צווישען זיך.)

דער ראש הועד (קומט אריין).

די ה. ק. אונזער ראש! אונזער ראש!

דער ראש הועד. דאָ איז דאָך גאָר א גאנצע אסיפה. (קוקט זיך אָרום.) זעה, ער ליעגט טאַקע.

יאחנע בריינע (ברעכט אויס אין א געוויין).

יודקע (שיפּעט ארוים). הע-ע-ע!

איין ה. ק. פון אויפרעגונג האָט ער זיך דאָס אוועק־געלעגט.

צווייטער ה. כ. מי'ט גערופען א דאָקטער.

דער ראש הועד (זעצט זיך אויף א שטול לעבען חאַניע'ן). וואָס איז אייך?

חאַניע (קרעכצט). אָי, אָי, אָי, וועה מיר נישט געשעהן.

טיליע. איהר'ט'אָך נעכטען ביי דער נאכט אליין געזעהן, ווי ער'ט'צעך געפיהלט. און די גאנצע נאכט האָט ער כמעט מיט אן אויג נישט צוגעמאכט, האָט ער זיך געדארפט גוט אויסרוהען,

איז פון צוויי זייגערנע שעה, אז עס הערען נישט אויף צו שיטען זיך מענשען.

דער עולם (מאַכט בעוועגונגען, ווי אוועקצוגעהן, און בלייבט דאָך אויף די ערטער. אַ דראָזשקע פאָרט צו).

אַ שטימע. אַ דראָזשקע! דער דאָקטאָר! (מען קוקט געשפאַנט אויף דער טיר.)

סאָסקין (קומט אריין מיט'ן אדוואָקאַט. זיי בעגריסען זיך מיט'ן ראש הועד און נאָך עטליכע).

סאָסקין. אַ מין עולם, אָהן עין הרע. (צום ראש הועד.) איהר אויך דאָ? (אָנווייזענדיג אויף חאַניע'ן.) און ער ליעגט'אָך עפּיס גאָר.

יודקע (שיפּעט ווידער ארויס). הע־ע־ע!

דער ראש הועד. פאר אויפרעגונג איז ער אַביסעל — נא, די בעסטע זאך, מיר געהען פון דאנען אוועק. מע דארף זיי לאָזען אויסרוהען זיך, קומען צו זיך.

סאָסקין. און איך, רב חאַניע, האָב געבראכט מיין אדוואקאט. ער וואָלט אייך אַלץ געקאָנט דערקלערען, וואָלט איהר געזעהן, אז איך בין גערעכט.

ראש הועד. לאָזט איהם יעצט, לאָזט איהם יעצט. — וואָס האָט איהר מיט איהם עפּיס?

סאָסקין. דער אוצר איז געפונען געוואָרען אויף מיין ערד — אַט, הערר מירקין...

דער אדוואָקאַט (מאַכט אַ בעוועגונג צו זאָגען עפּיס).

ראש הועד (צו סאָסקינ'ען). אהא... נו... מילא... אָבער לאָזט איהם יעצט. נו, רב חאַניע, ווערט געזונט, ליעגט און רוהט אייך גוט אויס. איילען זיך אויפצושטעהן האָט איהר דאָך שוים נישט וואָס. גראָבען קברים וועט איהר שוים נישט דארפען — אין מחשבות'ן, ווען רעכענט איהר ארויסצוקלייבען זיך פון דאנען?

יאחנע ברײַנ'ע (מיט שרעק). אַי, וועה מיר נישט!

חאַניע (קוים וואָס ער רעדט ארויס). ווי הייסט, ארויס־קלייבען זיך פון דאנען?

ראש הועד. איהר'ט'אַך יעצט מעהר קיין קברן נישט זיין, און מיר האָבען שוים אַן אנדערן אויף אייער אָרט.

חאַניע (זעצט זיך אויף). ווי הייסט, אַן אנדערן אויף מיין אָרט? (שטאַרקער.) וועה מיר נישט, איך וועל דאָך בלייבען אָהן ברויט?! (בעוועגונג אין עולם.)

יאחנע ברײַנע (צואווייגט זיך). אוי, אַ דונער האָט מיך נישט איינגעשלאָגען!

ראש הועד. ווי הייסט, איהר'ט בלייבען אָהן ברויט? וואָס רעדט איהר, רב חאַניע?

שטימע. ער מוז רעדען פון היץ.

שטימע. ער'ט גאָר פארגעסען דעם אוצר.

חאַניע. וואו אוצר! ווען אוצר! איך האָב קיין אוצר נישט! איך וועל בלייבען אָהן ברויט!

יאחנע ברײַנע. וועה מיר נישט, וואָס פאר אַן אַנ־שיקענים איז דאָס געוועזען אויף אונז!

שטימען. וואָס? וואָס? גאָר קיין אוצר נישט? — האהאהא, דאָס איז אַ גוטער ארויסדרעה! האהאהא!

ראש הועד. שא זאָל זיין! — רב חאַניע, נארישקייט, אזוי וועט איהר זיך נישט ארויסדרעהען.

סאָסקין. נאטירליך, אַן אַנשטעל. זיי האָבען דעם אוצר.

חאַניע. וואָס „ארויסדרעהען זיך"! וואָס „אַנשטעל"! מיין זוהן האָט נעכטען פארשארט זיין גע'פגר'ט הינטעל, האָט ער געפונען עטליכע אימפעריאלען — איך ווייס אפילו נישט וויפיעל, ווייל זי, מיין טאָכטערקע, האָט זיי צוגענומען אלע במעט און איז אַנטלאָפען און אויסגעגעבען זיי אויף זיך און נאָך פאר־שפּרייט דעם קלאַנג, אַז מיר האָבען געפונען אַן אוצר, ווייל איהר'ט'צעך פארוואָלט אויפשפּיעלען זיך פאר אַ גבירה.

ר א ש ה ו ע ד (איראָניש). אַזוי גאָר! איז וואָס האָט איהר עס אונז נעכטען בא דער נאכט נישט דערצעהלט?

ע ר ס ט ע ר ה. כ. און דער אַנשטעל, וואָס מ'׳ט דאָ געמאכט מיט אונז!

ע ר ס ט ע ר ב. ה. אַ ליגען די גאנצע מעשה. זיי האָבען דעם אוצר.

ס אָ ס ק י ן. שאַ, אַט זאָגט מיר, וואו האָט ער פארשארט זיין הינטעל.

ח אָ נ י ע. איך ווייס דען? (אַלגעמיינער געלעכטער.) איך ווייס דען, וואו ער האָט געפונען? איך ווייס דען, וויפיעל ער האָט געפונען? אַט איז ער דאָ, זאָל ער אייך זאָגען.

י ו ד ק ע (ברומט ארויס). בית עולם!

ס אָ ס ק י ן. וואו אויפ׳ן בית עולם? אויפ׳ן אלטען פעלד אָדער אויפ׳ן נייעם פעלד?

י ו ד ק ע. נישט געדיינק. (גרויס געלעכטער.)

ח אָ נ י ע. ניטאָ וואָס צו לאכען. ער געדיינקט טאקע נישט. ער׳ט פארגעסען.

ר א ש ה ו ע ד. נו, ווי אזוי זאָל מען דאָ נישט לאכען? ווי הייסט, ער׳ט פארגעסען?

ח אָ נ י ע. זאָל איך אזוי לעבען, האָט גענומען און פארגעסען. פשט פשוט פארגעסען.

י א ח נ ע ב ר י י נ ע. דאָס טרעפט זיך מיט איהם גאנץ אָפט. דער עיקר נאָך אַ פריפאדאָק. אַט האָט ער געטאָן אַ זאָך און אַט האָט ער פארגעסען און קאָן זיך בשום אופן נישט דער־מאָנען.

ר א ש ה ו ע ד. איז פאר וואָס האָט איהר אונז דאָס אַלץ נעכטען נישט דערצעהלט?

ח אָ נ י ע. ווייל... ווייל...

ש ט י מ ע ן. אהאַ... אהאַ... — מירקע, גיב לשון!

ט י ל י ע (וועלכע איז געשטאַנען און האָט אָנגעקוקט דעם עולם

ווי פערגליווערט, זאָגט רוהיג ארוים). ווייל איך האָב מיך געוואָלט אויפשפּיעלען פאר א גבירה און ארייננכאפּען א חתן — איז גוט?

שטימע. היהי! וואָס זאָגט מען צו איהר!

ראש הועד. נארישקייט. (צו חאַניען.) איז וואָס „ווייל"?

חאַניע. ווייל מיר האָבען געוואָלט צייט געווינען און זוכען די גרוב, טאָמער איז דאָרטין טאַקע אַן אוצר.

ראש הועד. איז ווי האָט איהר גאָר געוואָלט געפינען די גרוב?

טיליע. אז מע זוכט, געפינט מען.

ראש הועד. א קליין גריבעל אויפ'ן בית עולם?

שטימע. היהי! זי גיט דאָס א ביסעל תירוצים.

חאַניע. ער'ט געשטעלט א מצבה. אַט ווי איהר קוקט איהם אָן, די צרה, האָט ער געשטעלט זיין הונט א מצבה, א ברעטעל, און 'ט אפילו אויסגעשניטען מיט'ן מעסערל „זשוטשקע תנצבה." (גרויס געלעכטער.)

סאָסקין (שרייט ארוים). דאָס איז אַן אָבגעמאַכטע זאַך. קיין איין וואָרט אמת! נעכטען האָט דאָס געהייסען, אז זי'ט געפונען, און היינט אז ער. זיי האָבען דעם אוצר!

טיליע. און איהר'ט אליין געהערט פון דעם טאַטען אין בית מדרש, אז דער טאַטע האָט איהם געפונען. גלויבט נישט. גלויבט טאַקע נישט. מיר האָבען דעם אוצר און ווילען אייך נישט געבען.

חאַניע (שפּרינגט אויף און קלאַפּט אין טיש). דו שווייג! דו זאָלסט מיר שווייגען!

ערסטער ח. ק. זעה, ער איז דאָך גאָר געזונט!

חאַניע. דאָס איז איהר קאָפּ! דאָס האָט זי מיך אוועקגעלעגט!

שטימען. האהאהא! געמאַכט זיך קראַנק! — א קאָמעדיע!

חאַניע. דאָס'ט'צי געוואָלט צייט געווינען און זוכען. ווען נישט זי —

ראש הועד. נאַ, יעצט איז נישטאָ מעהר וואָס צו רעדען. מיר פארשטעהען שוין די גאנצע געשיכטע. איז וויל איך אייך זאָגען, חאַניע, אַז אויב אייער זוהן וועט צעך דערמאָנען, וואו ער'ט פארשארט זיין הינטעל, אָדער איהר אליין וועט עס געפינען, זאָלט איהר נישט מיינען, אַז דאָס געפונענע געלט איז אייערס און געהערט צו אייך. דער בית עולם איז קהל'ס און דער אוצר איז קהל'ס.

טיליע. אַן עהרליכער פסק דין.

סאָסקין (הערבט עפּיס אָן צו רעדען מיט היץ צום ראש הועד, וועלכער קוקט אַרום זיך און הערט איהם דאַכט זיך נישט).

עטליכע ח. ק. (וועלכע שטעהען ביי דער טיר, מאַכען זיך ארויס ווי בגנבה).

ערסטער ב. ח. (מאַכט אַן ערנסט געזיכט, לאָזט אַראָב די אויגען צו דער פּאָדלאָגע און געהט ארויס).

ערסטער ה. ב. (צום צווייטען, ארויסקוקענדיג צום פענסטער). דער רעגען האָט דאַכט זיך אויפגעהערט. איך האָב גאָר קיין צייט נישט. אַ גוטען. (איילט אַוועק.)

צווייטער ה. ב. (קוקט אויך ארויס אין פענסטער, זאָגט ארויס גלאַט זיך אַזוי): יאָ! (איילט אַוועק.)

ראש הועד (דערהערט דעם קול, ווי צו די אוועקגעגאַנגענע). ווער עס וועט איהם געפינען, וועט זיך האָבען צו טיילען מיט קהל און ווי קהל וועט וועלען.

צווייטער ב. ח. (הוסט אָב און געהט ארויס).

סאָסקין (אויך דערהערענדיג דעם קול). ענטשולדיגט, נאָר מיט דער אויסנאַם, ווען ער וועט געפונען ווערען אויפ'ן נייעם פעלד. דאָס נייע פעלד האָב איך פארקויפט צו קהל. איך האָב אָבער פארקויפט די ערד, נישט וואָס ליעגט אין דער ערד. אָט האָב איך דאָ מיט מיר מיין אדוואָקאַט.

דער אדוואקאט (וויל עפּעס זאָגען).

דער ראש הועד. וועגען דעם וועלען מיר רעדען שפּעטער. מיר ווילען דאָך נישט פארקויפען דאָס פעל, איידער מיר האָבען גע'הרג'עט דעם בער.

סאָסקין. איך מיין, איך וויל בלויז מתרה זיין. קומט, הערר מירקין. (ער און דער אדוואָקאַט געהען אַוועק.)

ערסטער ח. ק. נא, און איך געה אויך. (געהט ארויס. נאָך איהם די איבעריגע ח. ק.)

טיליע. ווי זיי האָבען זיך צולאָזען איבער'ן בית עולם, די היישעריקען, די געלט־פרעסער.

ראש הועד (צו חאָניען). נו, און איהר, רעכען איך, האָט מיך געהערט און האָט מיך פארשטאנען. איך מיין אייך אלעמען.

חאָניע. א ודאי. און אז איך וואָלט פריער געפונען דעם אוצר, וואָלט איך זיך דען נישט געטיילט מיט קהל?

ראש הועד. איז א ודאי גוט. און אז איהר זייט נישט קראנק, וועט איהר זיך קאָנען נאָך היינט ארויסקלייבען.

חאָניע. ווי הייסט?

יאחנע ברײנע. וואָס שוים ווייטער ארויסקלייבען זיך?

ראש הועד. האָב איך אייך נישט געזאָגט, אז מיר האָבען אן אנדער קברן? מיר האָבען שוים אן אנדער קברן.

חאָניע. ווי? אי די קברנות אוועקנעמען אי דעם אוצר?

יאחנע ברײנע (צוואווייִנט זיך).

דער ראש הועד. דעם אוצר נעמט ביי אייך קיינער נישט אוועק. איהר האָט איהם נאָך נישט געפונען. וואָס אייער טאָכטער האָט אָנגעקויפט, זאָל זי טראָגען געזונטערהייט, און דאָס ביסעל געלט, וואָס איהר האָט דאָרטען, האָט זיי אייך. קיינער בעט ביי אייך פון זיי גאָרנישט.

חאָניע. און גאָרנישט, און איך זאָל בלייבען אָהן ברויט?

ראש הועד. קהל האט מיט אייך קיין קאנטראקט נישט געמאכט, איהר זאלט זיין אייביגער קברות־מאן.

יאחנע ברײנע. פערצעהן יאהר איז ער אבגעוועזען קברן און איצט אויף דער עלטער זאלען מיר בלייבען אהן ברויט, זאלען מיר דארפען אוועק איבער די הייזער.

ראש הועד. נא, נישטא וואס צו רעדען. (מאכט א בעוועגונג אויף אוועקצוגעהן.)

חאניע (אין כעס קלאפט איבער'ן טיש). איך וועל מיך נישט ריהרען פון ארט. איך קליב מיך נישט ארויס פון דאנען, עס מאג זיך איבערקעהרען די וועלט. איך בין אבגעוועזען קברן פערצעהן יאהר און וועל נישט דערלאזען, מע זאל מיך ארויסווארפען פון דאנען דיר נישט מיר נישט.

ראש הועד. נא, אויב אזוי, וועט איהר מיר טאקע גלייך געהן נאך א בעל עגלה און ארויסקלייבען זיך תיכף ומיד, אז נישט וועט מען אייך טאקע ארויסווארפען.

חאניע. איך וועל מיך נישט ארויסקלייבען, מיין טויט זאל דא מיר אפילו זיין.

ראש הועד. נו, איז גוט. (איילט ארויס.)

יאחנע ברײנע (לויפט נאך איהם נאך מיט געוויין). ווי טראגט גאר אייער הארץ?... מי דארף דאך ערסט געפינען א דירה...

חאניע (שרייט איהר נאך). וועסט נישט געהן זוכען קיין דירות! איך לאז מיך נישט ארויסזעצען, עס מאג זיך... מיר האבען נאך א רב, מיר האבען נאך א דין תורה, מיר האבען נאך א סוד. פערצעהן יאהר וועל איך אבזיין א קברן און דערנאך וועל איך... (ווענדט זיך צו טיליען.) אוי, אוי, אוי! נו, זעהסטו, צו וואס דו האסט געבראכט? אוי, איך מוז דיר יעצט... וואו איז מיין שטאק?! דערשטיקען וועל איך דיך, ממית'ן... א כאליערע...

יודקע (שפרינגט אויף). דו זי נישט שלאגען! איך מיך דערמאנען!

ט י ל י ע. שלאָג, הרג'ע, ממית, נעם אַ שטעקען, נעם אַ מעסער. זאָל איך אפשר העלפען דיר זוכען? דו בעסער בע־רוהיג זיך. האָסט נישט וואָס צו מאכען סקאנדאלען. דו ביזט יעצט אַ נגיד, האָסט אַ סך געלט. און אז דו וועסט דארפען נאָך, וועט זיין נאָך. מאָגסט זיין זיכער, אז...

י א ח נ ע ב ר י י נ ע (קומט אריין). אָי, משפחה געהט שוים וויעדער. לאה, פריידע, געליע, בענדעט...

ח אָ נ י ע (כאַפּט זיך פאר'ן קאָפּ). פארשפאר די טיר! פאר־שפאר די טיר!

פאָרהאנג פאלט.

פיערטער אַקט

אויפ׳ן בית עולם. שפּעט אין אָוונד. דער רעגען האָט אויפגעהערט; אָבער עס איז נאָך וואָלקענדיג, וואו נישט וואו בעוויזט זיך אַ שטערן. לינקס איז דעם קברן׳ס הויז מיט צוויי פראָנטען, מיט צוויי פענסטער אין יעדען פראָנט, און אַ טיר הינטען ביים זייט־פראָנט. אַ פּריזבע אונטער די פענסטער. הינטער דעם הויז, אָבגערוקט פון איהם, איז דאָס טהרה־שטיבעל, צווישען הויז און טהרה־שטיבעל איז דאָס טויער. פאַר׳ן זייטפראָנט פון דעם הויז געהט אַ ברייטער און ווייטער וועג, וועלכער ווערט איבערגעשניטען פון זייטענוועגלעך. רעכטס פון וועג און הינטער דעם טהרה־שטיבעל אויך לינקס ציהען זיך רייהען בוימער און פערשידענע מצבות: הייזלעך, ארומגעצוימטע פאַמיליען־פּלעצער, שטיינער, הילצערנע דרייעקען, ברעטער. פאָרנט פאַר דעם פאָרדערסטען פראָנט פון דעם הויז שטעהט אַ בוים. פאַר דעם הויז געפינט זיך חאָניע׳ס ארויסגעוואָרפען מעבעל. דער שראַנק ליעגט אויף אַ זייט ביי דער פאָרנסטער פּריזבע. אַ בעט שטעהט אויפגעהויבען און אָנגעשפּאַרט אָן בוים, דער דיוואַן שטעהט קרום ביים עק הויז, מיט׳ן צוקאָפּענס צום שראַנק, מיט די פיס אויפ׳ן וועג צום הינטערגרונד צו. פאַר איהם שטעהט דער טיש, די שטולען זיינען צושטרויט איבער׳ן וועג. בעטגעוואַנד און קליידער ליעגען אויפ׳ן שראַנק און אויפ׳ן דיוואַן. — דער בית עולם ווימעלט פון מענשען. מען הערט אַ גערויש פון אונצעהליגע שטימען און מען זעהט בלאָנדזשענדיגע פייערלעך. דונקעלע געשטאַלטען מיט לאַמטערנעס אין די הענד קומען און געהען אַוועק דורך דאָס טויער אָדער געהען אריין אין דאָס טהרה־שטיבעל. — אויפ׳ן טיש שטעהט אַ ברענענדיגע לאַמטערנע. ביי איהר שיין זעהט מען

יאחנע ברײנען ליעגען אויפ׳ן דיוואן. פון צייט צו צייט הערט מען זי קרעכצען. אויף דער פאַרנסטער פריזבע זיצט יודקע, מאַכט עוויות און פון צייט צו צייט לאַכט ער אויף גאַנץ פערגניגט, אין זיך אריין. — אַ מאַן און אַ פרוי קומען ארויס פון דעם פאַרדערסטען זייטענ־שטעגעל מיט לאַמטערנעס אין די הענד.

די פרוי. אַי, איך בין שוים מיד פון איינבויגענעס. דער גאַנצער קריזש טוט מיר וועה.

דער מאַן. איך האָב שוים געהערט, איך האָב שוים גע־הערט. מיר געהען דאכט זיך זעצען זיך. (זיי זעצען זיך אויף צוויי שטולען.)

די פרוי. אזא צרה! דארף דוקא דעם גאנצען טאָג רע־גענען, מי זאָל זיך נישט קאָנען זעצען אויפ׳ן גראָז.

דער מאַן. ווילסט אפשר אין טהרה־שטיבעל? די לופט איז דאכט זיך אַ ביסעל צו פייכט.

די פרוי. וואָס נאָך! איך וועל נאָך דאָרטין שטארבען פאר שרעק. עס ציטערט אין מיר אזוי אויך יעדער אבר, ארומ־געהענדיג ביי דער נאכט צווישען קברים. אָבער אין דרויסען, איך ווים עפּיס, אַ סך מענשען — —

יאחנע ברײנע (קרעכצט אָב).

די פרוי (שפרינגט אויף). אוי, מאַמעלעך!

דער מאַן. וואָס׳ט׳צעך דערשראָקען? דאָס איז די קברנ׳טע.

די פרוי (צוריקזעצענדיג זיך). אי, עס זיינען מיר איינ־געפאַלען אלע דמים. איך האָב געמיינט, אַ מת.

יאחנע ברײנע. אַ מת! הלואי וואָלט איך שוים געוועזען אַ מת, רבונו של עולם! איך בין ערגער ווי אַ מת. אַ מת האָט כאָטש זיין רוה, און איך האָב קיין רוה אויך נישט.

די פרוי. אַי, איך האָב גאָרנישט געדארפט קומען אהער.

דאָס בויגען־זיך איז נאָך ווי עס איז, אָבער דער שרעק איז אַ גרויל. אז איך וועל נישט מפּיל זיין, וועט זיין אַ נס מן השמים.

יאחנע ברײנע. אַי, וועה מיר נישט! אַ מעוברת'ע געהט אויך זוכען אוצרות.

די פרוי. זייט זיכער, לאָ'מיך איהם נאָר געפינען, ער וועט מיר שוים גוט צו ניץ קומען.

דער מאַן. האָסטו זעך שוים אָבגערוהט? מיר זיינען דאָך נישט געקומען אהער זיצען!

די פרוי. אַי, קום שוים, קום שוים. (דער מאַן שטעהט אויף און די פרוי העבט זיך קוים אויף, אָנהאַלטענדיג זיך אָן איהם.)

יודקע (לאַכט אויף).

די פרוי (שרייט־אויף, גיט זיך אַ צאַפּעל, אָנכאַפּענדיג זיך אָן דעם מאַן מיט ביידע הענד און קוקענדיג ארום זיך מיט מבולבל'ע אויגען).

דער מאַן (קוקט זיך ארום, דערזעהט יודקען און שפּייט אויס). טפו! דאָס איז דאָך דער משוגע'נער, דער בן'אָקעל! (זיי געהען אַוועק און פערשווינדען צווישען די מצבות, די פרוי שווער קרעכצענדיג.)

יאחנע ברײנע (קוקט זיי אַ ווײלע נאָך). אַך, אַך, אַך... אַ מעוברת'ע!... וועט נאָך דער'הרג'ענען דאָס קינד... און דו וועסט דאַרטין אַ מאָל אויפהערען צו לאַכען? וואָס איז אויף דיר אָנ־געפאַלען מיט אַ מאָל אַזאַ לאַכענים, וואָלט איך וועלען וויסען...

יודקע (לאַכט בלויז קורץ און שטיל אָב. — ווײעדער הערט מען בלויז דעם געררויש פון פיעלע שטימען און מען זעהט דאָס בעוועגען־זיך פון דונקעלע געשטאַלטען).

חאַניע (קומט ארויף פון דער טויערזייט, האַלטענדיג עפּעס אין די הענד, געהט־צו צו יאַחנע ברײנען, נישט גאַנץ פעסט אויף די פיס, און בויגט זיך איבער איחר איבער). נאַ, אַט האָסטו אַ גלעזעל וואַרעמס.

יאחנע ברײנע (גיט זיך א כאפ). אי, א מגפה אויף דיר — האסט מיך דאך אבגעבריהט!

חאניע. א מצוה אויף דיר. נא נעם נו.

יאחנע ברײנע. קאנסט נישט זעהן, ווי דו גיסט? (נעמט ביי איהם דאס גלאז טיי.) א גלעזעל ווארעמס — האלב פארגאסען. און בראנפען שמעקט פון דיר — האסט צעך שוים אנגע'שיכור'ט! איך וועל ליעגען אין דרויסען אין רעגען און נאסקייט, און דו וועסט זיצען אין שײנק און שיכור'ען.

חאניע (לאזט זיך אראב אויפ'ן שראנק). געה טעג'ע מיט דיין טאכטער'ל, געה! מיט מיר טעג'ע נישט! (לעגט זיך אוועק.)

יאחנע ברײנע. אלטער שיכור!

חאניע. מיט דיין טאכטער'ל טעג'ע, מיט מיר נישט.

יאחנע ברײנע. טעג'ען זאל מיט אייך ביידען דער מלאך המות.

חאניע. געה געפין זי און טעג'ע זיך מיט איהר דורך. געה געפין זי, זי זוכט דעם אוצר. האט אויפגערודערט די גאנצע שטאדט און איצטער לויפט זי אום ווי א פאר'סם'טע מויז פון איין עק בית עולם צום אנדערען און זוכט. זוכען זאל זי אויף זיך א מפלה. זוכט דאס ברעטעל, זוכט זי. זשוטשקע תנצב"ה, העהעהע... פאר וואס האב איך איהר נעכטען נישט צובראכען אלע גליעדער, וואלט איך דאך פון קיין צרה נישט געוואוסט. נעדארפט נעכטען ביי טאג נישט אבלאזען און אוועקנעמען פון איהר דאס גאנצע געלט. דערווערגען זי געדארפט. די פיס אונטערברעכען.

יאחנע ברײנע. פאר וואס האסטו עס נישט געטאן, פאר וואס?

חאניע. דעם קאפ געדארפט אראבדרעהען איהר מיט דיר צוזאמען.

יאחנע ברײנע. שיכור, וואס מיר, וואס? איך האב דאכט זיך גלייך געשריען, נעם ביי איהר אוועק דאס געלט.

חאַניע. פּטור ווערען פון אייך אלעמען.

יאחנע ברײנע. אז פּטור זאָל מען ווערען פון דיר אין ניבע צייטען נאָר. מי זעהט, אז דו ווילסט פּטור ווערען. וואָס'טו נישט געלאָזען געהן זוכען קיין דירה, וואָס'טו נישט געלאָזען?

חאַניע. זאָג דיין טאָכטערקע דער מיליאָנערקע, וועט זי דיר אויסבויען אַ מויער. און איצטער שטום. לאָז מיך שלאָפען. (צום לאָכענדיגען יודקען.) און דו הער אויף צו לאַכען. וואָס'ט צעך צוקישנעט? (שלאָגט נאָך איהם מיט'ן פוס.) אַ ברים! לאָז שלאָפען.

יאחנע ברײנע. האָט צעך אַנגע'שיכור'ט און אוועק-געלעגט. און וואָס ווערט זיין דער סוף, וואָס?

חאַניע (דרעהט זיך אוועק מיט'ן רוקען צו איהר. — עס בעווייזען זיך אַן אַלטער איד מיט אַן אַלטער אידענע מיט לאָמטערנעס אין די הענד).

דער אַלטער. ניין, 'ס איז נישט פאר אונזערע כחות און נישט פאר אונזערע אויגען. מיר זיינען אפשר צוואַנציג מאָל פארבייגעגאַנגען פארביי דעם ברעטעל און האָבען'ס נישט געזעהן.

די אַלטע. וואָלט מען כאָטש געקאָנט זיך צוזעצען אויפ'ן גראָז. (געהען־צו צו די שטולען און זעצען זיך.)

דער אַלטער. איך וואָלט געוועזען אַ בעלן צו וויסען, וויפיעל איז דאָס דער זייגער.

יאחנע ברײנע. דער שטאָדטזייגער האָט נישט לאַנג אָבגעשלאָגען עלף.

די אַלטע. אָי, האָב איך מיך דערשראָקען! איך האָב גאָר פארגעסען, אַז זי ליעגט דאָ.

דער אַלטער. איך האָב מיך אויך — טפו!

יאחנע ברײנע. אַז אָך און וועה, צו וואָס איך בין איבערגעקומען, אַז איך דאַרף ליעגען דרויסען און שרעקען מענשען. (וויינט.)

די אלטע. אז איהר ליעגט שוים, וואלט איהר געלעגען און נישט גערעדט. מיט אייער רעדען שרעקט איהר מענשען.

דער אלטער. איז שוים נאך עלף. ווייסט, מיר געהען שוים ארום די גוטע דריי שעה.

די אלטע. און פרעג, וואס!

דער אלטער. טיק געה א היים! ווער נויט דיך פון קהל?

די אלטע. זאגסט'אך אליין, אז נישט פאר אונזערע אויגען.

דער אלטער. און אויף צו להכעים וועל איך נעמען און געפינען.

די אלטע. א נעכטיגען טאג.

דער אלטער. היינט וואס האסטו פון דעסטוועגען גע־זוכט?

די אלטע. איך ווייס? דו זוכסט, זוך איך אויך. מיר דארפען איהם נישט האבען, וואס? — אי, איך פאל שוים אויפ'ן נאז.

דער אלטער. איך וואלט גאר געוועזען א בעלן אויף א גלעזעל ווארעמס. (בלייבט א ווייל רוהיג זיצען.)

די אלטע (לאזט ארוים א קליינעם כראפ).

יודקע (לאכט אויף).

דער אלטער (קוקט זיך ארום מיט שרעק, דערזעהט יודקען, שפייט אויס און העבט אן צו שאקלען די אלטע). דו, שלאף גאר נישט איין.

די אלטע. אי, איך קאן גאר די אויגען נישט פארנאנדער־רייסען.

דער אלטער. האבען מיר קויהלען אויף שטעלען דעם סאמאוואר?

די אלטע. וואו? דא?

דער אלטער. אין דער היים! אין דער היים!

די אלטע. און אז אין דער היים איז פאראן, איז וואס?

דער אלטער. וועסטו אויפעפענען דעם סלאַיטשיק מיט מאַלינע?

די אלטע. טו נאָר א קוק אויף דעם זולל וסובא! איך פאַל אויפ'ן נאָז און ער —

דער אלטער. זאָגסטו צו, אז דו וועסט אויפעפענען, גען איך מיט דיר א היים.

די אלטע (שטעהט אויף). און וואָס וועט זיין מיט'ן אוצר? אויף צו להכעים וואָלסטו גענומען און געפונען איהם.

דער אלטער (שטעהט אויך אויף). געדיינק־זשע, טיי זאָל מיר זיין מיט מאַלינע־איינגעמאכטס, אז נישט בלייב איך דאָ. (געהען א פּאָר טריט; דער אַלטער ליובט זיך צו ביי די זייטען פון דעם וועג און קוקט זיך איין. ביים פערקערען צום ארויסגאַנג שטעלט ער זיך אָב און זאָגט צו דער אַלטער ווי מיט א געבעט:) און טאָמער וואָלטען מיר נאָך א ווייל א זוך טאָן, הא? אַט איך וויים — אויף צו להכעים — הא? ווי?

די אלטע (בייז). אַט האָסטו איהם, נא! קום א היים, קום! (זיי געהען אוועק. — עס קומען ארויס עטליכע דונקעלע געשטאַלטען, איינציגווייז, מיט לאַמטערנעס, זעצען זיך צו, ווער אויף א שטול, ווער אויף דער פּריזבע, זיצען א ווײַלע, שפּרינגען־אויף און פערשווינדען. צולעצט קומען ארוים פון צווישען די קברים דריי יונגע־מאַנטשיקלעך, האַבענדיג צווישען זיך א שטאַרקען ויכוח, און געהען גלייך צו דער זייט־פּריזבע.)

ערסטער יונגערמאַנטשיק. מיין פּלאַן איז אזוי: מיר האָבען גאָר לחלוטין נישט, וואָס צו זוכען לעבען מצבות.

צווייטער. די פּריזבע איז נאַס.

דריטער. אַט, אבי אָנשפּארען זיך א ביסעל. די פּיס זאָגען זיך שוים אָפּ.

ערסטער. איהר הערט צו נישט, וואָס איך רעד? מיר האָבען גאָרנישט וואָס צו זוכען לעבען מצבות. די סברא איז

מחייב, אז דער משוגע'נער האָט פאַרשאַרט זיין הינטעל אָדער לעבען פּלויט אָדער אונטער אַ בוים, וואָלט איך געזאָגט, אַז —

צווייטער. מיט וואָס איז דאָס די סברא אַזוי מחייב?

ערסטער. מיט וואָס איז דאָס די סברא אַזוי מחייב? פּשוט. גאָר קיין משוגענער איז ער דאָך נישט, איז אויף אַזויפיעל האָט ער שכל, אַז ער זאָל נישט פאַרשאַרען זיין הינטעל אויף קברים אָדער צווישען קברים.

דריטער. און שרייבען תנצב"ה אויפ'ן הינטעל האָט ער יאָ געמאָגט?

צווייטער. אַ קשיא אויף אַ משוגענעם. איהם איז נאָך אפשר איינגעפאַלען צו באַגראָבען דאָס הינטעל לעבען זיין באָבען. (כאַפּט זיך.) איהר ווייסט, אַז דאָס איז אַ גוטער איינפאַל. בנאמנות, איך בין אַ בעל'ן צו וויסען, וואו זיין באָבע ליעגט.

ערסטער. און איך זאָג אייך, פאָלגט מיך און לאָ'מיר זוכען נאָר אונטער בוימער און ביים פּלויט.

צווייטער. מי האָט שוים געזוכט אונטער די בוימער און ביים פּלויט און הינטער'ן פּלויט.

דריטער. איהר ווייסט, אַז דאָ איז אַ ודאי גאַנץ שטאָדט?

צווייטער. גאַנץ שטאָדט? איך וועט מיט אייך, אַז איהר וועט שוים דאָ געפינען פון די אַרומיגע קהלות אויך. (פּלוצלונג דערהערען זיך הינטען היסטערישע געשרייען פון אַ פרוי, וועלכע ווערען נעהנטער און נעהנטער. די יונגעמאַנטשיקעס שפּרינגען־אויף און געהען ענטגעגען די קולות. אַ יונגע פרוי ווערט געפיהרט אונטער די הענד, מיט אַ רעדעל הינטער איהר.)

צווייטער יונגערמאַנטשיק (צו איינעם פון רעדעל). וואָס איז דאָ אַזוינס?

דער געפרעגטער. זי האָט זיך דערשראָקען. איהר'ט זיך אויסגעדוכט, אַז אַ מת שטעהט הינטער איהר.

שטימע. נעמט זי אַריין אין טהרה־שטיבעל.

אנדערע שטימען. ניין! נייןǃ דאַרטין וועט זי זיך

ווידער דערשרעקען! — נעמט זי אַ היים! — נעמט זי אריין אנטקעגען אין שיינק! (מען פיהרט זי אַרוים פון טויער. איהרע געשרייען פערליערען זיך באַלד. פון רעדעל בלייבען עטליכע זיצען אויף דער פּריזבע, זיצען אַ ווײַלע, שפּרינגען־אויף אין איילעניש און פערשווינדען צווישען די קברים.)

דריטער יונגערמאַנטשיק. מילא, קומט שוין ווייטער זוכען.

ערסטער. איהר'ט זעהן, איך וועל זוכען אונטער די בוימער און ביים פּלויט.

צווייטער. אונטער די בוימער, אויף די בוימער, אבי געפינען. (זייערע שטימען פערליערען זיך באַלד הינטער קברים.)

יאַחנע ברײַנע (קרעכצט). מע וועט נאָך דאָ האָבען היסטעריקע, מע וועט דאָ נאָך שטאַרבען, מע וועט דאָ נאָך אַלץ. אַך, אַך, אַך... (דער הימעל ווערט יעצט קלאָר און אויסגעשטערענט. די לבנה שיינט איבער'ן בית עולם.)

יודקע (צולאַכט זיך פלוצלונג אויפ'ן קול און שפּרינגט־אויף).

יאַחנע ברײַנע. וואָס איז מיט דיר היינט? וואָס איז מיט דיר היינט? שוין פון זעקס זייגערנע שעה, אז דו הערסט גאָר נישט אויף צו לאַכען! אין גאַנצען משוגע געוואָרען.

יודקע (געהט צו איהר צי און זאָגט. ווי אין אַ סוד, שטיקענדיג זיך פאַר געלעכטער). דו זעהן, איך וואָס טאָן, איך מיך דערמאָנען אַי, איך וואָס טאָן. אה! מיך טוליע געלערנט... זי מיר געזאָגט... אה, איך מיך דערמאָנען, איך טאָן... אה!

יאַחנע ברײַנע (איראָניש) דערמאָנען וועסטו זעך, דו וועסט זעך שוין דערמאָנען.

יודקע. איך מיך דערמאָנען. איך שטאַרק, איך טראַכט... אה, איך טאָז... (לאַכט און געהט צוריק אויף זיין אָרט.)

יאַחנע ברײַנע. וואָס וועסטו טאָן? וואָס האָט זי דיך שוין אָנגעלערנט?

יודקע (לאכט). דו שוים זעהן. דו זעהן! אה, איך... טיליע קלוגע...

אַ אידענע (פון אַ הינטערסטען זייטענשטעגעל לויפט דורך מיט אַ שלאָפענדיגען קינד אויף איין אָרם און אַ קליינעם שלאָפעדיגען מיידעלע, וואָס האלט אַ לאַנטערנע, ביי דער האַנד).

דאָס מיידעלע. איך וויל שלאָפען! איך וויל אַ היים! איך וויל שלאָפען! איך וויל אַ היים!

די אידענע. קום שוים, קום! קומען זאָל אויף דיר אַ טויט, דו שטיק אומגליק מיינס! טאָמער וואָלט איך אפשר אויס־געלייזט געוואָרען פון אלע מיינע צרות, איז אויף איהר אַנגעפאלען אַ פּאַפּעניס! (פערשווינדט דורכ'ן טויער.)

(פייער איבגעלעד לויפען־אַן מיט פּאַפּיערענע לאַמטערנעס. דריי זעצען זיך אויף שטולען. דער פיערטער לעגט זיך אויפ'ן טיש).

איין אינגעל (ענדיגענדיג אַן ערצעהלונג). און אַז ער האָט איהם דערזעהן, האָט ער אויסגעטאָן דעם לינקען שטיוועל און אַ וואָרף געטאָן אויף איהם און אויסגעשריען: טשור, דו ביזט מיין! און גלייך איז דאָס פייער פארשוואונדען, און אונ־טער'ן שטיוועל איז געוואָרען אַ גרויסע גרוב און אין דער גרוב איז געלעגען דער אוצר.

צווייטער. און מיר האָט מיין זיידע דערצעהלט אַן אַנ־דער זאַך. אַ מאָל איז געוועזען אַ גרויסער, גרויסער וואלד מיט גרויסע געדיכטע בוימער. אז מי האָט קוים געקאָנט דורכגעהן צווישען זיי. און פון יענעם וואלד פלעגט זיך הערען אַ געזאַנג, אזא שיינער, חיות'דיגער געזאַנג, ווי עס וואָלט געזונגען דער שענסטער קול. און דער געזאַנג איז געוועזען אזוי זיס, אַז קיינער האָט זיך נישט געקאָנט אָברייסען פון איהם און אלע האָבען גע־וואָלט זעהן, ווער דאָס זינגט. אָבער דעם וואלד איז געוועזען שווער דורכצוגעהן, און אַז עס האָבען זיך געפונען אזעלכע, וועלכע האָבען געקאָנט דורכגעהן צווישען די בוימער, פלעגט קומען אַ גרויסע שלאַנג און הרג'ענען זיי. האָט קיינער נישט געקאָנט דערגעהן,

ווער זינגט דאָס אזוי שיין, און עס האָט זיך אזוי גע'חלש'ט צו וויסען. און אין דעם שטעדטעל האָט געוואוינט א גרויסער צדיק, און אייגמאָל האָט זיך דעם גרויסען צדיק גע'חלום'ט, אז ווער עס'ט דערגעהן ביז דעם אָרט, פון וואנען דער געזאנג קומט, וועט ער געפינען אַן אוצר. און אין דעם זעלביגען חלום איז איהם אָנ־געזאָגט געוואָרען, אז ער אליין זאָל נישט געהן, און זאָל עס אויך קיינעם נישט דערצעהלען, ביז עס וועט קומען דער רעכטער. און אין דעם שטעדטעל האָט געוואוינט א גרויסער אָרממאַן, וועלכער איז אָבער געוועזען א גרויסער בעל צדקה. און אייגמאָל איז דער אָרממאַן געקומען צו דעם צדיק מיט א געוויין: „רבינקע, העלפט מיר!" האָט דער צדיק געזאָגט: „וואָס זאָל איך דיר העלפען, מיין זוהן?" האָט דער אָרממאַן געענטפערט: „איך האָב אוועקגעגעבען מיין העמד איינעם, וואָס האָט קיין העמד נישט געהאט, און איך האָב אוועקגעגעבען דאָס לעצטע ביסעל שטרוי פון צוקאָפּענס איינער, וועלבע האָט קיין שטרוי צוקאָפּענס אויך נישט געהאט. יעצט בין איך נאַקעט און הויל און האָב נישט מיט וואָס צו געבען צדקה." ווען דער צדיק האָט דאָס דער־הערט, האָט ער פארשטאַנען, אז דאָס איז דער רעכטער, האָט ער איהם אזוי געזאָגט: „פאַסט דריי טעג און דריי נעכט און יעדען טאָג זאָלסטו אָבזאָגען דריי מאָל דעם תהלים און אויפ'ן פערטען טאָג אין דער פריה זאָלסטו זיך לאָזען אין וואלד צום אָרט, פון וואנען עס הערט זיך דער געזאנג, און אויפ'ן וועג זאָלסטו צעהלען די שטיינער, וועלכע דו וועסט אָנטרעפען, און זאָלסט אָנצעהלען אזוי פיעל, וויפיעל בגמטריא „שדי", און דעם לעצטען שטיין זאָלסטו אויפהעבען און נעמען מיט זיך. און אז דו וועסט אריינקומען אין וואלד און דערזעהן די שלאַנג, זאָלסטו זעך נישט דערשרעקען און נישט וועלען אנטלויפען, נאָר זאָלסט אָבזאָגען זיעבען מאָל „מהאכל יצא מאכל ומעז יצא מתוק" און א וואָרף טאָן דעם שטיין אין דער שלאַנג, און וואָס עס וועט זיין ווייטער, וועסטו שוין אליין זעהן." און דער אָרממאַן האָט געטאָן, ווי דער צדיק האָט

איהם געזאָגט. ער האָט געפאַסט דריי טעג און דריי נעכט און יעדען טאָג האָט ער אָבגעזאָגט דריי מאָל דעם תהלים, און אויפ'ן פערטען טאָג אין דער פריה האָט ער זיך געלאָזען אין וואלד צום אָרט, פון וואנען דער געזאנג האָט זיך געהערט, האָט אָבגעצעהלט שטיינער בגמטריא „שדי" און אויפגעהויבען דעם לעצטען שטיין און איז אריין אין וואלד. ער האָט קוים געקאָנט דורכקריכען צווישען די בוימער. די צווייגען האָבען איהם געשמיסען אין צורה און אָן סוקעס האָט ער זיך צוריסען זיין לייב און דאָס פּנים און — און — און אלץ. נאָר ער איז געגאַנגען אלץ ווייטער און ווייטער, אלץ נעהנטער און נעהנטער צום אָרט, פון וואנען דער געזאנג קומט. און אז ער איז שוים געוועזען הארט ביים אָרט, האָט אויפגעהערט דער געזאנג און פון א הייל איז ארויסגעשפּרונ־גען א גרויסע, גרויסע שלאנג און האָט אויפגעעפענט א גרוים, גרוים מויל און האָט איהם געוואָלט דערשלינגען. נאָר ער האָט געדיינקט, וואָס דער צדיק האָט איהם געזאָגט, און ער האָט זיך נישט דערשראָקען און איז נישט אנטלאָפען, נאָר ער האָט אָב־געזאָגט זיעבען מאָל „מהאכל יצא מאכל ומעז יצא מתוק" און א וואָרף געטאָן דעם שטיין אויף דער שלאנג. און פּלוצלונג האָט זיך די שלאנג צושאָטען און איז געוואָרען א גרויסע קופּע געלט, א גרויסער בארג מיט גאָלדענע מטבעות. (דער דערצעהלער בלייבט שטיל.)

דער אינגעל (אויפ'ן טיש). אוי, זיינען מיינע פלודערן נאַס!

דריטער. נו, און וואָס ווייטער?

דער דערצעהלער. וואָס זאָל זיין ווייטער? גאָרנישט ווייטער. דער אָרממאן האָט מסתמא צוגענומען דאָס געלט צו זיך א היים און איז געוואָרען א גרויסער גביר. דער זיידע האָט מעהר נישט דערצעהלט.

דריטער. ער האָט א ודאי צוטיילט דעם גאנצען אוצר אויף אָרמעלייט.

ע ר ס ט ע ר. אוהום, א ודאי! אַן אוצר איז דאָך נישט קיין בינטעל שטרוי. איהם גיט מען נישט אוועק.

ד ע ר א י נ ג ע ל (אויפ'ן טיש). און וועט מיך די מאַמע קאַטעווען! זי האָט מיר געהייסען זיצען אין שטוב און היטען דאָס קליינע שוועסטערל און אליין איז זי אוועק אַהער. אוי, וועט זי מיך קאַטעווען! (ווארפט אום מיט די פיס און ווארפט זיך אליין אום.)

י א ח נ ע ב ר י י נ ע. דו, אראָפּ פון טיש! ווערסט מיר נאָך צוברעכען דעם טיש!

ד י א י נ ג ל ע ך (שפּרינגען אויף דערשראָקען, קוקען זיך ארום און פערשווינדען מיט אַ געלעכטער אין די קוסטען).

ד ע ר ר א ש ה ו ע ד, ס אַ ס ק י ן א ו ן אַ ג א נ צ ע ס ו ו י ט ע (קומען ארויס פון טהרה־שטיבעל).

ד ע ר ר א ש ה ו ע ד. איך זאָג דאָך אייך, וואָס האָבען מיר זיך יעצט ארומצורייסען. מיר וועלען שוים זעהן פארטיגערהייט.

ס אַ ס ק י ן. אז דאָס איז אזוי דער זאַקאָן.

ר א ש ה ו ע ד. זאָלט איהר מיר געזונט זיין, דאָס הער איך שוים דאָס צוואַנציגסטע מאָל. איך ווייס אליין דעם זאַקאָן און פארטיג. — וויפיעל איז יעצט דער זייגער, האַ?

א י י נ ע ר (פון די ארומיגע). נאָך עלף.

ר א ש ה ו ע ד. איך האָב שוים דריי מאָל געהייסען אויס־רופען, מי זאָל אויפהערן צו זוכען ביי דער נאַכט, מי וועט מאַכען א תל פון דעם גאנצען בית עולם און מי'ט סיי ווי סיי גאָרנישט געפינען, און גאָרנישט, קיינער ריהרט זיך נישט פון אָרט. עס ווילט זיך מיר מעהר נישט שיקען נאָך פּאָליציע. מי'ט דארפען אויסרופען נאָך אַ מאָל. (געהען אַלע אַוועק נאָך הינטען.)

י א ח נ ע ב ר י י נ ע (נאָכרעדענדיג נאָך די אוועקגעגאנגענע). נאָך פערצעהן יאָהר קאַטאָרזשנער ארבייט זאָל מען אזוי ארויס־געוואָרפען ווערען און דארפען וואלגערן זיך אין דרויסען. מי דארף דאָך האָבען אַ הארץ פון אַ גזלן! וואו איז דאָס געזעהן געוואָרען? וואו איז דאָס געהערט געוואָרען?

יודקע (בייז). העֶ־ע! איך טאָן! איך אייך! (לאַכט.)

אויסרוף (צווישען די מצבות). מען איז מודיע פון ועד, מען זאָל יעצט געהן א היים און קומען מאָרגען אין דער פריה. (די שטימע דערווייטערט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער. פון פער־שידענע זייטען קומען ארוים מענער און פרויען. אייניגע געהען צום טויער, אַנדערע געהן אריין אין דאָס טהרה־שטיבעל, נאָך אַנדערע בלייבען זיצען אויף דער פריזבע און די שטולען.)

איינער (פון פריזבע). און אז דער ועד וועט לאָזען אויס־רופען פון היינט ביז מאָרגען, וועט דען עמיצער אוועקגעהן? נאַ־רישקייט. נאָך איצט, אז די לבנה איז ארויס.

א צווייטער (אויף אַ שטול). אַט איך האלט מיך קוים אויף די פיס און אוועקגעהן וועל איך פונדעסטוועגען נישט. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך זיץ דאָ אַצינד און מיך פער־דריסט, אזש א גרויל. איהר'ט מיר גלויבען, עס דוכט זיך מיר, אז ווען איך וואָלט יעצט געזוכט, וואָלט איך געפונען. איך לויף טאקע ווידער זוכען. (שפרינגט־אויף און איילט אַוועק.)

א דריטער (פון פריזבע). איך וואָלט גראד געוועזען א בעלן צו געהן א היים און אויסשלאָפען זיך, אָבער אז אלע זאָלען געהן. אז אלע וואָלטען געגאנגען א היים, וואָלט איך אויך גע־גאנגען. אַה, בין איך שלעפעריג. איך האָב נאָך נעכטען געהאט א שווערען תענית. (גענעצט.)

א פיערטער. און עס איז טאקע שוין שפעט אויך. שוין באלד האלבע נאכט. באלד וועלען שוין די מתים דארפען אויפשטעהן אין שול דאווענען געהן.

א פרוי. אַי, רעדט נישט. עס טרייסעלט זיך מיר אזוי אויף די נשמה פאר שרעק. איך זוך און האָב מורא אויפצוהעבען די אויגען. עס דוכט זיך מיר אלץ, אז א מת שטעהט לעבען מיר.

א צווייטע פרוי. אַי, פרעגט שוין בעסער נישט, ווי מיר איז. צו וואָס זיינען דאָ נאָך א סך געקומען אין ווייסען אָנגעטאָן?

א מאַנסביל. עס איז טאַקע אַ ביסעל „מולקע“ אויפ'ן האַרצען. פע, זיצען און קוקען פאַר זיך איז נאָך ערגער. אַז מי זוכט, זוכט מען, אָבער אַזוי זיצען... עס הערבען זיך טאַקע אָן צו בעווייזען מתים פאַר די אויגען.

א צווייטער. ווער איז דאָס געוועזען אַזאַ חכם און אָנגעהויבען צו רעדען וועגען מתים?

דער פיערטער. ווער עס האָט מורא, זאָל געהן אַ היים.

א פרוי. אַי, ווען מיר נישט, הערט אויף צו רעדען. איך וועל דאַכט זיך באַלד...

א צווייטע. איז וואָס זיצען מיר? לאָ'מיר געהן בעסער זוכען. לאָ'מיר געהן אַלע אין איינעם, הא?

א דריטע. טאַקע אַלע אין איינעם. ווער'ט געפינען, וועט געפינען... (אַלע שטעהען אויף און געהען.)

א פרוי. איך האָב מורא אַ קוק צו טאָן אַרום זיך. און אויף הינטען... אויף הינטען... אַי!

א מאַנסביל (האַרט). רעדט נישט! הערט אויף צו רעדען!

א צווייטער. אַ אידענע דאַרף רעדען. דאַרף רעדען. קוקט נישט... זוכט בעסער... מיר האָבען אַלע מורא... אָבער מי דאַרף שווייגען... שווייגט און זוכט... (פערשווינדען. עס ווערט שטיל.)

טילע (אין איהרע נייע קליידער, מיט אַ וואָזאַל אויפ'ן געזיכט, קומט אַרויף פון דער טויער־זייט, געהט צו יאַחנע ברייגען און בויגט זיך איבער איהר איבער, צו שלאָפט זי נישט).

יאַחנע ברייגע (גיט זיך אַ צאַפּעל). אוי, ווער איז דאָס?

טילע (צולאַכט זיך און הערבט אויף די וואָזאַל).

יאַחנע ברייגע. טפו, צו דיין קאָפּ, צו דיינע הענד און פיס! ווי זי האָט דאָס מיך אַ ביסעל איבערגעשראָקען! וואָס

איז דאָס מיט אַ מאָל פאַר אַ וואוּאַלקע, וואָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרשטעלעניש?

טיליע (לאַכט). דאָס בין איך געגאַנגען זעהן מיין חתן דעם אינזשענער פון דרייסיג טויזענד רובעל נדן.

יאַחנע ברײנע. וואָס?! אוי, אַ כּאָליערע...

טיליע (לאָזט זיך אַראָב אויפ'ן דיוואַן ביי יאַחנע ברײנען צו פוסען). ער'ט'אַך געדאַרפט קומען עלף אזייגער אין אָווענד, נו, בין איך אוועק אויפ'ן וואָקזאַל זעהן איהם. איך האָב גערעכענט, אז דער שדכן וועט קומען באַגעגענען איהם. דערפאַר האָב איך אָנגעטאָן די וואוּאַלקע, כּדי דער שדכן זאָל מיך נישט דערקענען. איך האָב געוואָלט זעהן, ווי זעהט אויס מיין הויכער, שיינער אינזשענער, וועלכען איך וואָלט געקאָנט קויפען פאַר דרייסיג טויזענד רובעל. איז אָבער דער שדכן אויפ'ן וואָקזאַל נישט געווען. ווייס איך נישט, צו האָט ער מיך אויסגענאַרט, אריינגעלעגט דאָס געלט אין קעשענע און גאַר נישט טעלעגראַפירט, אָדער צו האָט ער נאָך אַ מאָל טעלעגראַפירט, ער זאָל נישט קומען. אָדער אפשר האָט ער גאַר מורא געהאַט צו בעווייזען זיך דעם חתן פאַר די אויגען און איז דערפאַר נישט געקומען אויפ'ן וואָקזאַל, און מיין שיינער, הויכער דרייסיג טויזענד רובעלדיגער חתן האָט נעביך געמוזט פאַרפאָהרען אין אַ האָטעל, גאַנץ אליין, אָהן אַ קבלת פנים, און וועט נעביך מוזען מאָרגען לאָזען זיך איבער דער שטאָדט אויסצוזוכען דעם שדכן און וועט געוואָהר ווערען...

יאַחנע ברײנע (שטויסט זי מיט'ן פוס). אוי, אוועק פון מיינע אויגען, אוועק! זי לאַכט נאָך!

טיליע. שאַ, בריקע זיך נישט! זעהסט'אָך, אז איך גיה אריין אין זיין לאַגע. עס איז טאַקע אַ ביטערער רחמנות אויף איהם, אַ צער בעלי חיים. געקומען נאָך דרייסיג טויזענד רובעל מיט אַ כּלה דערצו און וועט נעביך מוזען אוועקפאָהרען מיט גאָרנישט. איך בין דאָך זיכער, אז ער איז דאָ, אז ער איז געקומען. עס זיינען אַראָפּ פון פּאַיעזד עטליכע יונגע לייט און אלע שיינע.

איינער דאכט זיך שענער פאר דעם אנדערן. אזוי האָט מיר אויס־גערוכט. צייטענווייז זיינען ביי מיר אלע יונגעלייט קראסאוועצעס.

יאחנע ברײנע. וואָס זאָגט מען צו איהר קאָפּ?

טיליע. האהאהאהאהא... אָך, אצינד בין איך אָבער מורא־דיג מיד און נישטאָ אפילו וואו צו לעגען זיך שלאָפען. — און די היישעריקען ווערען נישט מיד זוכענדיג. יודקע, פאר וואָס דער־מאָנסטו זיך שוין נישט? דו האָסט דאָך נאָך נישט דערמאָנט זיך?

יודקע. איך שטארק איך טראכט. איך מיך דערמאָנען. איך מאכען... קוק. (הערבט אָן צו מאַכען משוגענע עוויות און צולאכט זיך.)

טיליע. אָבער דו דערמאָנסט דיך נישט. איך וועל מיך אויף דיר נישט דערוואַרטען און אליין עפּעס אָפּטאָן אַ שפּיצעל.

יאחנע ברײנע. וואָס שוים שפּיצלעך, וואָס? דיר איז נאָך ווענינ?

טיליע (שטעהט אויף, נעמט די לאַנטערנע פון טיש און געהט רעכטס). שלאָפען איז דאָך סיי ווי סיי נישט דאָ וואו. דערווייל־דארף מען טאקע אַ זוך טאָן אויך. (פערשווינדט.)

יאחנע ברײנע. אוי, אז מען זאָל איהר עפּיס...

יודקע (שפּרינגט אויף). איך געהן נאָך איהר. איך זעהן שפּיצעל... (לאכט און הינקט אַוועק נאָך טיליע'ן.)

יאחנע ברײנע (קרעכצט. אַ ווײַלע איז שטיל. באַלד געהען־צו צו דער פּריזבע פון פערשידענע זייטען דריי מענער און צוויי פרויען).

איין מאַן. זוך אַ נעכטיגען טאָג.

צווייטער. איך ווייס וואָס, אבי מע זוכט.

אַ פרוי. מיר האָבען שוין די פּיס אָבגענומען.

דריטער מאַן. און די פאַרדראָסיגע זאַך — דו זוכסט דאָ, בלאָנדסט דיר די אויגען, ברעכסט דיר דעם רוקען, און אימ־ליכע ווײַלע דוכט זיך דיר אויס, אז עמיצער האָט איהם שוים ערגיץ געפונען.

צווייטע פרוי. און ווי, אז עמיץ האָט איהם טאקע שוים געפונען?

ערסטער מאַן. האָט ער איהם טאקע.

צווייטע פרוי. אַ שיינע זאך, און מיר זוכען דער־ווייל.

צווייטער מאַן. די גאנצע זאך איז, אז אויב עמיצער האָט איהם געפונען, וועט ער איהם נישט קאָנען באהאלטען ביי זיך אזוי לייכט. אַן אוצר איז נישט קיין פּאָרטמאנע, וועט איהם נישט אויפהעבען און אריינלעגען אין קעשענע. ער דארף איהם ערסט אויסגראָבען, און דאָ העבט זיך אָן די סדרה אוועקנעמען איהם. און דערביי דרעהען זיך ארום הונדערטער מענשען קיין עין הרע —

ערסטער. הונדערטער? טויזענדער מענשען!

צווייטער. איז נאָך בעסער. און איינער היט דעם אנ־דערן, אז אפילו אראָבלאטכענען עפּיס פון איהם, וועט אויך נישט געהן.

צווייטע פרוי. און ווי אַז עמיצער וועט איהם גע־פינען, און נישט אָנהעבען גלייך צו גראָבען, נאָר וועט זיך מאכען אַ גוטען סימן און וועט קומען אַן אנדערסמאָל און וועט איהם אוועקנעמען?

ערסטער מאַן. זעהט, איהר פּלאנעוועט מיר עפּיס אַ גאנצע זאך.

צווייטער. דאָס איז אויך קיין אחריות נישט. מי וועט שוים דעם בית עולם גוט היטען, כל זמן דער אוצר וועט נישט געפונען ווערען.

דריטער. איך גלויב, אז מ׳יט נאָרנישט אויפהערן צו זוכען.

ערסטער. איך זיכער נישט. וואָס וועל איך אָנווערען? אזוי דרעה איך מיך טאָג־טעגליך ארום איבער די גאסען, און שמעק

און זוך און געפין א קדחת, וועל איך דאָ לכל הפּחות ארומזוכען און געפינען אפשר אַן אוצר.

צווייטער. און איהר זייט נישט דער איינציגער בא גאָט. סך הכל איז געוועזען היינט אַן איילענעם מיט צומאכען די קראָ־מען, אקוראט ווי אין קורצען פרייטאָג, און מי איז אויף גיך גע־לאָפען אויפ׳ן בית עולם. און איך מאך מיט אייך א וועט, אַז מאָרגען וועט א העלפט קראָמען נישט אויפגעעפענט ווערען, ווייל די קרעמער און קרעמערקעס וועלען זיין אויפ׳ן בית עולם.

דריטער. וואָס דארפט איהר מעהר? איך בין א מלמד, האָב איך היינט פארנאנדערגעלאָזען די קינדער האלבען טאָג, גע־געבען זיי פריי. ווארום אַז איך בין א מלמד, איז וואָס? אַי, ווי דער אוצר קאָן מיר גוט צו ניץ קומען!

ערסטע פרוי. דער אוצר! איהר וועט דאָך נישט צו־נעמען זיך דעם גאנצען אוצר!

דער מלמד. עס וועט שוים מיר גענוג זיין מיין חלק, וואָס ארט אייך, הלואי געפין איך איהם נאָר.

צווייטע פרוי. דערווייל איז דאָ לעבעדיג.

צווייטער מאַן. אזויפיעל טויזענדער זאָל איך דער־ווייל האָבען, וויפיעל חטאים עס וועלען דאָ היינט אָבגעטאָן ווערען.

ערסטע פרוי. עה, דאָס איז שוים גלאט גערעדט. דער בית עולם איז אזוי געפּאַקט.

צווייטער מאַן. אוי, זייט איהר א יענטע! איך האָב אליין געזעהן — —

צווייטע פרוי. אהא, לאָ׳מיר עפּעס הערען, וואָס האָט ער געזעהן.

ערסטער מאַן. שא, שלאָגט נישט איבער!

דער מלמד. נאָ, דברים בטלים! (שטעהט אויף און איילט אוועק.)

ערסטער מאַן. דער מלמד האָט זיך אָבגעטראָגען. (געלעכטער.)

צווייטע פרוי. נו, איז וואס האט איהר געזעהן?

צווייטער מאן. איך ווילט זיך עס שטארק וויסען, הייסט עס? האהאהא...

טיליע'ס שטימע (ווייט רעכטס). דא—דא—דא! געפונען! געפונען!

ערסטע פרוי. אוי, איהר הערט? געפונען! (אלע פיער לאזען זיך שנעל נאכ'ן קול נאך. אויפ'ן בית עולם ווערט א גרויסער געלויף אין דער זייט פון דער שטימע און עס הערט זיך אויף א רעש פון שטימען.) געפונען! געפונען! געפונען!

יאהנע ברײנע. האניע! האניע! שטעה אויף, מי'ט געפונען. שטעה אויף! טו א קוק אויפ'ן שיכור. האניע! האניע! (זי געהט אראב פון דיוואן און טרייסעלט איהם.) שטעה אויף, מי'ט געפונען!

האניע (פון שלאף). מיט דיין טאכטערקע טענ'ע, מיט מיר טענ'צ נישט.

יאהנע ברײנע. וואס טענ'ען, וואס, שיכור! מי'ט געפונען דאס ברעטעל, דעם אוצר! זעה, ווי ער ליעגט, ווי נישט זיין זאך גאר. וועסטו אויפשטעהן?

האניע. איך קלייב מיך נישט אוועק פון דאנען.

יאהנע ברײנע. אוי, שיכור! (גיט איהם א טרייסעל, אז ער פאלט שיער נישט אראב פון שראנק, און געהט צו דער זייט פון דער שטימע.)

טיליע'ס שטימע (נעהנטער הינטען). דא—דא—דא! דאס ברעטעל! דאס ברעטעל! (עס ווערט א געלויף אהין. מען הערט שרייען:) דארטין איז עס, דארטין!

יאהנע ברײנע (בלייבט שטעהן, פערברעכט לאנגזאם די הענד און לאזט זיך צוריק צום דיוואן). אוי, א מגפה אויף איהר... אוי, ברעכען זאל זי איהר קאפ... אוי, אז מי זאל זי עפעס כאפען און גוט אנברעכען די ביינער... אוי, אוי, אוי... (זי זעצט זיך אויפ'ן דיוואן און שאקעלט מיט'ן קאפ.)

ט י ל י ע (הינטער'ן טהרה־שטיבעל). דאָ—דאָ—דאָ! הינ־טער'ן טהרה־שטיבעל! הינטער'ן טהרה־שטיבעל! (דער געלויף ווערט אהין.)

ש ט י מ ע ן. עס קאָן עפּיס נישט זיין! צווערסט דאָ, דער־נאָך דאָרטין, און יעצט גאָר... — עס מוז זיין נארעריי!

ט י ל י ע (גנב'עט זיך דורך ביי דער וואַנד פון טהרה־שטיבעל און פאר דער פּריזבע אויף די שפּיץ פינגער, שפּרינגט צו צום דיוואַן און וואַרפט זיך אויף איהם ארויף מיט'ן געזיכט אַראָב, שטאַרק לאַכענדיג).

י א ח נ ע ב ר י י נ ע (טרייסעלט איהר פויסט איבער טיליע'ס רוקען). אוי, אוי, אוי! (אַ רעש פון אַ סך שטימען קומט־צו. אַ גרויסער עולם טרעט ארויס פון הינטער דעם טהרה־שטיבעל אויפ'ן הויפטוועג. אין די פאָדערסטע רייהען פיהרט מען איינעם, וועלכער רייסט זיך פון די הענד. לעבען איהם יאָמערנדיג אַ פרוי מיט אַ אינגעל.)

ד ע ר ג ע פ י ה ר ט ע ר. איך וועל אייך נישט לאָזען זוכען דעם אוצר! דאָס איז מיין אוצר! איך האָב איהם באַגראָבען! איהר טאָרט איהם נישט אויסגראָבען! אַ קללה פון גאָט וועט אויף אייך קומען! איך וועל אייך נישט לאָזען! אויף וואָס דאַרפט איהר אוצרות? די וועלט איז אייך קנאַפּ! וואָס ווילט איהר מיך אומגליקליך מאַכען?! איך וועל אייך נישט לאָזען! איך וועל אייך נישט לאָזען!

ד י פ ר ו י. ראַטעוועט, אידען, ראַטעוועט! ער איז משוגע געוואָרען! אוי, געוואַלט, ראַטעוועט! (די געשרייען דערווייטערן זיך אין גאַס.)

ט י ל י ע (האַלט איין איהר לאַכען און זעצט זיך אויף, קוקענדיג אין די זייט פון דעם רעדעל).

י א ח נ ע ב ר י י נ ע. אוי, וועה מיר נישט! וועה מיר נישט! — וואָס לאַכסטו נישט, האַ? וואָס לאַכסטו נישט? (אַ ניי רעדעל קומט־אָן אויף דעם זעלבען וועג. מענער און פרויען טראָגען אַ פרוי, וועלכע קרעכצט ביטערליך.)

א שטימע (פון דעם פריערדיגען רעדעל). זעהט, דאָ קומט שוים עפּעס ווייטער.

א שטימע פון דעם אָנקומענדיגען רעדעל. א ווייבעל האָט אָבגעהאַט אָדער מפּיל געווען. (מען טראָגט זי ארוים צום טויער.)

יאחנע ברײנע. וועה מיר נישט געשעהן! וואָס זאָגסטו דערצו, הא?

טיליע (ציהט זיך אוים אויפ'ן דיוואַן מיט'ן געזיכט ארויף, פערוואָרפענדיג די הענד איבער'ן קאָפּ).

יאחנע ברײנע (שטויסט זי). געה, וואָס'טו פארכאַפּט מיין אָרט, וואָס?

יודקע'ס שטימע (ווייט רעכטס הינטען). איך מיך דערמאָנט! איך מיך דערמאָנט! איך מיך דערמאָנט!

א פרויענשטימע (פון דער זעלבער זייט). אָי, דאָס איז דאָך דעם קברן'ס זוהנדעל!

געשרייען. ער'ט צעך דערמאָנט! — דעם קברן'ס זוהנדעל צעך דערמאָנט! — יודקע האָט צעך דערמאָנט! (די געשרייען צוגעהען זיך ווייט און ברייט איבער'ן בית עולם.)

טיליע (שפּרינגט אויף און לאָזט זיך נאָך הינטען).

יאחנע ברײנע. אוי, עס טרייסלען זיך מיר הענט און פים!

יודקע (נעהנטער). איך מיך דערמאָנט! איך מיך דערמאָנט!

יאחנע ברײנע. חאַניע, שטעה אויף, יודקע האָט צעך דערמאָנט! חאַניע, שטעה אויף! זעה אויף דעם שיכור. עס איז איהם נישט פארנאנדערצואוועקען. (שרייט.) חאַניע, שטעה אויף, יודקע האָט צעך דערמאָנט!

חאַניע (אויפהעבענדיג דעם קאָפּ). וואָס ווילסטו דאָרטין, וואָס?

יאחנע ברײנע. יודקע צעך דערמאָנט.

חאַניע (הײַבער אויפהעבענדיג זיך). עה?

יאחנע ברײַנע (נאָכקרימענדיג איהם). „עה?" שיכור!

טיליע (קומט־אָן מיד און אָבגעשפּאַנט). שוים צו שפּעט.

יאחנע ברײַנע. וואָס זאָגסטו, האַ? דאַרף ער דאָס אויסשרייען, אז אלע זאָלען הערען, פאר'שרפ'עט זאָל ער ווערען.

טיליע. נו, מילא.

חאַניע. אהאַ, מײַן טאָכטערקע, מײַן מיליאָנערקע. (וויל זיך צוריק אוועקלעגען.)

טיליע. דו לעג זיך יעצט נישט אוועק. וועסט גלייך עפּיס זעהן. וועסט הנאה האָבען.

יאחנע ברײַנע. ער לעגט זיך נאָר צוריק אוועק, דער שיכור.

יודקע (מיט אַ גרויסען עולם ארום איהם, לויפט ארויס פון צווישען די מצבות, שפּרינגענדיג און שרייענדיג). איך מיך דער־מאָנט! איך מיך דערמאָנט!

אַ קנויל פון שטימען. וואו דאָך? וואו? — זאָג דאָך, וואו!

טיליע (שטעהענדיג אָנגעשפּארט אָן טיש). שאַ, לאָזט איהם דאָך קומען צו זיך. ער וועט שוים זאָגען, ווען ער וועט דארפען.

יודקע (שטופּט זיך דורך דורכ'ן עולם צו טיליע'ן). איך מיך דערמאָנט, היהיהי! דו זעהן, איך מאכען.

דער ראש הועד און סאָסקין (שטופען זיך דורך און טרעטען־צו צו יודקע'ן).

ראש הועד. דו האָסט צעך דערמאָנט, וואו דו האָסט באגראָבען דײַן הינטעל?

יודקע. יאָ, איך מיך דערמאָנט, היהיהי, איך מיך דער־מאָנט.

ראש הועד. וואו איז דאָס?

סאָסקין. אויפ'ן נייעם פעלד?

יודקע. איך'ל זאָגען. אָבער איך'ל... איך'ל... היהיהי...

ראש הועד. וואָס „איך׳ל... איך׳ל״?

יודקע (שיסט אויס). איך׳ל נישט זאָגען!

ראש הועד. וואָס זיינען דאָס פאַר אַ זאַכען?

יודקע. איך׳ל זאָגען, אָבער איהר טאָן, וואָס איך וויל.

ראש הועד (צו טיליע׳ן). איהר פארשטעהט עפּיס, וואָס ער וויל?

טיליע. מסתמא האָט ער זיך עפּיס אַריינגענומען אין קאָפּ. ער וועט אייך שוין זאָגען.

חאַניע (זעצט זיך אויף, רייבט זיך די אויגען). אוהום, מיין טאַכטערקע!

שטימע. טיק זאָל מען הערען, וואָס ער וויל.

ראש הועד. וואָס ווילסטו?

יודקע. איך וויל — זיך אַלע אויסשטעלען. אַלע, אַלע. אָט דאָ, אָט אַזוי. אַלע, אַלע. און איך וואָס מאַכען, און אַלע מיר נאָכמאַכען.

חאַניע (לאַכט שיכור׳לעך אויף). העיהע! הע! (העבט אָן אָנצושטאָפּען די פּיפּקע.)

ראש הועד. דאָס ווילסטו? איך צופּאַטש דיר גלייך די צורה!

שטימע. ער וויל זיך הפּנים פון אונז אויסלאַכען.

שטימע. דער משוגע׳נער וויל זיך אויסלאַכען! דאָס איז בא איהם גלאַט אַזא משוגעת.

שטימע. עמיצער האָט איהם מסתמא עפּיס אָנגעלערנט.

חאַניע. העיהע! הע!

שטימען. זאָלסט גלייך באַווייזען דעם אָרט, אז נישט מאַכט מען פון דיר אַש. (מען ווערט אייגגער אַרום איהם.)

יודקע (מיט אַ בייז־פערקרימטען געזיכט). איך גאָרנישט באַווייזען, קיינמאָל נישט! איך צוריק פאַרגעסען!

דער עולם (טרעט פון איהם אָב מיט שרעק).

טיליע. וואָס זייט איהר פאַר אַ בעל־הבתים איהם צו

שלאָגען? וואָס געהט עס אייך אין גאנצען אָן? וואָס מאכט אייך אוים, וואו דער אוצר איז?

חאַניע. מיין מאַכטערקע!

שטימע. ווי הייסט, וואָס מאכט אונז אוים? וואָס זיינען מיר דאָ אָבגעוועזען א האלבען טאָג און א גאנצע נאכט?

טיליע. איהר'ט'אָך פון דעם אוצר סיי־ווי־סיי גאָרנישט האָבען.

שטימע. יא, אָבער... מיר ווילען גלאט וויסען.

יודקע. איך אנטלויפען! איך קיין מאָל נישט זאָגען.

ראש הועד. העב זיך אָן מיט א משוגע'נעם!

שטימען. איז מילא. זאָל מען זיך צושטעלען! זאָל מען טאָן, וואָס איהם איז איינגעפאלען! — וואָס קאָן דאָ מעהר זיין. וועט מען זיך אביסעל משוגע מאכען! — א טשיקאַווע זאך! עס ווילט זיך אזוי וויסען, וואו דער אוצר איז און ווי גרויס ער איז! — וואָלטען מיר כאָטש געקראָגען א העלפט פון איהם! — צושטעלט צעך! — אָן אָפּקומענעס זאָל עס אונז זיין!

יאחנע ברײנע. משוגע קאָן מען ווערען, וואָס איהם קאָן גאָר איינפאלען.

חאַניע. הע־הע! גוט! הע־הע! הע!

ראש הועד. מיר ווילען דאָ באלד טאקע אויף אָן אמת משוגע ווערען.

שטימען. שטעלט זיך שוים אוים, מילא! — שטעלט זיך שמונה עשרה! — לאָ'מיר מאכען א קדושה! — וואָס מיינט איהר, מי'ט שוים באלד טאקע קאָנען דאוונען שחרית! — שאַ, שטיל, דער גענעראל וויל סמאָטרעווען! (מען העבט זיך אָן אויס־צושטעלען.)

יודקע. היהיהי... איך באווייזען... היהיהי... איך מאכען, איך זאָגען, איהר נאָכמאכען, איהר נאָכזאָגען.

חאַניע. הע־הע! הע! גוט!

ראש הועד, סאָסקין (און נאָך עטליכע בעל־הבתיש גע־קליידעטע אידען רוקען זיך אָב אָן אַ זייט).

יודקע (צו זיי). אַלע. אַלע. איך וויל. היהיהי...

חאַניע. עהע! עהע!

ראש הועד, סאָסקין (און די אַנדערע שטעלען זיך אויך צו צום עולם, אַ ביסעל אָן אַ זייט).

יודקע (שרייט ארויס). היהיהי, היהיהי...

דער עולם (שווייגט).

יודקע. איהר אויך מאכען „היהיהי"...

דער עולם (שיסט אויס). היהיהי!

חאַניע (שטעלט אויס זיינע אויגען אויפ'ן עולם, מיט דער פּיפּקע אין מויל, און בלייבט זיצען ווי פערגליווערט).

יודקע (וויעדער). היהיהי!

דער עולם. היהיהי!

יודקע (הייבט אָן צו מאַכען די פערשיעדענסטע בעוועגונגען, תנועות און עויות).

דער עולם (מאַכט איהם נאָך).

יאחנע בריינע. משוגע!

טיליע (מאַכט איהר אַ צייכען, זי זאָל שווייגען).

יודקע. היהיהי!

דער עולם. היהיהי!

יודקע. גנבים!

דער עולם. גנבים!

יודקע. היישעריקען!

דער עולם. היישעריקען!

יודקע. געלטפרעסער!

דער עולם. געלטפרעסער!

יאחנע בריינע (מאַכט מיט דער האַנד צו חאַניע'ן און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

חאַניע (שאפּט זי אוועק מיט דער האַנד, זי זאָל לאָזען צו רוה).

יודקע. היהיהי!

דער עולם. היהיהי!

יודקע. צבועקעס!

דער עולם. צבועקעס!

יודקע. היהיהי!

דער עולם. היהיהי!

יודקע. מיר אַלע!

דער עולם. מיר אַלע!

יודקע. היהיהי!

דער עולם. היהיהי!

יודקע (הערבט־אָן ווידער צו מאַכען בעוועגונגען).

דער עולם (מאַכט איהם נאָך. אין די הינטערסטע רייהען ברעכט אויס אַ געוויין פון אַ היסטערישער פרוי).

יאחנע ברײנע. אוי, וועה מיר נישט, זיי ווערען דאָך אַלע משוגע!

יודקע (צולאַכט זיך מיט זיין אונאַנגענעמסטען געלעכטער).

דער עולם (בעוועגט זיך קוים).

שטימע. מי איז טאקע משוגע געוואָרען. און פרעג ווער, וואָס, ווענען!

שטימע. אַ גליק האָט אונז געטראָפען, מיר ווילען וויסען, וואו דער אוצר ליעגט!

שטימע. דאָס איז עמיצענס קאָפּ געווענען. איהר פאַר־שטעהט, וואָס ער האָט אונז דאָ אָנגערעדט?

שטימע. יעצט זאָל ער אָבער גלייך באַווייזען.

ראש הועד. יעצט זאָלסטו גלייך געהן באַווייזען.

טילי ע (וועלכע שטעהט אָנגעשפאַרט אָן טיש, מיט די הענד אויף דער ברוסט, רעדט רוהיג ארויס). ער'ט נאָך נישט געהן באַווייזען.

(אַלע אויגען ווענדען זיך מיט פערוואונדערונג צו איהר.)

שטימע. שאַ, עפּיס ווידער אַ נייס!

שטימע. אַ־פריער דער ברודער, דערנאָך די שוועסטער.

טיליע (צום פערוואונדערט זיצענדיגען חאָניע'ן). טאטע, דו ווילסט'אך ווערען צוריק קברן?

חאָניע (עפענט ברייט פערנאַנדער דאָס מויל, ווי ער וואָלט בעגריפען, שטעהט־אויף, געהט לאַנגזאַם צו צום טיש און לעגט אוועק זיין פּיפּקע, ברייט ארויסרעדענדיג). ער'ט נישט באווייזען! איך וועל איהם נישט לאָזען באווייזען!

ראש הועד. וואָס זיינען דאָס פאר א ווערטער? ווי הייסט, ער זאָל נישט באווייזען? מיר זאָלען זיך לאָזען מאכען משוגע און גאָרנישט? וואָס מיינט איהר זיך עפּיס?

חאָניע. וואָס מיינט איהר זיך עפּיס? איהר'ט מיך אראָפּוואַרפען פון קברנות און דעם אוצר נאָך אויך צונעמען?

ראש הועד. וואָס הייסט צונעמען? איהר'ט דען קיין חלק נישט קריגען?

חאָניע. דאָס איז מיין אוצר אין גאנצען! מיין זוהן האָט איהם געפונען, איז דאָס מיין אוצר אין גאנצען!

ראש הועד. ער'ט איהם געפונען אויף קהל'שער ערד!

סאָסקין. און נאָך אפשר אויפ'ן נייעם פעלד!

חאָניע. ניטאָ, ער'ט נישט באווייזען! איך הייס איהם נישט. ווילט איהר, ער זאָל באווייזען, וויל איך, איך זאָל ווערען צוריק קברן. (גרויס געלעכטער.)

שטימע. נארישער איד, וואָס ער איז. מיט דעם חלק אוצר, וואָס ער וועט קריגען, וועט ער נאָך דארפען זיין א קברן!

ראש הועד. בכן זאָגט איהר אייך אָפּ פון אייער חלק אוצר און ווילט בעסער ווערען צוריק קברן?

חאָניע. ווי הייסט, אָבזאָגען זיך פון מיין חלק אוצר? דער אוצר איז אין גאנצען מיינער. א חלק וועט איהר קריגען!

ראש הועד. איהר זייט שיכור צו וואָס?

שטימע. ער פרעגט נאָך. יענער האלט זיך קוים אויף די פיס.

חאַניע. דאָס איז נישט אייער באָבע'ס דאגה, וואָס איך בין. איך ווייס אָבער גאַנץ גוט, וואָס איך רעד.

ראש הועד. איהר'ט נאָך אויספיהרען, אז איהר'ט אייער חלק אויך נישט קריגען.

חאַניע. אזוי אפילו?! דאָס וועלען מיר זעהן. טיק געהט זוכט דעם אוצר. ער'ט אייך נישט באווייזען, וואו!

ראש הועד (צו יודקע'ן). דו הער נישט דעם טאַטען. ער איז יעצט שיכור. דו זאָג מיר. איך בין דער ראש הועד.

חאַניע. ער'ט נישט זאָגען, זאָג איך אייך.

טיליע. א פרומער איד, אַן אנשטענדיגער מענש! לערנט איהם, ער זאָל נישט הערען דעם טאַטען.

שטימע. זאָל ער ווערען קברן, און זאָל זיין זוהן באַ־ווייזען, און אַ מעשה מיט א סוף. וואָס וועט מען דאָ שטעהן? און זיך נאָך משוגע געמאַכט!

שטימע. און וואָס וועלען מיר דאָ האָבען, אז זיין זוהן וועט באווייזען? איך וועל בעסער געהן זוכען.

ראש הועד. דאָס'ט איהר אלע געדאַרפט טאָן.

טיליע. און אז מען זוכט, הייסט עס, געפינט מען איהם שוים.

שטימע. די גאַנצע שטאָדט זוכט און קאָן נישט געפינען.

שטימע. מי'ט נאָך אָבזוכען אַ יאָהר מיט א טאָג און מי'ט גאָרנישט געפינען.

שטימע. זאָל ער ווערען קברן! זאָל ער ווערען קברן!

סאָסקין (צום ראש הועד). וואָס אַרט אייך, זאָל ער ווערען צוריק קברן.

חאַניע. פערצעהן יאָהר האָב איך אָבגעדיענט, האָב עהר־ליך געדיענט, זאָל עמיץ זאָגען אויף מיר אַ שלעכט וואָרט. אדרבא, אָט איז דאָ אצינד גאַנץ שטאָדט, זאָל מען זאָגען אויף מיר אַ שלעכט וואָרט.

שטימען. טאקע! ער איז גערעכט! וואָס האָט'ן צו איהם געהאט?

חאַניע. זאָל איך מיך נאָך פערצעהן יאָהר לאָזען ארויס־ווארפען אויף צוויי שפּענדלעך? איך וויל ווערען צוריק קברן און וויל עס זיין אזוי לאנג, ווי איך וועל אליין וועלען.

שטימען. אַ ודאי, זאָל ער ווערען צוריק קברן! זאָל ער ווערען צוריק קברן!

ראש הועד (צום עולם). ווער פרעגט ביי אייך דעות? שטעהט און שווייגט!

שטימען. אזוי גאָר?! אַט האָסטו איהם! דער בעל הבית אין שטאָדט!

סאָסקין. און טאקע, וואָס? זאָל ער ווערען צוריק קברן.

ראש הועד. און טאָמער איז די גאנצע מעשה אַ שווינ־דעל? מיר וועלען איהם מאכען צוריק פאר אַ קברן, און עס וועט זיך אויסלאָזען, אז זיין זוהן וויים ווייעדער נישט אָדער האָט לכתחילה נישט דערמאָנט זיך.

טיליע. דאָס איז שוים גלאט אזוי אַן אויסרעד.

יודקע. איך מיך דערמאָנט. ווי איך אַ איד, איך מיך דערמאָנט. אַט איך זאָגען.

חאַניע. יודקע! שווייג!

סאָסקין. ממה נפשך, האָט ער געשווינדעלט, ווערט ער ווייעדער אוים קברן.

טיליע. דאָס איז דאָך די מעשה. וואָס איז פאראן, וואָס מורא צו האָבען?

שטימע. ווען איך וואָלט געוועזען חאַניע, וואָלט איך מיך נישט געדונגען אצינד, און דער ועד וואָלט שוים באַ מיר אַ סך אָנגעזעהן דעם אוצר.

טיליע. זעהט איהר, און מיר זיינען עהרליכע מענשען.

ראש הועד. איז גוט, טיק זאָל ער ווערען קברן. (צו יודקע'ן.) נו, יעצט זאָג.

חאַניע. אזוי גאָר? אָבגעזאָגט און פארטיג! דאָס איז שוים אלץ?

ראש הועד. וואָס ווילט איהר נאָך?

חאַניע. איך וויל דאָס שווארץ אויף ווייס.

ראש הועד. און אז איך האָב דאָס געזאָגט פאר דער גאנצער שטאָדט אידען, איז עס אייך ווייניג? וואָס בין איך עפּעס ביי אייך?

סאָסקין. איהר דארפט אויף איהם קיין פאראיבעל נישט האָבען. איהר זעהט'אָך, ווי ער איז שיכור.

חאַניע. שיכור צו נישט שיכור, איך ווייס, וואָס איך וויל. איך וויל האָבען שווארץ אויף ווייס, אז חאַניע דער קברן דארף זיין קברן אזוי לאנג, ווי ער וועט לעבען אָדער אזוי לאנג, ווי ער וועט וועלען. איך וויל נישט, מ'זאָל מיך קאָנען ארויסוואר־פען, ווען עס'ט צעך עמיצען פארוועלען. איך וויל אליין אָב־זאָגען זעך.

שטימען. דאָס איז ער גערעכט! — ער איז גאָרנישט אזוי שיכור! — וואָס ארט אייך, דאָס אידעל פארשטעהט א געשעפט!

חאַניע. איך ווייס, וואָס איך וויל, מיר האָט נאָך דער קאָפּ נישט אָבגעדארט. שרייבט אזוי: אויב חאַניע'ס זוהן יודקע וועט ריכטיג באווייזען, וואו ער'ט פארשארט זיין הינטעל, דארף חאַניע צוריק ווערען קברן און זיין קברן אזוי לאנג, ווי ער וועט לעבען אָדער אזוי לאנג, ווי ער וועט וועלען. און ואים אין דער גרוב פון דעם הינטעל וועט זיך געפינען אַן אוצר אָדער וויפיעל עס איז געלט, געהערט א העלפט צו חאַניע'ן און א העלפט צו קהל.

סאָסקין. ניין, חזק! דאָס קאָנט איהר נישט אריינ־שרייבען. דער אוצר קאָן זיין ליגט אויף דעם נייעם פעלד.

חאַניע. וועט איהר זיך דאמאָלס משפט'ען. איהר וועט יא מיר אויסנעריסען ווערען.

שטימען. וואס וויל דער דא? וואס שפארט ער זיך אין א חקק? דעם איז די וועלט וועניג.

ראש הועד. די העזה פון דעם אלטען אידען איז נישט משער צו זיין. ווילט זיך איהם גאר א העלפט פון דעם אוצר!

חאניע. א גאנצע העלפט! און זאגט א דאנק, וואס איך בין געוועזען אזוי גוט און אבגעגעבען א העלפט צו קהל.

ראש הועד. און איך וועל זאגען, אז איהר זייט א גרויסער גנב!

חאניע. און איך וועל זאגען, אז איהר זייט נאך א גרעסערער!

ראש הועד. דאס וועט איהר מיר זאגען!

חאניע. איך וועל אייך זאגען, וואס איהר וועט מיר זאגען. מיט א פיינעם מענשען קאן איך מיך באגעהן ווי א פיינער מענש, אבער מיט אזוי א מענשען, בין איך אויך קיין חזיר נישט.

א רייך געקליידעטער (צום ראש הועד). איהר וועט אייך דאך נישט שטעלען מיט איהם קריגען. איהר זעהט'אך, אז ער איז בעטרונקען.

חאניע. נישקשה, לא'מיך זיין בעטרונקען.

שטימע. ער מאכט עס בעסער ווי א ניכטערער!

ראש הועד. און דעם זאל איך נאכגעבען? מיט איהם זאל איך מיך ארייגלאזען אין אבשרייבעניסען?

חאניע. איז ווי איהר ווילט אייך.

שטימען. איז וואס וועט זיין דער סוף? דעם משוגענעם האט'ן יא געמאגט נאכגעבען און איהם נישט? וואס וועלען מיר דא אויסשטעהן?

ראש הועד. ווער הייסט אייך דא שטעהן? געהט, זוכט בעסער.

שטימע. און מיר וועלען, הייסט עס, געפינען איהם דעם אוצר פאר אונטער א העלפט.

שטימע. ער'ט זיין צופריעדען, אז ער'ט קריגען בא מיר א העלפט.

שטימע. און איהם איז דאָס לייכט צו זאָגען: געהט, זוכט! וואָס אַרט איהם, אז מי'ט זיך אָבשלאָגען פון אלע געשעפטען און מי'ט ארומגעהן טאָג און נאכט איבער'ן בית עולם און זוכען, און נאָכדעם וועט ער קומען און זאָגען א דעה, וויפיעל מען זאָל נעמען פון אוצר!

דער רייך געקליידעטער (צום ראש הועד). ער וויל אַן אונטערשריפט, גיט איהם אַן אונטערשריפט. אבי, טאקע—

ראש הועד (צו חאָניע'ן). איהר'ט מיך אָבער האָבען צו געדיינקען.

חאָניע. דאָס וועלען מיר שפּעטער זעהן. (צום עולם.) ווער האָט בא זיך פּאַפּיער און בלייפּען?

שטימען. ווער האָט ביי זיך פּאַפּיער און בלייפּען?

שטימע. איך. (א יונגערמאַן שטופּט זיך דורך.) איך האָב אי פּאַפּיער אי בלייפּען.

חאָניע. קאָנט איהר שרייבען?

דער יונגערמאַן. א קשיה! וואָס דען טראָג איך מיך ארום מיט שרייבגעצייג? (געלעכטער.) איך בין טאקע א שרייבער. א לעהרער פון שרייבען.

חאָניע. איז א ודאי גוט. (מאַכט פּלאַץ ביים טיש, אויף וועלכען מען שטעלט ארויף עטליכע לאַנטערנעס, און שטעלט צו אַ שטול.) טיק זעצט צעך דאָ און שרייבט. ווארט, ווי האָב איך פריער געזאָגט? יא, שרייבט: אם בנו של חנן ב"ר יהודה הקברן וועט ריכטיג באווייזען דעם מקום, וואו ער האָט פּארשארט זיין כלבו זשוטשקע, דארף דער אותו חנן ב"ר יהודה הקברן ווידער ווערען קברן על בית הקברות שלנו, און זיין קברן אזוי לאנג, ווי ער וועט לעבען און אזוי לאנג, ווי ער וועט אליין וועלען. און ואם באותו מקום, וואו כלבו איז פּארשארט געוואָרען, וועט זיך געפינען כסף

אָדער שוה כסף, איז החצי לאותו חנן ב״ר יהודה הקברן והחצי להקהלה שלנו. — אויפגעשריעבען?

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ א ן. אויפגעשריעבען.

ח אַ נ י ע (נעמט דאָס פּאַפּיער, טוט אָן די ברילען און קוקט איבער. צום ראש הועד). אצינד שרייבט אונטער.

ר א ש ה ו ע ד. נאַ, נו, צום ערסטען מאָל טרעפט זיך דאָס אויף מיין לעבען. (קוקט איבער דעם כתב און שרייבט זיך אונטער.)

ש ט י מ ע. אַ חברה־מאַן אונזער אלטיטשקער! מיר האָבען איהם גאָר אַזויפיעל נישט געקאָנט.

ח אַ נ י ע. איך בין — אַז מי טשעפּעט מיך נישט, טשעפּע איך נישט. איז מען אָבער — — (נעמט דעם כתב און לייענט איבער.) נאום חיים ב״ר מרדכי זאקהיים ראש הועד.

ס אַ ס ק י ן. און יעצט זאָג איך אייך נאָך אַ מאָל, איהר וועט באַ מיר אויסגעריסען ווערען!

ש ט י מ ע. שאַ, ער איז שוים ווידער דאָ!

ח אַ נ י ע (לעגט צונויף דעם כתב און בעהאלט איהם אין קע־שענע). געה, יודקע, באַווייז!

י ו ד ק ע. היהיהי! (לאָזט זיך לויפען איבער דעם הויפּטוועג ביז צום צווייטען זייטענשטעגעל, וואוהין ער פערקערט.)

ד ע ר ע ו ל ם (ברעכט אויס אין אַ הוראַ און לויפט נאָך איהם נאָך מיט געשרייען און געלעכטער).

ט י ל י ע. דאָס איז אָבער געוועזען גוט. יעצט שנעל צום אוצר. (לויפט נאָך דעם עולם.)

ח אַ נ י ע (הענבט אויך אָן צו לויפען, דערמאָנט זיך אָבער עפּעס און בלייבט שטעהן). יאחנע ברײנע, צוריק אריינפּאַקען זיך! איך לויף צום אוצר. (איילט אַוועק.)

י א ח נ ע ב ר ײ נ ע. אַך, אַך, אַך... וואָס האָט שוים אונז דאָרטין גאָט צוגעשיקט. אַך, אַך, אַך... (נעמט צונויף אַ פּאַק קליידער און טראָגט אריין אין שטוב.)

ש ט י מ ע ן. אויפ׳ן צדיק׳ס קבר האָט ער באַגראָבען זיין

הונט! אויפ'ן צדיק'ס קבר! — אוי וועה געשריען, אויפ'ן צדיק'ס קבר! — אוי, אזא נבלה פון א משוגענעם!

יאחנע ברײנע (קומט ארויס און שאקעלט דעם קאפ). אז א מיתה משונה זאל אויף איהם קומען!

שטימע (אין דער נאהנט). ער'ט מסתמא געוואלט, אז זיין הונט זאל האבען א ליכטיגען גן־עדן.

שטימען. דאס ברעטעל! — דער הונט איז שוין מיט מזל דא! — און געלט? — און דער אוצר?

יאחנע ברײנע (צונויפנעמענדיג א פאק בעטגעוואנט). אוי, עס ברעכען זיך מיר אונטער די פיס. (לאזט זיך אראב אויפ'ן דיוואן.)

שטימען. אט האסטו דיר מקבר צו זיין א הונט אויפ'ן צדיק'ס קבר! — אט האסטו דיר פאר דיין קבורה! — אט האסטו דיר פאר דיינע משוגענע שטיק!

יודקע (קומט אנגעלאפען מיט'ן טויטען הונד אויף די הענד, מיט א כריפען). לאזט מיך! לאזט מיך! (אנטלויפט דורך דעם טויער.)

יאחנע ברײנע (גאנץ אבגעשפאנט). זעהר רעכט — א מפלה אויף איהם!

שטימען. וויפיעל אימפעריאלען? — פיער אימפעריאלען! — פיער אימפעריאלען?

יאחנע ברײנע (קרעכצט־אויף מיט פערצווייפלונג). אי!

שטימען. מעהר ניטא? — דאס איז דער גאנצער אוצר! א שיינער אוצר! — זאל מען טיעפער גראבען! — מסתמא פאראן נאך געלט. — אוי, דערוויילע גראבט מען דעם צדיק'ס קבר!

יאחנע ברײנע (צוואווייגט זיך אויפ'ן קול, היסטעריש, ווי ביי א לויה).

שטימען. מי גראבט אין אן אנדער ווינקעל! מי גראבט אין אן אנדער ווינקעל! — אוי, אוי, אויפ'ן צדיק'ס קבר! — ווי שעמט'ן זיך ניט! ווי האט'ן נישט מורא פאר גאט! — מי

גראָבט נאָר אין די ווינקלען! — גאָרנישט, אַ נעכטיגער טאָג! — נאָר די פיער אימפעריאלען! (דער עולם העבט־אָן צו שיטען אַ היים. פערשידענע קולות, געלעכטער, טשמאָקענים מיט די ליפּען.)

שטימען (פון היימגעהער צווישען די בוימער). אַן אוצר! אַט האָסטו דיר אַן אוצר! — אַ גאַנצע נאַכט פארלאָרען אויף וואָס און אויף ווען! — דערוויילע צוגראָבען אין גאַנצען דעם צדיק'ס קבר. — אוי, אוי, ווי האָט'ן נאָר געקאָנט פועל'ן ביי זיך אזא זאך? (אַ גרופּע היימגעהער קומט ארויס פון צווישען די בוימער.)

איין היימגעהער. וואָס טוט מען נישט צוליעב געלט!

אַ צווייטער. צוליעב וועמעס געלט? ווער וואָלט פון דעם געלט עפּעס געהאט?

ערסטער. שטאָדט וואָלט געהאט.

צווייטער. שטאָדט וואָלט געהאט! אַ סך וואָלט שטאָדט געהאט, ווען חיים זאקהיים שטעהט ביי דער שיסעל.

דריטער. און אז שטאָדט וואָלט שוים עפּיס געהאט, וואָס קומט מיר ארויס דערפון? (פערשווינדען.)

אַ היימגעהער (אין אַן אַנדער גרופּע). וואו אַ משוגע־נער קאָן באגראָבען זיין הונט!

אַ צווייטער. דערפאר אליין דארף חאָניע קיין קברן נישט זיין.

אַ היימגעהערין. וואָס איז ער שולדיג, אז ער האָט אַ משוגענעם זוהן?

אַ דריטער. אז מע וואָלט געפונען אין אַן אנדער ווינקעל, וואָלט חאָניע'ן געווים נישט געקומט קיין חלק, וואָרום דאָס וואָלט שוים געוועזען — — (פערשווינדען. עס געהען פארביי דער ראש הועד, סאָסקין און אנדערע.)

ראש הועד. וואָס זאָקאָן, ווען זאָקאָן, איהר וואָלט קיין גראָשען נישט געקראָגען.

סאָסקין. און איך זאָג אייך, אז איך — — (פערשווינדען.)

אַ געלעכטער (קומט אָן. פערשידענע היימגעהער אין

קליינע און גרויסע גרופּען אויף פערשידענע וועגען געהען און לאַכען, קייקלענדיג זיך פּאר געלעכטער, חזר'נדיג אויף פערשידענע וואריאציעס):
אַן אוצר! — אַט האָט איהר אַן אוצר! — פּיער אימפּעריאַלען אַן אוצר! — און וואָס'ט צעך אַ ביסעל צו טאָן! — אַן אוצר! — אַט האָט איהר אַן אוצר! — און ווי מי צעך משוגע געמאַכט! — געהערט אַן אוצר! — אַ שטוקע אַ מויד! — זי איז ווערט אַ חתן! — ווען זי האָט נאָר נדן, נעם איך זי, ווי זי שטעהט און געהט!

חאַניע (קומט אַן פון פאָרנט רעכטס, ווי ער וואָלט זיך אוועקגע'גנב'עט, און געהט צו צו דער וויינענדיגער יאחנע ברײנע'ן). אַן אוצר, הא? אַ גרויסער אוצר! נאַ, אבי... צוגעלעגט האָבען מיר צו איהם נישט און קברן בין איך אויך געבליבען. איז וואָס ראָוועסטו? גענוג דיר צו ראָווען. קום אריינפּאַקען זיך. (לעגט צונויף פערשידענע זאַכען.)

יאחנע ברײנע (דורך טרערען). אז'ט צעך שוים גע־מאַכט... אז מי'ט שוים געקאָנט...

חאַניע. געה, זיי נישט קיין נאַר, שוויג. איבער וואָס זי האָט געפונען צו וויינען?

טיליע (קומט־אַן פון הינטען, לאַכענדיג).

יאחנע ברײנע. זי איז שוים דאַ און לאַכט. מיין ביטער הארץ וועל איך באַלד אויסלאָזען צו דיין קאָפּ. זי לאַכט! וועט קיין אויג נישט קאָנען באַווייזען אין גאַס און לאַכט נאָך.

טיליע. קיין אויג נישט קאָנען באַווייזען? וואָס האָב איך מיך וואָס צו שעמען? זאָלען זיי זיך אַלע שעמען. איך האָב זיי דאָך געפיהרט פאר'ן נאָז. איך וועל געהן אין גאַס נאָך מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. איך בין דאָך געוועזען אַ טאָג אַ מיליאָנערין. און — און — איך האָב נאָך געלט אין באַנק אויך.

חאַניע און יאחנע ברײנע. וואָס?!

טיליע. אַט דאָס. נישט אַזוי פיעל, אָבער אַ חתן וועט זיך שוים אָנטשעפּען. אַ פּיטשינקער. און אפשר אויך אַ גרויסער.

איך בין דאָך אַזאַ בערימטהייט. און בין אַזוי פֿיין אויסגעקליידט.

חאַניע (אין התלהבות). יאַחנע ברײַנע!... יאַחנע ברײַנע!

יאַחנע ברײַנע. איז וואָס האָסטו עס אונז פֿריער נישט געזאָגט? אוי!

חאַניע. וועל איך עס אַצינד מאַכען אַ כּוסה!... אין שטוב אַרײַן!... (צו טיליע׳ן.) אַך, דו... אַך, דו... וואָס דו נאַר... נאַ, אָבער פּעטש ביזטו ווערט!...

טיליע (שטעלט איהם אונטער די באַק). גיב!

חאַניע (פּירקעט אַרויס אַ געלעכטער, אַז ער פּאַלט שיער. לאַ־בענדיג געהען זיי אַרײַן אין שטוב מיט די פּעקלעך.)

(אין די פֿענסטער פֿון דעם קברן׳ס הויז בעווייזט זיך אַ שוואַכער שײַן פֿון אַן אַנגעצונדענעם ליכט. דורך די פֿערמאַכטע פֿענסטער דערטראָגט זיך קוים אַן אָבקלאַנג פֿון די שטימען אין שטוב. גאַנץ ווייט פֿערהילכט דער געלעכטער. עס ווערט שטיל.)

מתים (אין תכריכים און טליתים, אײַנציגווייז און גרופּענ־ווייז, העבען אָן צו בעווייזען זיך צווישען די קברים, שטיל שעפּטשענ־דיג, מעהר אַרויסגעהויכט, ווי אַרויסגערעדט). אין שול אויף גיך!... אין שול אויף גיך!... די צוועלפטע שעה איז שוין לאַנג פֿאַרבײַ!... אין שול אויף גיך!... (זיי אײַלען צום טויער, גרויע סילועטען אונטער דעם מאַטען שײַן פֿון דער דורך וואָלקענס פֿערשלייערטער לבנה.)

— איך האָב געמיינט, הײַנט וועלען מיר שוין נישט אַרויס.

— די טויטע האָבען מורא פֿאַר׳ן אָטעם פֿון די לעבעדיגע.

— נאָך מעהר, ווי זיי פֿאַר אונז. ניטאָ קיין שלום צווישען טויט און לעבען.

עטליכע. ניטאָ קיין שלום... ניטאָ קיין שלום...

— מיך האָט דאָס לעבען הײַנט גאָר מורא׳דיג געריי‌צט.

— געריי‌צט איז גאָר קיין וואָרט נישט פֿאַר מיר. איך האָב דאָס לעבען מיטגעלעבט און עס האָט מיך געשווינדערט.

— פֿאַר שרעק? איהר האָט צעך אפשר נאָך אייער געלט

פארביינקט? (אַ געלעכטער־אָטעם צוגעהט זיך צווישען די מתים.)

— די אויבענאָנענדיגע, די גבירים, האָבען זיכער היינט געהאט אַ שלעכטען טאָג.

— עס האָט מיט געלט געשמעקט, און זיי זיינען געלעגען נעביך מיט די ווערים.

— אַך, עס האָט געוואָרפען זיי פון קבר נעביך.

עטליכע. געלט... געלט... געלט... (געלעכטער־אָטעם.)

— איהר, קבצנים, האָט עס בעסער נישט געהאט. עס האָט מיט געלט געשמעקט, און איהר האָט נישט געקאָנט בעטען קיין נדבות. (געלעכטער־אָטעם.)

אַ שטרייַנגע שטימע. שוים צייט אייך אַלעמען דאָס לעבען צו פארגעסען! אין שול אויף גיך.

— און מיך האָט עס געהויבען פון קבר. ווי האָט מען גאָר קיין אָבשיי נישט געהאט פאר אונז.

— שטראָף נישט. מיר וואָלטען בעסער נישט געוועזען. מיר זיינען אויך נישט געוועזען בעסער. (געלעכטער־אָטעם.)

עטליכע. געלט... געלט... געלט...

נאָך עטליכע. דאָס איז לעבען... דאָס איז לעבען... דאָס איז לעבען...

— און מיך האָט עס אויך געהויבען פון קבר. אַ סך פרויען האָבען זיך געדרעהט ארום מיין קבר, דוקא יונגע, וואָלט איך שווערען... (געלעכטער־אָטעם.)

אַ שטרייַנגע שטימע. ווער רעדט עס אזוי? ווער מאכט־אויף זיין מויל צו ניבול־פה?

עטליכע (פרום). דאָס איז דער פעלדשער, וואָס ליעגט באַגראָבען לעבען פלויט.

דער צדיק (קומט־אָן, מיט דעם טלית היינגענדיג בלויז אויף דער לינקער שולטער). מיין גאַנצען קבר האָבען זיי צוגראָבען, מיין רעכטען אָרם האָבען זיי מיר אָבגעגראָבען. וועה, ווי וועל איך יעצט מיין טלית אָנטאָן? (מען רינגעלט איהם ארום און מיין

העלפט איהם. גרויסע בעוועגונג ביים בעטראכטען דעם פעהלענדען אָרעם.
טשמאָקען מיט די ליפּען.)

— וועה... וועה... וועה...

— געלט... געלט... געלט...

דער צדיק (מיט דעם טלית אויף ביידע פּלייצעס, געהט וויטער). יעצט געה איך שטעלען זיך פאר גאָט. יעצט וועל איך פרעגען איהם... (פערשווינדט אין טויער.)

א מת (הינטער איהם). ער קריגט נישט קיין ענטפער. ער קריגט נישט קיין ענטפער.

א צווייטער (דעקלאַמירענדיג). מי שטעהט נאָך אין לעבען אויף דעמזעלבען פּונקט. דורות שטארבען אָפּ נאָך דורות און מי בלייבט ביים זעלבען. ווי גאָר אמאָל, אזוי אין מיין צייט, אזוי אויך איצטער.

עטליכע. געלט... געלט... געלט...

— דאָך פיהרט עס צו עטוואָס. דאָס פיהרט זיכער צו עטוואָס.

— דאָס ווייס איין גאָט.

— און דער מענש דארף דאָס דערוויסען.

— דאָס וועט זיין זיין גרעסטער זיעג.

— דעם מענשען'ס גרעסטער זיעג.

עטליכע. דעם מענשען'ס...

נאָך עטליכע. דעם לעבעדיגען'ס! און פאר אונז?

(אַן אָטעם ווי פון לאכען אָדער קרעכצען ציהט דורך די שורות.)

די ערסטע. ...גרעסטער זיעג!

פאָרהאַנג.

דער פּאָנאָגראַף

קאָמעדיע אין איין אַקט.

(22 פעברואַר, 1918)

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

נחמן ריסקין.
ליבע, זיין ווייב.
טאַטע־מאַמע.
שווער און שוויגער.
צוויי ברידער.
דריי שוועגער.
שוועסטער, שוועגערינס, פעטערס, מומעס א. אז וו.
דער רב.
די רביצין.
דער גביר.
די גבירה.
דער חזן.
די חזנטע.
דער גנב.
דער מסור.
דער משוגענער.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ פערוואָרפענעם רוסיש־אידישען שטעדטעל, וואו אידען האָבען געלעבט פון ווינד און נסים.

אַ גרויס צימער אין נחמן ריסקינס וואוינונג. רעכטס אַ טיר צו די אַנדערע צימער, לינקס די אַרויסגאַנגסטיר, אין דער הינטערוואַנד צוויי פענסטער צו דער גאַס. אין מיטען צימער אַ קיילעכדיגער טיש, אויף וועלכען עס שטעהט יעצט דער פאָנאָגראַף און איבער וועלכען עס הייננגט די ברענענדיגע לאָמפּ, רעכטס פאָרנט אַ קאָמאָד, רעכטס הינטען אַ גלעזערשראַנק, צווישען די פענסטער אַ קאַנאַפּע; אַלערליי שטולען און לאַנגע בייננק זיינען אָנגעשטעלט אָהן אָרדנונג. דאָס צימער איז אָנגעפּאַקט מיט מענשען. מען זיצט צו זעלבאַנאַנד אויף אַ שטול, מען זיצט צוזאַמענגעדריקט אויף די בייננק, מען זיצט אפילו אויף דער קאָמאָד; צו די פענסטער־שויבען זיינען צוגעדריקט געזיכטער, ווייל דרויסען פאַר׳ן הויז איז פערקליבען אַ גרויסער עולם.

נחמן ריסקין (גוט אויפגעלעגט, פרעהליך, דערצעהלט עפּעס מיט דעם טאָן און דער האַלטונג פון איינעם, וועלכער ווייס, אַז ער איז דער העלד פון טאָג און דער מיטעלפּונקט פון אַלעמענס בעוואונדערונג).
...איז כדרך אמעריקא האָבען זיי מיר געראַטען, איך זאָל אויך ווערען אַ שניידער. אָבער אַלעמען אויף צו־להכעיס האָב איך מיר געזאָגט: ניין, דו וועסט קיין שניידער נישט ווערען, האָסט קיינמאָל קיין נאָדעל נישט געהאַלטען אין האַנד און וועסט ווייטער נישט האַלטען, עס מאָג זיך קעהרען די וועלט.
ליבע (מיט פעראַכטונג). אַ שניידער גאַר ווערען! משוגע מיינע שונאים!
נחמן. האָב איך מיך געדרעהט אהער־אַהין, געשמעקט, געלעקט, דאָס, יענעס, אמעריקאַנער בעשעפטיגונגען... און איינמאָל זיץ איך אַזוי ביי אונזער ברכה׳ן — אַט טאַקע אויך ווי היינט אין אַ שאַביסענאַכט, און זי האָט אַ פאָנאָגראַף, און דער פאָנאָגראַף שפּיעלט, און איך גיב פּלוצלונג אַ טראַכט: לעקיש איינער, דאָס

איז דאָך אַ גאָלדען געשעפט! וואָס דאַרפסטו זיך ארומוואַלגערן אין אמעריקאַ מיט טויזענד מלאכות און וועניג ברכות — ניכאַי קויפסטו דיר אַזאַ קאַטערינקע און ברייגגסט זי אין דיינע מקומות, האָסטו אַ געשעפט פון געשעפטענלאַנד.

די מאַמע. גאָט'ס וועגען! דאַרף ער פאָהרען אין אמע־ריקע, דאַרף דאַרטין זיין אונזער ברכה, דאַרף זי האָבען אַזאַ מאַשינע, דאַרף די מאַשינע שפּיעלען, דאַרף איהם איינפאַלען... אַה, נו, רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבען!

ליבע. מיר דאַרפען דאָך עפּעס אָפּגעצאָהלט ווערען פאַר אַלע אונזערע צרות.

דער שווער. נו, איז אַז דיר איז איינגעפאַלען?

די שוויגער. איז זעהסטו דאָך. האָט ער געקויפט.

נחמן. איז אַז מיר איז איינגעפאַלען, האָב איך קיינעם קיין מעשות נישט דערצעהלט, בין אוועק און האָב געקויפט די קאַטע־רינקע און געקומען און געזאָגט: איך פאָהר אַ־היים!—ווי? וואָס? ווי אַזוי? פּשוט! אַלע קומען אין אמעריקאַ געלט צו מאַכען, און איך וועל פאָהרען אַ־היים געלט מאַכען. קוקען זיי מיך אָן און לאַכען. „וואָס ווערסטו פאָהרען אַ־היים געלט מאַכען, אַז דו קומסט דאָך פון דאָרטין, ווייל דו האָסט'צעך צו גאָרנישט נישט געקענט צושלאָגען?" און זיי דערצעהלען, וואָס איך בין געוועזען אין דער היים, אַז איך האָב נאָר געקאָנט ארומדרעהען זיך מיט'ן שטעקעלע און שפּיעלען שאָך און נישט וויסען וואָס צו טאָן מיט זיך. לאַך איך. איהר וועט שוין פון מיר הערען גריסען, זאָג איך. איהר וועט שוין פון מיר הערען פּאַרטיגערהייט. איך האָב נאָר נעדאַרפט אַ זיין טאָן אין אמעריקע און אַ כאַפּ טאָן, ווי מען מאַכט געשעפט...

דער טאַטע. האָסטו זיי גאָרנישט געזאָגט וועגען דער מאַשינע?

נחמן. אַ נאַר וועל איך זיין! איך זאָל דערצעהלען, און עמיצער אַנדערס זאָל ביי מיר אויסכאַפּען!

א שוועסטער. פאַר ברכה'ן האָסטו מורא געהאַט?

נחמן. איך'ל עס דערצעהלען ברכה'ן, ברכה וועט דערצעה־לען עמיצען אַנדערס...

די שווינער. טאַקע זעהר גלייך געטאָן.

ליבע. ברוך השם, פאַראַן געגוג נישט־פערגינגער.

נחמן. און אויסערדעם האָב איך טאַקע געדאַרפט דאָפּעלט פאַרזיכטיג זיין. איך בין דאָך אָהן אַ גובערנאַטאָרסקען פּאַספּאָרט, האָב איך דאָך געדאַרפט גנב'ענען זיך די גרעניץ — —

א שוואָגער. האָסטו זיך טאַקע אַריבערגע'גנב'עט די גרעניץ?

נחמן. און נאָך ווי? טויזענדאונאיין נאַכט צו דערצעהלען. אַנגעלימען זיך, אָה! גענוג שווער איז עס געוועזען, אַז איך בין געפאָהרען נאָך אַמעריקא. צוריק איז נאָך געוועזען טויזענדמאָל שווערער. איינפאַך סכנות נפשות. שוין געמיינט, אַז איך פאַרליר דעם פאַנאָגראַף מיט'ן לעבען צוזאַמען. אָבער אַז מען האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס און אַז מען פערליערט נישט דעם קאָפּ, איז אַלץ אָלרייט...

שטימען. איז אַלץ — וואָס?

נחמן. איז אַלץ אָלרייט—אָלרייט, גוט, כדבעי, ווי עס דאַרף צו זיין. (אין עולם לאַכט און חזרט מען: „אָלרייט, אָלרייט“...)

א פעטער. וויפיעל קאָסט אַזאַ מאַשינע?

נחמן. קאָסט שוין אַ היבש ביסעל דאָלאַר. הלואי פערדיענט איהר עס אַלע וואָך אָדער אפילו אַלע חדש.

א צווייטער פעטער. טאָמער ביזטו אונז מכבד מיט נאָך אַ שטיקעל פון דער טייערער חזנות?

נחמן. איהר וועט נאָך הערען. צופיעל טאָר מען נישט. דער רב וועט קומען, דער גביר, דער חזן, וועט איהר שוים הערען. זיי דאַרפען דאָ באַלד זיין. זיי האָבען געזאָגט: גלייך נאָך הבדלה. (צו די, וועלכע זיצען אויפ'ן קאַנאַפּע.) איהר וועט אייך מטריח זיין און אָבטרעטען די קאַנאַפּע, אַז זיי וועלען קומען. מען וועט איבער־

הויפּט דאַרפֿען מאַכען אַ ביסעל גרוימער. מען קאָן שטעהן אין די אַנדערע חדרים.

א שוועסטער (מיט געבעט). לאָז איהם נאָך אַ מאָל זינגען דאָס פֿריערדיגע.

נחמן. נע־ע־עין, איינמאָל כיבוד, אַ צווייטענמאָל צאָהלען.

א ברודער. וועסט'אָך ביי אונז קיין געלט נישט נעמען.

נחמן. ביי טאַטע־מאַמע, שווער און שוויגער...

די שוויגער (באַליידיגט). אַז'ט ביי מיר וועלען געלט, האָב איך מיך געקאָנט ריכטען.

נחמן. ביי אַלעמען. געשעפֿט, פֿערשטעהט איהר מיך. ביזנעס...

שטימען. ביזנעס?...

נחמן. געשעפֿט, ביזנעס... אין האַנדעלשאַפֿט איז ניטאָ קיין ברודערשאַפֿט. אַז איך וואָלט געהאַט אַ שיינק, וואָלט איך אייך דען צוגעבען דעם גאַנצען בראַנפֿען? און אַז איך וואָלט געהאַט אַ גראָסערי — אַ קרעמעל, מיין איך...

שטימען. ווי האָסטו עס אָנגערופֿען?

נחמן. אַ גראָסערי — קרעמעל, אַן עסענוואַרג־קרעמעל...

לאַכען. אַ גראָסערי גאָר! ׳סט געהערט אַ וואָרט!

נחמן. נו, איז וואָלט איך אייך אַלץ געגעבען אומזיסט?

א שוועגערין. אויך מיר אַ פֿערגלייך. אַז מיר וועלען הערען, וועלען מיר דען אָפּנוצען די מאַשינע?

נחמן. וואָס דען מיינט איהר? אַ־ודאי אָפּנוצען. אַז זי דרעהט זיך, נוצט זי זיך אָפּ. און אויסערדעם איז אָט דאָס הערען מיין געשעפֿט. פֿאַר הערען צאָהלט מען מיר.

די שוויגער. פֿאַר וואָס זאָלסטו עפּעס שפּיעלען פֿאַר דעם גביר אָהן געלט?

נחמן. מילא — אַ גאַסט. און דער רב וועט דאָ זיין, און דער חזן, און וויפֿיעל, מיינט איהר, וועל איך שפּיעלען פֿאַר איהם? איין זאַך, נאָך אַ זאַך, און פֿאַרטיג. און וויל ער מעהר, וועט ער

מוחל זיין און בעצאָהלען. און אפילו דער רב אויך, און אפילו דער חזן אויך.

די מאַמע. און ווי האָט איהר געוואָלט? אז ער זאָל פאר דעם רב און דעם גביר נישט שפּיעלען? עס איז דאָך עפּעס אזא זכיה...

נחמן. נאַ, די זכיה בין איך דיר מוחל. איך בין עפּעס געוועזען אין אמעריקא, דאָרטין לאַכט מען זיך אוים פון אזעלכע זאכען. עס מאָג זיין, וואָס פאר א גביר און עס מאָג זיין, וואָס פאר א רב, האָבען זיי א בעטרעף ווי גאָרנישט. איך וועל אייך אָבער זאָגען דעם אמת: איך האָב געוואָלט, דער גביר זאָל קומען, כדי ער זאָל דאָ צופּוקניעט ווערען פאר קנאה. וואָס איז, ער האָט עפּעס בעסערע געשעפטען?

ליבע (שרייט פּלוצלונג אויף). אוי, זעה, ווער עס איז אריינגעקומען! (אלע קוקען זיך אום צו דער טיר.)

דער גנב (שטעהט אין דער טיר מיט א ברייטען שמייכעל פון אויער צו אויער).

שטימען (דערשראָקען). דער גנב! דער גנב! (די, וועלכע זיצען אַרום טיש, שפּרינגען־אויף, שטעלען זיך אַרום אַרום טיש און פערשטעלען מיט זיך דעם פּאַנאָגראַף.)

דער גנב. ווי שעמט איהר זיך נישט, א מענשען אין די אויגען רופען גנב? אזוי מביש זיין. איך קאָן זיך נאָך בעליידיגען, האהאהא. און וואָס'ט איהר זיך אזוי דערשראָקען? איך וועל דאָך איצטער נישט אוועק'גנב'ענען ביי אייך די אמעריקאנערקע. (טרעט אריין אין צימער, די געסט טרעטען אָב פאר איהם און מאַכען איהם א וועג.)

די מאַמע. אז די הענד זאָלען דיר אָבדאָרען, אז דו וועסט זיך גאָר צוריהרען צו דער אמעריקאנערקע. געה נאָר נעהענטער צו, קראַץ איך דיר אוים די אויגען.

דער גנב. שאַ, שאַ... איך גנב'ע דאָך גאָך נישט.

שטימען. טאַקע, וואָס... וואָס גלאַט... ער גנב׳עט דאָך טאַקע נישט...

נחמן (קומט צו זיך פון זיין שרעק, דערמאָנט זיך, אַז ער איז עפּעס אַן אַמעריקאַנער און אַז אין שטוב זיינען פאַראַן אַ סך מאַנסביל, וועלכע ער האָט איבערגעצעהלט מיט די אויגען). וואָס ווילסטו דאָ?

דער גנב. וואָס זאָל איך וועלען? אָט — אַ קוק טאָן. די גאַנצע שטאָדט איז געקומען קוקען, בין איך אויך דאָ.

נחמן. דו האָסט נישט וואָס אריינצוקומען אין שטוב און טראָג זיך גלייך אַרויס פון דאַנען! (אייניגע דערשרעקען זיך פאַר נחמנ׳ס שטרייטנגקייט און ציהען איהם פאַר׳ן רעקעל: מיט אַ גנב, חייסט עס, דאַרף מען זיך בעגעהן גוט און פריינדליך.)

א שוואָגער. זאָל ער קוקען, וואָס אַרט דיך.

א צווייטער שוואָגער. זאָל ער נאָר די הענד נישט צולעגען — מיט די אויגען וועט ער גאָרנישט שאַדען.

דער גנב. כל זמן איהר זעהט מיך, האָט איהר נישט וואָס מורא צו האָבען. איהר דאַרפט זיך נאָר שרעקען, ווען איהר זעהט מיך נישט. אָט ווען איהר לעגט זיך שלאָפען און לעשט אויס דאָס פייער און איהר ווערט אנטשלאָפען, האַהאַהאַ...

נחמן. און איך זאָג דיר, זאָלסט זעך גלייך אַרויסטראָגען פון דאַנען. איך קום פון אַמעריקאַ, פערשטעהסט מיך. אין אַמע־ ריקאַ ווייס מען, וואָס אַ רעוואָלווער איז. ווילסט איהם אפשר זעהן? וואַרף דיך אַרויס און שוים!

דער גנב. זעהר נאַר, ווי דאָס „הענדעלט" זיך אַ ביסעל. אַ גאַנצער האָן! אַ רעוואָלווער און נאָך אַזעלכע זאַכען... מיט אַ גנב איז דאַכט זיך גלייכער צו לעבען בשלום. אַ גנב איז גוט אָוועק־ צוגעבען די שליסעלעך, העהעהע... (וויל כאַפּען אַ קוק אויף דעם פּאַנאַגראַף.)

נחמן (שטופּט איהם אָב). דו געהסט אַרויס בעסער מיט גוטען!

דער גנב. האהא... אַט זייט מיך בעסער מכבד מיט אַ שטיקעל מוזיק. זייט מיך מכבד, געה איך אוועק.

שטימען. אָה, יע, טאַקע!

נחמן. איך שפּיעל איהם באַלד אויף אַזאַ ניגון...

דער גנב. ווייסט איהר גאָר וואָס? איך בעצאָהל אייך מיט דעם קליינגעלט, וואָס איך האָב ארויסגעשארט פון די עולם׳שע קעשענעס ביי אייך דאָ אונטער די פענסטער, העהעהע... (קלינגט מיט קליינגעלט אין זיין קעשענע, אין עולם בעטראכטען דאָס אויניגע אַלס אַ וויץ און לאַכען, אַנדערע כאַפּען זיך אינסטינקטיוו פאַר זייערע קעשענעס.)

די מאַמע. אַז די הענד זאָלען איהם געמאַגט אָפּדאַרען!

די שוויגער. מ׳ט געדאַרפט רופען פּאָליציע.

דער גנב (וואוליונגעריש, צופרידען מיט דעם איינדרוק, וועלכען ער האָט געמאַכט). ווילט איהר אפשר אַ זייגערל? ווערט אַ פּאָר רובעל, נישט קיין סך. אַז קבצנים האָבען זיך דאָ ארומגעקליבען ביי אייך! און נאָך מיט שבת׳דיגע קעשענעס. שאַר און שאַר און נישטאָ וואָס אַרויסצושארען. שבת׳דיגע פּאַפּיראָסלעך, פערשטיקטע, נישט דערררויכערטע, און נאָך אַזעלכע אַנטיקלעך...

אַ ברודער. נעם טאַקע ביי איהם צו דאָס קליינגעלט און שפּיעל איהם עפּעס.

דער טאַטע. גע׳גנב׳עטע געלט.

ליבע. מען דאַרף נישט זיינע גנבות.

נחמן. ער וועט דאַכט זיך ביי מיר באַלד אוועקגעהן. איהר לאָזט איהם נאָר נישט צו צום טיש. (איילט אַוועק צו דער רעכטער טיר.)

דער גנב (אַ ביסעל דערשראָקען, ציהט זיך צוריק). ער וויל נישט גלויבען, אַז איך וויל בלויז הערען. ווי קאָן מען גאָר אוועק־גנב׳ענען די אַמעריקאַנערקע? אַז דו ריהר זיך צו איהר צו, און זי קאָן גאָר אָנהויבען צו שרייען און צו גוואַלטעווען, העהעהע... ער מיינט, ער׳ט מיך דערשרעקען... איך גיב איהם נאָר איין שמיר,

ליעגט ער ביי מיר און קאוואוקעט ווי א געשלאָגענער הונט... וואָס קוקט איהר אלע אזוי אויף מיר, וואָס? !.. אָט אזוי אָ, ציטערט, ווענט איהר מיך לאָזען א קוק טאָן אויף דער אמעריקאנערקע. (העבט זיך אָן צו בעוועגען צוריק צום טיש.)

נחמן (קומט אריין).

דער גנב (מאַכט אַ טריט צוריק, קוקענדיג אויף נחמן'ס הענד. דערזעהענדיג, אַז נחמן קומט אריין מיט לעדיגע הענד, צולאַכט ער זיך). מיט וואָס ער איז אוועק, מיט דאָס קומט ער צוריק, האהא. (בעוועגט זיך צוריק צום טיש.)

נחמן (געהט, נישט קוקענדיג אין זיין זייט, די אויגען גע־ווענדט צום טיש. צוקומענדיג באַהנט צום גנב, גיט ער זיך געשווינד אַ קעהר און לאָזט איהם אַראָב אַ פייערדיגען פּאַטש, אַז יענער פאלט כמעט, און באַלד כאַפּט ער אַרויס אַ רעוואָלווער פון דער הינטערקעשענע פון זיינע הויזען און שטעלט איהם אָן אויף דעם גנב). דו געהסט אוועק, אָדער מע וועט דיך אוועקטראָגען פון דאנען א טויטען!

דער גנב (פערלאָרען, דערשראָקען, דריקט זיך אויף הינטען צו דער טיר און ענטלויפט, בעגלייט פון נחמנ'ען און אַרומיגע).

דער עולם (צוערסט גאנץ איבערראשט, אַטעמלאָז, וואָרטלאָז, ברעכט יעצט אויס אין אַ געלעכטער, אַלט און יונג).

א שטימע. א פּאַטש א ביסעל!

א צווייטע. און דעם רעוואָלוער אונטער דער נאָז!

א דריטע. און בחור שטעל פּים!

א פרוי. אוי, א פערצווייפעלטע בין איך געוואָרען, איך האָב געמיינט, ער שיעסט גלייך.

נחמן (קומט צוריק). ער וועט שוין פאַרזאָגען א צעהנטען צו קומען. (דער עולם לאַכט, קייקעלט זיך פאר געלעכטער.)

א פעטער. און דו וואָלסט טאַקע געשאָסען?

נחמן. עט! א פוסטער רעוואָלווער! נישט קיין געלאָ־דענער!

א שוואָגער. גאָר קיין קויל נישטאָ אין איהם?

נחמן. וואָס דען? איך וועל דאָך נישט האַלטען קיין געלאָדענעם רעוואָלווער. אַ געלאָדענער רעוואָלווער קאָן דאָך טאַקע נעמען און אויסשיסען.

ליבע. פון דעסטוועגען וואָלט איך דיר געזאָגט, דו זאָלסט איהם אזוי נישט האַלטען.

נחמן. דאָס איז שוין איינמאָל אַ רעוואָלווער. זעקס קוילען קאָן מען אין איהם אריינלעגען. איך האָב מיר געזאָגט, איך דאַרף מיך אַריבערכאַפּען די גרעניץ און דאַרף זיין פאָרזיכטיג מיט מיין באַגאַזש, איז טאַקע גוט צו האָבען אַרום זיך אַ שיסער. און איך האָב מיר טאַקע געטראַכט, אז דאָ אויך קאָן ער גוט צו ניץ קומען, איך האָב מיך טאַקע געריכט אויף חברה...

די מאַמע. פּע, בעהאַלט איהם. איך קאָן אויף איהם נישט קוקען.

נחמן (לעגט אריין דעם רעוואָלווער אין קעשענע).

די שוויגער. זעה, אין קעשענע לעגט ער איהם אריין!

נחמן. ער איז דאָך אַ לעדיגער! איהר'ט'אָך געהערט!

אַ ברודער. אַ נס, וואָס דער גנב האָט עס נישט געוואוסט.

דער צווייטער ברודער. דער פּראָסק אַליין איז געוועזען גענוג, ער זאָל ענטלויפען, וואו דער פעפער וואַקסט.

דער שווער. וואוס'ט זיך אזוי אויסגעלערנט צו פּאַטשען?

דער טאַטע. ביי מיר! ווייניג האָב איך איהם דען געפּאַטשט?

נחמן (צערטלענדיג דעם פּאַנאָגראַף). אַ היבש ביסעל אויסגעשטאַנען זיך פון זיינעטוועגען. ער וועט מיר מוזען ווערען אַ גוט געשעפט.

אַ שוועגערין. ווייסט איהר גאָר וואָס? בזכות זה, וואָס דער גנב האָט זיך אזוי אָבגעטראָגען, דרעהט טאַקע גאָר אָן דעם גראַף.

שטימען. אַה, יע! אַה, יע!

א צווייטע שוועגערין. יענע, קאַן זיין, וועלען גאָרנישט קומען.

נחמן. וועלען זיי נישט קומען, וועלען מיר געהן שלאָפען.

א מומע. שאַ, איך וועל בעצאָהלען מיין חלק. וויפיעל ווילסטו?

שטימען. מיר וועלען אויך בעצאָהלען.

נחמן. גוט, רוקט זיך אַרוים מיט די ממתקים... געשעפט איז געשעפט. צו גריוועניקעס. וועט ווערען געשפּיעלט. (שטעלט אוים די האנד. עטליכע ווארפען אריין מטבעות.)

דער מסור (קומט אריין). גוט וואָך.

נחמן (קוקט זיך אום אויף איהם און גיט זיך א צאַפּעל פאר שרעק).

ליבע (קוקט זיך מיט איהם איבער, דערזעהט, אַז ער איז דער־שראָקען, דערשרעקט זי זיך אויך און פערברעכט די הענד).

דער מסור. וויל מיר גאר קיינער נישט ענטפערן קיין „גוט יאָהר"?

די מאַמע. קיינער האָט נאָך אייך נישט געשיקט.

די שוויגער. א מסור זאָגט מען: געה צו אַל'די שוואר־צע יאָהר.

דער מסור. אייך האָב איך דאָך קיינמאָל נישט געמסרט. (צוגעהענדיג צו נחמנ'ען.) שלום עליכם, פאַני ריסקין! (גיט איהם די האַנד.)

נחמן (גיט איהם די האַנד). עליכם שלום!

דער מסור. איהר זעהט, ער האָט פאר מיר קיין מורא נישט. ער וויים, אַז איך האָב נישט וואָס צו מסר'ן, איז גאָרנישט. פאר אַנדערע נעמט ער זיך נישט אָן. — איז דאָס די מאַשינע? — א קעסטעל. — האָט עס שוים געשפּיעלט? מאָג איך אויך אפשר הערען?

די מאַמע (מיט פעראכטונג). טאקע פון זיין כבוד וועגן עפעס אויפשפּיעלען!

א שוואָגער. האָסטו אפשר עפּעס א ליעד: „א קלאָג צו דיר, מסור!“? (לאַכען.)

נחמן (פריינדליך). מיר ווארטען אויף דעם רב מיט׳ן גביר און דעם חזן — אז זיי וועלען קומען, וועלען מיר לאָזען די מאַשינע, וועט איהר אויך הערען.

דער מסור. וועלען מיר ווארטען. איך בין נישט אזא יחסן ווי זיי, נאַ, וועלען מיר כאָטש געניסען זייער זכות.

נחמן (ווי פערענטפערענדיג זיך). אָפּט לאָזען דעם פאָנאָ־גראַף איז נישט געזונט פאר איהם.

דער מסור. איז גוט, איך אייל זיך נישט. וועל איך ווארטען. — זאָגט מיר אָקאָרסט: ווי איז אייך עפּעס געגאַנגען די נסיעה?

נחמן. זעהר גוט. ווי זאָל זי געהן? געפאָהרען מיט א גוטער שיף. א שנעלשיף. געפאָהרען צווייטע קלאסע, מעשה פּריץ, ווי אַן אמת׳ער אמעריקאנער.

דער מסור. אָבער אויף דער גרעניץ האָט איהר געמוזט האָבען געבאַקענע צרות.

נחמן. וואָס איז? פאר וואָס? פארקעהרט.

דער מסור. וואָס שייך „פארקעהרט“? וואָס איז פאר־קעהרט פון געבאַקענע צרות? געקאָכטע צרות? געבראָטענע צרות? אז מען פאָהרט איבער דער גרעניץ מיט אַן אמעריקאנער מאשינקע אָהן א פּאַספּאָרט...

נחמן. אָהן א פּאַספּאָרט? ווי הייסט, אָהן א פּאַספּאָרט? אזא שטיק גאָלד זאָלען מיר האָבען, וואָס פאר א פּאַספּאָרט איך האָב געהאַט.

דער מסור. א—געפעלשטען?

נחמן. עה, איהר ווילט, איך זאָל מיך בעליידיגען! וואָס

הייסט עפּעס אַ געפּעלשטען? איהר ווייסט דען נישט, אַז איך בין אַוועקגעפאָהרען אין אַמעריקאַ מיט אַ גובערנאַטאָרסקין פּאַספּאָרט?

דער מסור. ווייס איך טאַקע, אַז איהר זייט געפאָהרען אין אַמעריקאַ אָהן אַ גובערנאַטאָרסקין פּאַספּאָרט. איך ווייס אפילו, וואָס איהר האָט געשריבען, ווי איהר האָט זיך אַריבערגע'גנב'עט די גרעניץ.

נחמן (לאַכט). צולמט אייך איבער, דאָס האָט איהר מסתמא געהערט וועגען אַן אַנדערן.

די שוויגער. וואָס, איהר קלייבט זיך עפּעס צו מסר'ן?

נחמן (בייז). מסר'ן! וואָס האָט ער דאָ צו מסר'ן? פּאָליציע ווייס דאָך, אַז איך האָב געהאַט אַ פּאַספּאָרט.

דער מסור. און די מאַשינע איז נישט קיין קאָנטראַ־באַנדע? איהר האָט באַצאָהלט טאַמאָזשנע פאַר איהר?

נחמן. עלף רובעל מיט נייגאונפערציג קאָפּיקעס, ווי מיר האָבען יעצט שאַבייסענאַכט אויף דער וועלט. איך האָב דאָך די קוויטאַנציע.

דער מסור. זייט איהר דאָך גאָר כשר.

נחמן. אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרען.

דער מסור. קאָן מען דאָך ביי אייך גאָרנישט לייזען.

נחמן. אַן אַמעריקאַנער סיגאַרעטעל.

דער מסור. וואָס איז דאָס אַזוינס? אַ קליינער ציגאַר?

נחמן. ניין, אַ פּאַפּיראָס. (טראָגט איהם אונטער דעם פּאָרט־סיגאַר.)

דער מסור. און אַ ציגאַר הייסט דאָרטין מסתמא אַ פּאַ־פּיראָסטעל, העהע... אַ פערקעהרטע וועלט! נאַ, וועלען מיר דאָס אויך נעמען. פערזוכען, ווי שמעקט אַן אַמעריקאַנער פּאַפּיראָס. כאָטש פאַר פאָהרען אָהן אַ פּאַספּאָרט איבער דער גרעניץ און אַריבערשמוגלען אַ פּאָנאָגראַף...

נחמן. ווען דאָס וואָלט געוועזען אמת, וואָלט טאַקע גע־וועזען שלעכט.

דער מסור. פון דעסטוועגען דענק איך, אז א ביסעל אונ־טער׳מסר׳ן וואָלט נישט אויסגעמאכט... (בעוועגונג.) זעהט, ווי זיי האָבען זיך אַלע א כאַפּ געטאָן! — איך, פערשטעהט איהר מיך, האָב נחת, ווען איך מסר. עס קומט מיר צו דערפון א שטיק געזונט.

די שוויגער. אז א מיתה משונה האָט איהר געמאָגט איינגעמען.

דער מסור. העהע... פערקעהרט, ווען איך לאָז דורך א געלעגענהייט און מסר נישט, קאָן איך נעמען און אוועקלעגען זיך פאר הארצוועהטאָג. ווי איך וואָלט מי יודע וואָס פערלאָרען. ווי א פרומער איד, ווען ער לאָזט דורך א ברכה. אזא מין מסור בין איך עס. איז קאָן איך אזוי פון פערגניגען וועגען נעמען און א מסר טאָן אייך. עס קאָן זיין, אז איהר האָט טאַקע געהאַט א פּאַספּאָרט, באַצאָהלט טאַמאָזשנע און האָט א קוויטונג, אָבער דער־ווייל וועט קומען פּאָליציע, וועט אונטערזוכען, עס וועט זיך טאָן און איך וועל מיר האָבען מיין שפּאַס, העהעהע... וואָס זיצט איהר אזא דערשראָקענער? אויב איהר ווילט, קאָן איך נישט מסר׳ן אייך. דאָס קאָן מיר אפילו פערשאַדען, אָבער איך וועל איינ־שטעלען מיין געזונט, אויב עס׳ט זיך מיר נאָר לוינען.

נחמן. דהיינו?

דער מסור. איהר וועט מיך אריינגעמען פאר א שותף.

שטימען. האָסט געהערט, וואָס ער וויל?! — אַי, א מגפה אויף איהם! —

נחמן. ווייסט איהר, וואָס איך געה מיט אייך טאָן?

דער מסור. וואָס, צום ביישפּיעל?

נחמן. וואָס איך האָב געטאָן מיט׳ן גנב. איך האָב איהם אריינגעפאָהרען אין מאָרדע און האָב איהם שיער נישט דערשאָסען.

דער מסור. עה, אויב אזוי וועל איך דאָך נאָך זיין גע־רעכט, ווען איך וועל אייך מסר׳ן. (שטעהט אויף.)

נחמן (אַנשטעלענדיג אויף איהם דעם רעוואָלווער). איהר וועט נישט ארויסגעהן ביי מיר פון שטוב אַ לעבעדיגער.

דער עולם (דערשרעקט זיך, צוערסט ביים אַנבליק פון דעם רעוואָלווער; דערנאָך לאַכט מען אין די הויפּענס).

דער מסור (וויל אנטלויפען).

נחמן (האַלט איהם צו). איהר וועט נישט אנטלויפען. איהר וועט צעך אוועקזעצען און אויפשרייבען מיר אַ בריעף. (זעצט אוועק דעם מסור אויפ׳ן שטול. צו זיין ווייב.) ליבע, ברייננ פּאַפּיער און טינט־און־פעדער.

ליבע (געהט ארוים אין דאָס צווייטע צימער).

נחמן. איהר וועט מיר אַנשרייבען, אז איהר האָט געהערט, אז איך בין געקומען פון אמעריקא מיט אַ סך געלט, און באַט מיר אַן צו קויפען ביי אייך פאַלשע אסיגנאציעס. איהר פערשטעהט, אז איהר וועט מיך מסר׳ן, וועל איך אייך מסר׳ן, וועט אייער בריעף צוגעשטעלט ווערען אין פּאָליציע. ביי מיר וועט מען העכסטענס צונעמען דעם פּאַנאַגראַף, אויב איך האָב נישט באַצאָהלט קיין טאַמאָזשנע, איהר אָבער וועט פערשוואַרצט ווערען אין אסטראָג.

דער מסור. איז ווי זאָל איך אייך אַנשרייבען אזא בריעף? ווי, אז איך וועל אייך נישט מסר׳ן און איהר וועט דאָך צושטעלען פּאָליציע מיין בריעף?

נחמן. איהר וועט דעם בריעף אַנשרייבען ווי אַ טאַטע און קשיות וועט איהר פרעגען נאָכדעם, אויב איהר ווילט נישט בלייבען קיין קאַליקע מיט אַן אָבגעשאָסענעם אויער.

דער מסור. איהר זייט אָבער געוואָרען אין אמעריקא אַ גוטער חברה־מאַן. ווייסט איהר גאָר וואָס? לאָ׳מיר מאַכען שותפות אין מסירות!

ליבע (בריינגט פּאַפּיר און טינט־און־פעדער).

נחמן. איהר וועט באַלד ביי מיר מאַכען שותפות מיט׳ן מלאך המות. שרייבט, וואָס איך האָב אייך געזאָגט.

דער מסור. איך זאָל אזוי אריינפאַלען! איך וואָלט דאָך

נאָך געהאט דאָס פערגניגען צו מסר'ען, אַז איהר האָט ביי זיך אַ רעוואָלווער. איהר וועט זעהן, איך וועל קראַנק ווערען. אויב איך וועל שטאַרבען, זאָלט איהר וויסען, אַז איהר האָט מיר מקצר געווען די יאָהרען.

די שוויגער. אין גיכע צייטען נאָר.

שטימען. אָמן!

שטימען (פון דרויסען). דער רב קומט! — דער חזן קומט! — דער גביר קומט!

נחמן (צום מסור). שרייבט אויף גיך!

דער מסור. די פען געהט נישט! די האַנד געהט נישט!

נחמן. זאָל איך אייך דערשיסען? איהר וועט זיך ביי מיר נישט אַרויסדרעהען. (צו די ברידער און שוועגער.) ווייסט איהר וואָס? איהר וועט זיין גוטע באַיעס — גוטע חברה, מיין איך, און וועט אַריינגעהן מיט איהם אין שלאָפצימער, ביז די געסט וועלען אַוועקגעהן. זאַלבאַפינפט וועט איהר איהם קאָנען גוט היטען. איהר מאָגט איהם אַפילו צובינדען צום בעט.

דער מסור. איך וועל מאַכען אַ געשריי, איהר'ט זעהן, וואָס עס וועט זיין.

נחמן. שים איך אייך אָב דעם נאָז. געהט בעסער מיט גוטען.

א ברודער. מיר ווילען דאָך אָבער הערען דעם פאָנאָגראַף.

נחמן. איהר'ט הערען פון דאָרטין... וועל איך אייך מכבד זיין בעזונדער... שפּעטער...

א שוואָגער. גיב מיר דערוויילע אַוועק מיין גריוועניק.

נחמן. ווי? וואָס? אָך יאָ! נאַ דיר דיין גריוועניק — און געהט! (צום מסור.) רוק דיך. איינס, צוויי, דריי...

א ברודער (צום מסור). קום, רב בחור, מיר וועלען דיך שוים גוט היטען.

צווייטער ברודער. דו וועסט זיך שוים מחיה זיין.

(די פינף געהען מיט איהם אַרויס אין דאָס צווייטע צימער, בעגלייט פון אלגעמיינעם געלעכטער.)

א שוועגערין. זעהט איהר, וואָס מען ווערט אין אמע־ריקא?

א צווייטע שוועגערין. א גאנצער שיסער. (עס בעוועגען זיך די געסט: דער רב מיט דער רביצין, דער גביר מיט זיין פרוי, דער חזן מיט דער חזנ'טע. זיי בעגריסען: „גוט וואָך!“ פון אלע זייטען ווערט געענטפערט: „גוט וואָך! גוט יאָהר!“

נחמן (צו די פריערדיגע געסט). געהט אלע אריין אין די אנדערע צימער, געהט. איהר וועט הערען פון דאָרטין. וועט זיין דאָ א ביסעל גערוימער. און מעהר לופט. (די געסט בעוועגען זיך אַרויס אָהן חשק, אונווילִיג. עס בלייבען נאָר טאַטע־מאַמע, שווער און שוויגער און נאָך א פּאָר עלטערע.)

דער רב. איהר וועט דאָך נישט פאראיבעל האָבען, וואָס איך האָב פארכאפּט מיט זיך די רביצין אויך.

די רביצין. איך האָב איהם געזאָגט: וואָס איז עפּעס מיין נשמה פון קלאָטשע?

דער גביר. און איך האָב עס אויך געטאָן נישט גע־פרעגטערהייט.

די גבירה. איך האָב געזאָגט: ניש'קשה, מי וועט מיך נישט ארויסטרייבען.

די חזנטע. און איך האָב געזאָגט: ווי וועט מען זיך עפּעס בעגעהן אָהן אזא מבינטע אויף מוזיק ווי איך?

נחמן. אלע אָנגעלעגטע געסט. איך וועל אייך פאַרשטעלען מיין פרוי: מיסיס ריסקין — אויפ'ן אמעריקאנער אופן, העהעהע... מיין טאטע, מיין מאַמע...

דער רב. מי וויים, מי וויים... איז דאָס די מאַשינע? אָט דאָס קעסטעל? (זיי שטעלען זיך אַרום טיש און בעקוקען און בעטאַפּען און בעוואונדערן דעם פּאָנאָגראַף.)

דער חזן. אַט דאָס קעסטעל זינגט ווי אַ חזן מיט משוררים, זאָגט עברי?

די רביצין. איך האָב געמיינט, דאָס איז עפּעס אַ גרויסער קאַסטען, און דער חזן מיט די משוררים געהען אריין...

נחמן (האָט אריינגעשטעלט אַ רעקאָרד). דער חזן אין קעס־טעל וועט יעצט זינגען מיט זיין כאָר „השכיבנו“.

דער חזן. „השכיבנו אבינו לשלום“? וועמעס? פּיטשע דעם חזן׳ס? (דער פּאָנאָגראַף העבט־אָן, די געסט שרייען אַזש נאָר אויס ביי די ערסטע טענער.)

דער חזן. אַי טאַקע „השכיבנו“! וואָרט: פּיטשעס? זול־צערס? דעם בעלזערס?

די חזנטע. אַי, קרוינעלעך מיינע! הערט נאָר! אַ כאָר! טאַקע אַ חזן!

די גבירה. דאָס דאַווענט׳אַך טאַקע!

דער רב (פרום). ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם שהחיינו והקימנו והגיענו לזמן הזה! (טשמאָקעט מיט די ליפּען פאר התפעלות.)

די רביצין (העבט־אָן צו קוקען אונטער׳ן טיש, ווי זי וואָלט דאָרטין עמיצען געזוכט, און בעטראַכט פאַרשעמדיג נחמנ׳ען, צו קומען נישט די טענער אַרויס פון איהם).

דער חזן (ענטציקט, צושאָקעלט זיך און וויל איבערכאַפּען אַ שטעלע). אַי־אַי־אַי, והושיענו...

דער גביר. שאַ!

דער חזן (פערבייסענדיג די אונטערסטע ליפּ, מאַכט־צו די אויגען, שאָקעלט זיך און שאָקעלט אין דער הויך מיט׳ן רעכטען צייג־פינגער און דערנאָך צואיקעט ער זיך גאַנץ התפּעלות׳דיג). אַי־אַי־אַי!...

די חזנטע (לעגט איהם אַרויף אַ האַנד אויפ׳ן מויל).

דער חזן (הערט נישט אויף צו שאָקלען זיך, ביז דער פּאָנאָ־גראַף הערט־אויף. יעמאָלט עפּענט ער אויף די אויגען). אַי, אַי, אַי... מילא, דער חזן ווי דער חזן. איך האָב שוין געהערט חזנים... איך האָב געהערט פּיטשען אַליין... איך אַליין, ווען איך האָב נאָר אַ

ביסעלע פון די אויבערסטע טענער, און ווען איך האָב נאָר דערצו א ביסעלע פון די אונטערסטע טענער...

די חזנטע. און א ביסעלע פון די מיטעלסטע און א ביסע־לע צווישען די אויבערסטע און די מיטעלסטע און צווישען די מיטעלסטע און די אונטערסטע...

דער גביר. אי, איך האָב מורא, אז ימים נוראים וועלען מיר בעסער אוועקשטעלען דעם פּאַנאָגראַף ביים עמוד.

דער חזן. און ווי, אויב דער דאָ האָט געזונגען אָהן א היטעל?

דער רב. פּלאי פּלאים! איך קאָן גאָרנישט רעדען. שטעהט זיך א קעסטעל, און פון קעסטעל געהט ארויס א שטימע, א סך שטימען, א חזן מיט משוררים, און זינגען זיך א תפלה, טאַקע אויף גוטער עברי, אויף פּשוטער עברי... נסים! מעשי בראשית!

די רביצין. איך זוך אלץ אונטערן טיש — צו איז מען עפּעס דאָרטין נישט בעהאַלטען.

די שוויגער. גאָט איז מיט אייך! וואָס רעדט איהר עפּעס, רביצין!

נחמן (ארויסלעגענדיג א נייעם רעקאָרד). יעצט וועט איהר אָבער הערען א נייעם „רצה“ — אויפ'ן קאָפּ צו שטעלען זיך! (דער פּאַנאָגראַף העבט־אָן. פּלוצלונג א געשריי אין גאַס, א טומעל, א ליאַרם.)

ליבע. אָי, וואָס קאָן עס זיין?

נחמן (שטעלט־אָב דעם פּאַנאָגראַף און טראָגט איהם אויף גיך ארויס אין אן אַנדער צימער).

דער משוגענער (רייסט זיך אריין אין שטוב). איך בין אויך א פּאַניע גראַף... איך בין א פּאַניע גראַף... איך בין א גראַף א פּאַניע... אָט קאָן איך אויך זינגען... („דרעהט זיך אָן“ און צוזינגט זיך מיט משונה'דיגע קולות.)

נחמן (ארייגקומענדיג צוריק, און נאָך עטליכע מאָנסביל וואר־פען איהם אַרויס).

די גבירה. איך בין אזוי דערשראָקען.

ליבע. עס ציטערן מיר הענד און פיס.

ווייבער. טפו!

דער גביר. דערוויילע איבערגעריסען אין מיטען.

דער חזן. אי־אי־אי...

דער רב. פּלאי פּלאים! פּלאי פּלאים!

די חזנטע. קאָן מען אפשר ווידער אריינטראָגען דעם חזן אין דעם קאסטען?

נחמן. פארפאלען. צוגעמאַכט איז שוים צוגעמאַכט. עס ווערט נישט אזוי לייכט אויפגעעפענט. מען דארף שוים אויך אוועקשיקען דעם עולם פון ארום די פענסטער. (עפענט אויף אַ פענסטער און רופט ארויס:) איהר קאָנט זעך שוים צוגעהן. מעהר'ט שוים נישט זינגען. פארשלאָסען שוים. (מאַכט צוריק צו דאָס פענסטער, אין דרויסען רוישט זיך אַ ביסעל, קולות, געלעכטער, ביז מען צוגעהט זיך. אויך שטוביגע געסט הייבען־אָן אַוועקצוגעהן, צואווינשענדיג „אַ גוטע וואָך").

דער רב. א דאַנק אויך דערפאר. (שטעהט־אויף.) אז איהר וועט מיך איינלאַדען נאָך אַ מאָל, וועל איך זאָגען א דאַנק.

די רביצין (געהט־צו צום טיש און קוקט אַרונטער). איך קאָן מיר אַלץ נישט גלויבען. — אפשר האָט עס רב נחמן געזונגען מיט'ן בויך? (געלעכטער.) פאראַן דאָך אַזעלכע...

דער חזן. איך בין אַ בעלן אויסצולערנען דעם „השכיבנו" און דעם „רצה" — אַ שאָד דעם „רצה" נישט אויסגעהערט. איך וועל נאָך מוזען הערען און הערען. דער חזן ווי דער חזן, אָבער דער כאָר, דער כאָר! ווען איך האָב אזא כאָר און ווען איך האָב די אויבערסטע טענער...

די חזנטע. און, אָי, ווען איך האָב דעם קאסטען פאר א מאַן!

דער רב. איהר'ט שוים אונז אין שול אָנדערצעהלט, ווי עס לעבען אונזערע אידען אין אמעריקא. איך וואָלט געוועזען א

בעלן צו הערען נאָך און נאָך. אָבער איהר מוזט זיין ‏‏געגוג מיר פון דער רייזע. נעכטען פארנאכט געקומען, און מסתמא זיך ‏‏געגוג אָנגערעדט פאר דער צייט. און איך האָב נאָך אויך אַ סך וואָס צו טאָן היינט. מאָרגען נאָכ׳ן דאַווגען, אַז איהר וועט האָבען צייט, זאָלט איהר מיך דערמאָנען, אַז איך האָב געוואָלט ביי אייך וואָס פרעגען.

נחמן (אַ ביסעל אונגעדולדיג). שור... שור...

דער רב. וואָס׳ט איהר געזאָגט?

נחמן. געווים, געווים...

דער רב. ביי אונז איז „שור“ אַ נאָמען, ביי זיי איז „שור“ געווים. איז זאָל זיין שור, אָבי געווים. אַ גוטע וואָך אייך.

די רביצין. אַ גוטע וואָך און אַ שיינעם דאַנק. דאָס איז דאָך נישט עפּעס קיין כישוף, ר׳ נחמן? איך מיין, איך ווייס... וואָס קאָן מען נישט מיט כישוף אויפטאָן!

דער רב. כישוף וועט דאָך קיין תפלות נישט זאָגען.

די חזנטע. זאָל זיין כישוף, אָבי עס איז שיין. אַ גוטע וואָך אייך.

דער חזן. אײ־אײ־אײ! אח! אח! נאַ! אַ גוטע וואָך. (זיי געהען אַוועק.)

דער גביר. און איך געה נישט אַוועק, ווייל איך וויל מיט אייך עפּעס רעדען.

נחמן (אונגעדולדיג, וואַרפט אַ בליק צו דער צימער־טיר).

דער גביר. געשעפט, און איך האָב פיינט אַבצולעגען געשעפט.

נחמן. אַ מינוט נאָר, איך דאַרף עפּעס זאָגען מיינע ברידער אין דעם אַנדער צימער. (געהט אַרויס.)

דער גביר. אין אמעריקא האָט מען עס געשעפטען! אַ יעדער איינער מוז אַ פאָהר טאָן אין אמעריקא. דאָרטין קאָן מען זיך אַ לערן טאָן, עפּעס אַ כאַפּ טאָן. אַי, אמעריקא! די גרעסטע מיליאָנערען! און אַלץ אויף דאָלער! איהר פערשטעהט אַן ענין?

אז דאָרטין האָט איינער א מיליאָן, איז דאָך דאָ צוויי מיליאָן! איהר פערשטעהט עפּעס אַ חילוק? אז איך האָב ביי מיר יעצט אין קעשענע הונדערט רובעל, איז אַז איך קום אין אמעריקא, איז עס ערסט פופציג — איהר פערשטעהט עפּעס אַ חילוק? איך וועל דאָך אַ קבצן. און פערקעהרט, אַז איך האָב הונדערט דאָלער אין קעשענע און קום אַהערצו, האָב איך צוויי הונדערט רובעל — איהר פער־שטעהט אַ געשעפט? אי, אמעריקא!

נ ח מ ן (קומט אריין און מאַכט־צו הינטער זיך די טיר). איך בין אפילו זעהר מיד...

ד ע ר ג ב י ר. אויב איהר'ט זעך אָבזאָגען צו רעדען גע־שעפט, ווייל איהר זייט מיד, זייט איהר קיין געשעפטסמאַן נישט. אַן אמעריקאנער געשעפטסמאַן איז זיכער קיינמאָל נישט מיד.

נ ח מ ן. דאָס וויל איך דאָך טאַקע זאָגען: איך בין אפילו זעהר מיד — ערסט נעכטען געקומען און אַ שווערע רייזע געהאַט — אָבער ווייל עס האַנדעלט זיך אום געשעפט, איז ניטאָ קיין טענות, נאָר האָב איך האַלט אויף אמעריקאנער שטייגער: אַ וואָרט, אַ וואונק — אָבגערעדט.

ד ע ר ג ב י ר. אָבער גלויב איך נישט, אַז אין אמעריקא מאַכט מען אָפּ געשעפטען פאר אַ פולער שטוב מיט מענשען.

ד י ש ו ו י ג ע ר. דאָס מיינט מען שוים אונז.

ד ע ר ש ו ו ע ר. וועלען מיר זיך אָפּטראָגען. (טאַטע־מאַמע, שווער און שוויגער און די איבריגע געסט העבען זיך אויף פון די ערטער, ווינשען־צו אַ גוטע וואָך און געהען אַוועק, די פרויען פון די פינף שומרים געהען אריין צו זייערע מענער. ליבע זעצט זיך צו צו דער גבירה.)

ד ע ר ג ב י ר. אונזערע ווייבער קאָנען שוין דאָ בלייבען, מילא.

נ ח מ ן (נערוועז, נעמט ארוים אַ פּאַפּיראָס, פעררויכערט, וויל בעהאַלטען צוריק דעם פּאָרטסיגאַר, כאַפּט זיך און טראָגט איהם אונטער צום גביר). איהר רויכערט?

ד ע ר ג ב י ר. ניין. וואָס איז דער שכל פון רויכערן?

גלאַט ארויסוואַרפען געלט. — נאַ, זאָגט מיר נאָר אקאָרסט, וואָס דענקט איהר צו טאָן מיט אייער מאַשינע.

נחמן. ביזנעס, געשעפט.

דער גביר. מיר דאַרפט איהר נישט איבערזעצען „ביז־נעס". ווי ווילט איהר אָבער מאַכען די ביזנעס?

נחמן. פשוט.

דער גביר. פשוט! איך פאַרשטעה „פשוט", אָבער ווי פשוט?

נחמן. איך האָב געבראַכט א מאַשינע, וועלכע זינגט און שפּיעלט — גיט אָפּ קאָנצערט. און דאָ איז פאַראַן אן עולם, וועל־כער האָט ליעב צו הערען, ווי מען זינגט און שפּיעלט — ווי מען גיט אָפּ קאָנצערט, זיינען מיר א שידוך.

דער גביר. אמת, אמת. ווילט איהר, הייסט עס, דינגען דאָ א קראָם, מאַכען א מין טעאַטער...

נחמן. איך וועל שוין זעהן.

דער גביר. און איהר ווילט בלייבען דאָ די גאַנצע צייט?

נחמן. אפשר וועל איך ארויספאָהרען אויך אין די ארומיגע שטעדטלעך, וואו קיין פאָנאָגראַפען זיינען נאָך ניטאָ.

דער גביר. ארומפאָהרען אויך. איך האָב מיר אזוי גע־דענקט. ארומפאָהרען אויך. ווען דאָ ווערט שטיל, ווערט צוגע־געסען, דאַרף מען זיך דורכפאָהרען, און אז מען קומט צוריק, איז מען דאָ ווידער ניי. נישט אזוי?

נחמן. דאָס איז, וואָס איך רעכען.

דער גביר. זיינען מיר, הייסט עס, איינשטימיג.

נחמן. וואָס אָבער איז אייער געשעפט?

דער גביר. אָט וועלען מיר עס טאַקע יעצט א רעד טאָן. מיט וואָס איז אייער געשעפט א געשעפט — אָדער, ווי איהר האָט געזאָגט, מיט וואָס איז עס א שידוך? ווייל איהר האָט די מאַשין, וועלכע זינגט, און דער עולם וויל הערען זינגען. ווי אָבער, אז עס איז פאַראַן נאָך א מאַשין און נאָך א מאַשין? איז שוין דער

שידוך נישט קיין גאַנצער שידוך. איז שוים דאָס געשעפט צו־פּאַטשקעט. און אַז די אַנדערע מאַשינען פאַרקאַפען אייך דעם וועג אין די אַנדערע שטעדטלעך, איז דאָך דאָס געשעפט אַ־ודאי צו־פּאַטשקעט. האָט איהר עס פאַרשטאַנען?

נחמן. איך ווייס נישט, וואָס איהר זייט אויסען. — געהט איהר אויסשרייבען אַנדערע פּאַנאָגראַפען?

דער גביר. אַי, איהר האָט אַ גוטען קאָפּ אויף די פּלייצעס!

ליבע (קרעכצט).

נחמן. איז וואָס דאַרפט איהר עס מיר דערצעהלען?

דער גביר. ווייל איך בין אַן עהרליכער מענש. אַנשטאָט צו זיין אייער קאָנקורענט, וויל איך זיין אייער שותּף.

נחמן. שותּף? אויף וואָס דאַרף איך אַ שותּף?

דער גביר. וועל איך זיין אייער קאָנקורענט. אויף וואָס דאַרפט איהר אַ קאָנקורענט? — וויפיעל רעכענט איהר צו מאַכען איינטריטס־געלט?

נחמן. וויפיעל? צוואַנציג קאָפּיקעס — פינף און צוואַנציג קאָפּיקעס. קינדער צעהן קאָפּיקעס.

דער גביר. און דער קאָנקורענט קאָן עס מאַכען ביליגער. איהר פאַרשטעהט אַליין, איך האָב אַ קראָם ביי מיר אין מויער, איך דאַרף קיין דירה־געלט נישט צאָהלען...

נחמן. איז ווי ווילט איהר זיין מיין שותּף?

דער גביר. מיר'ן זיך טיילען.

נחמן. וויפיעל געלט וועט איהר אַריינלעגען?

דער גביר. געלט אַריינלעגען? אויף וואָס דאַרפט איהר געלט? ביינק אַריינשטעלען? דירה־געלט צאָהלען? דאָס וואָלט איהר דאָך סיי־ווי־סיי.

נחמן. איז וואָס זייט איהר פאַר אַ שותּף?

דער גביר. אָט מיט דעם, וואָס איך וועל נישט זיין קיין קאָנקורענט.

נחמן. און דערפאר ווילט איהר א הילף?

דער גביר. פארשטעהט זיך. ווען איך בין אייער קאָנ־קורענט, איז הלואי מאכט איהר אויס די העלפט, וועלכע וועט איך בלייבען.

נחמן. הםםם...

דער גביר. איהר וועט ביי מיר דינגען די קראָם. איך וועל אייך זי אוועקגעבען זעהר ביליג, ביליגער, ווי זי איז געגאנגען.

נחמן. און אז איך וועל נישט וועלען?

דער גביר. וועל איך אויסשרייבען אפילו עטליכע מאַ־שינען.

ליבע. איהר האָט דאכט זיך גענוג אייערע אייגענע גע־שעפטען!

דער גביר. אין געשעפטען איז ניטאָ קיין גענוג. אָט ער ווייס, ווי עס פיהרט זיך אין אמעריקא.

ליבע. דאָס געשעפט איז דאָך אייך אפילו נישט איינ־געפאלען.

דער גביר. און מיינט איהר, אז איך האָב אויסגעטראכט מיינע אנדערע געשעפטען? ווער קוקט אויף דעם, ווער עס טראכט אוים? געשעפט איז געשעפט. באווייזט זיך א ניי געשעפט, ווערט עס א רשות הרבים, ווער עס האָט געלט, קאָן זיך פאר איהם נעמען.

ליבע. אָבער ארויסרייסען דעם ביסען פון מויל!

דער גביר. געשעפט! און אז איהם זאָל זיך פארוועלען פארכאפען מיינע געשעפטען? אפשר קאָן ער זיי פיהרען בעסער פאר מיר. דאָך פאָרט אַן אמעריקאנער.

א ברודער (קומט אריין). הער, דאָס מוז דאָך נעמען א סוף. מיר קאָנען דאָך נישט די גאנצע נאכט...

נחמן. קומט אלע אריין.

דער ברודער. אלע? איהם אויך אריינברייננגען?

נחמן. נו וואָס דען? (שרייט אריין אין דאָס צווייטע צימער.) קומט אלע אריין! ברייננגט איהם אריין!

דער גביר. ווען מען דאַרף מען עס אריינברייננגען? ווילט איהר אפשר דעם פאָנאָגראַף?...

די גבירה (בעאונרוהיגט). מיר וואָלטען בעסער געגאַנגען אַ היים. (די שומרים און זייערע ווייבער קומען אריין מיט דעם מסור.)

דער גביר. ער? וואָס'ט דאַ געטאָן דער חברה־מאַן?

נחמן. ער'ט אויך געוואָלט ווערן אַ שותף.

דער גביר. ער?

נחמן. פאַר וואָס נישט? אַז נישט, האָט ער געזאָגט, וועט ער מיך מסר'ן.

דער גביר. אַ טייערע סחורה! מע'ט זיך מוזען נעמען צו איהם — —

נחמן. דאָס האָב איך שוים. איהר וועט גלייך זעהן, ווי ער וועט מיר אונטערשרייבען אַ פּאַפּיער, וועלכע וועט איהם צוהאַלטען זיין צונג. (נעמט ארויס דעם רעוואָלווער.) זעץ דיך, רב בחור, און שרייב! (די גבירה שפּרינגט אויף פאַר שרעק פאַר'ן רעוואָלווער, דער גביר ווערט אויך אונרוהיג, די שומרים זעצען אַוועק דעם מסור נישט גאָר איידעל און צווינגען איהם אריין די פען אין האַנד.) און זעה, אַז די האַנד זאָל ביי דיר גיין יעצט שנעל, אָדער איך וועל זי דיר מאַכען מיט אַ פּאָר פינגער ווייניגער. דו ווייסט שוים, וואָס דו האָסט צו שרייבען. דו באָטסט מיר אָן פאַלשע אסיגנאציעס. (צו די שומרים.) קוקט איהם נאָך, וואָס ער שרייבט. ער זאָל נישט דאַרפען צווייטמאָל איבערשרייבען. איך האָב יעצט נאָך אַן עסק. (צום גביר מיט'ן אָנגעשטעלטען רעוואָלווער.) איהר וועט זיך מיר אויך אַוועקזעצען און שרייבען.

די גבירה. אוי, וועה איז מיר! אוי, איך מאַך אַ געשריי...

נחמן. זייט איהר אַ דערשאָסענע. איהר פאַרשטעהט, איך בין אַן אמעריקאַנער, איהר'ט עס אַליין געהערט פון אייער מאַן.

דער גביר (מבולבל). וואָס זאָל איך שרייבען?

נחמן. איהר זעצט זיך צוערסט, וואו איהר זייט געזעסען. אַט דאַ ביים טיש. ליבע, ברייננ נאָך אַ פּען.

ליבע (געהט ארויס.)

נחמן (צו דער גבירה). און איהר זעצט זיך אויך, וואו איהר זייט געזעסען. און זיצט שטיל, קיין פּיפּס זאָל מען פון אייך נישט הערען. איהר זעהט אין רעוואָלווער זעקס לעכער? דאָס איז פאר זעקס קוילען. איהר פארשטעהט, וואָס דאָס מיינט?

די גבירה. אָי, איך וועל דאכט זיך באלד חלשען! אָי, איך וועל מיך דאכט זיך באלד צושרייען אין מיינע ספּאזמעס!...

נחמן. חלשען מאָגט איהר, שרייען אין ספּאזמעס טאָרט איהר נישט. זיצט און זייט שטיל. ער'ט מיר אונטערשרייבען דאָס פּאַפּיער, וועט איהר אָוועקגעהן בשלום א־היים. (צום מסור.) און דו קוק נישט אהער, ענדיג!

ליבע (ברייננט אריין אַ פּען).

נחמן (איבערגעבענדיג די פּען דעם גביר און אונטעררוקענדיג איהם אַ בויגעלע פּאַפּיער). שרייבט, אז אויב אין שטאָדט וועט זיך באווייזען נאָך א געשעפט מיט א פּאַנאַגראַף, דארפט איהר מיר באצאָהלען פינף טויזענד רובעל.

דער גביר. אפילו ווען נישט מיינס א געשעפט?

נחמן. אפילו ווען נישט אייערס. און דינגט זיך נישט, שרייבט! פון גרויסער פאָרזיכטיגקייט וועגען וועט איהר מיר נאָך אונטערשרייבען א וועקסעל אויף פינף טויזענד רובעל.

דער גביר. איך וועל קיין וועקסעל נישט אונטערשריי־בען, בשום אופן נישט.

נחמן (אונטעררוקענדיג דעם רעוואָלווער). איהר וועט נישט?

די גבירה. אָי, אָי, אָי!...

נחמן. שטיל דאָרטין! (צו אַ ברודער.) געה, לייזער, קריג ערגעץ־וואו א וועקסעל.

דער ברודער. וואו קאָן איך יעצט?

נחמן. כאַטש פון אונטער דער ערד, געה! ביי הירש דעם וואָכערניק וועסטו שוין קריגען.

דער ברודער (געהט אַוועק).

דער גביר. דאָס איז דאָך פּשוט גאַזלאָוואָיע.

נחמן. שרייבט און רעדט נישט. וועגען גאַזלאָוואָיע וועלען מיר זיך דורכרעדען שפּעטער.

דער מסור (צום גביר). מיר מאָגען ביי איהם ביידע די הרובעס הייצען.

נחמן. ענדיג!

דער מסור. איך בין שוים פּארטיג. נאָר מיין נאָמען אונטערשרייבען. אזא סקאַנדאַל.

נחמן. נא, גיב נאָר אהער, וואָס דו האָסט דאָרטין אָנגעשריבען. (נעמט ביי איהם דאָס פּאַפּיער. צום גביר.) און איהר זייט אויך פאַרטיג? (נעמט ביי איהם צו דאָס פּאַפּיער.) זיצט, ריהרט זיך נאָך נישט פון אָרט, איהר דאַרפט נאָך אונטערשרייבען א וועקסעל.

דער מסור. איך קאָן שוים אַוועקגעהן?

נחמן. ביז איך וועל איבערלייענען. דערנאָך קאָנסטו צו אַל' די שווארצע יאָהר. (איבערקוקענדיגביידע שריפטען.) גוט, כשר. (איבערגעבענדיג זיי ליבען.) לעג זיי צונויף און לעג זיי מיר אריין דאָ אין בוזים־קעשענע. ליבע, איך וועל ווערען א גרויסער געשעפטסמאַן. איך האָב גאָר אַליין נישט געוואוסט, וואָס איך קאָן. הערסטו, איך בין עפּעס גאָר אַן אַנדער מענש. ווי זאָל איך זאָגען? איך בין עפּעס אויסגעוואַקסען... איך בין עפּעס...

דער ברודער (לויפט אריין.) פּאָליציע געהט אהער! (גרויסע איבעררא שונג.)

ליבע און די איבעריגע ווייבער (אָהן דער גבירה). אָי!

דער מסור. נישט איך געמסרט? פע־ע־ע!...

פאָרהאַנג.

דער גאָט פון דעם רייך געוואָרענעם וואָלהענדלער

קאָמעדיע אין איין אקט.

(26 יוני, 1918.)

פערזאָנען:

דער רייך געוואָרענער וואָלהענדלער.
זיין פרוי.
זיין זוהן.
זיין טאָכטער.
זיין מוטער.
דער אָרגאַניסט.
דער אויבערדיענער.
א קאַפּעלדיענער.
דער דאָקטאָר.
געסט. דיענער. קאַפּעלדיענער.

אַ גרויסער טעמפּעל־זאַל אין דעם וואָלהענדלער׳ס הויז, העל בעלויכטען פון אונצעהליגע עלעקטרישע לאָמפּען אויפ׳ן באַלקען און אויף די ווענד. דיל, באַלקען און ווענד זיינען בעשלאָגען מיט וואָל: די דיל מיט ערד־פארביגער וואָל, די ווענד מיט העל־ראָזער, דער באַלקען מיט הימעל־בלויער. אין דער הינטערסטער וואנד אַ מיט פורפור־רויטער וואָל בעדעקטער גרויסער, ברייטער ארון קדש, צו וועלכען עס פיהרען ארויף עטליכע טרעפּלעך און אַ גרויסע בימה־פּלאטפאָרם. דער פּרכת און דער כפּרת זיינען פון ווייסער וואָל, אויסגעלעגט פון מגן דוד׳ס פון פורפור־רויטער וואָל. איבער דעם ארון קדש די רעהרען פון אַ גרויסען אָרגאַן, בעצויגען מיט ווייסער וואָל. אַ ברייטער פּאַס גרינע וואָל פיהרט אין מיטען איבער דער גאַנצער לייננ פון דעם זאַל און פון יעדער טיר ביז ארויף צום אָרון קדש, בעדעקענדיג די טרעפּלעך און די בימה. פון ביידע זייטען פון דעם אָרון קדש, אָבגערוקט פון דער הינטערוואנד, רעכטס און לינקס פון די ווענד ביז צום גרינעם פּאַס, רייהען פון קורצע פּיערזיציגע ביינק, וועלכע זיינען בעדעקט מיט טונקעל־בלויער וואָל. צוויי גרויסע טירען, מיט דונקעל־בלויער וואָל בעשלאָגען, רעכטס און לינקס. — דער וואָלהענדלער, אַ מאַן אין די מיטעלע יאָהרען מיט אַ גרויסען ברייטען באָרד, און דער אָרגאַניסט, גלאַט ראזירט און גרוי, שטעהען נישט ווייט פון דער רעכטער טיר, אין געשפּרעך פערטאָן.

דער וואָלהענדלער. יא, יא, איהר האָט׳ס דערגרייכט. דאָס מוז איך זאָגען. וואָס אמת איז אמת. אייער מוזיק דיענט גרויסארטיג מיינע צוועקען. זי איז צום דאווגען און צום טאנצען. מיינט איהר נישט, אז איך בין משוגע מיט מיין טאנצען? קום איך אייך נישט נאַריש פאָר?

דער אָרגאניסט. הםם! ׳ך מיין! פאר וואָס? איך פערשטעה אייך גאנץ גוט. די אלטע גריכען האָבען אויך געטאנצט, ווען זיי האָבען זייערע געטער געדיענט.

דער וואָלהענדלער. אויך דוד המלך האָט געטאַנצט הינטער דעם אָרון. ווען מען פיהלט גאָט זעהר נאָהנט, וויל מען איהם דיענען מיט אלע אברים. מוז מען טאַנצען. נאַטירליך, מאַך איך עס נאָך נישט אַזוי שיין. געוויס וואָלט אַ געניטער טענצער געמאַכט עס שענער, גראַציעזער. איהר וועט טאַקע זיין אזוי גוט און איבערשפּיעלען מיר פון סוף, אָט פון דאָרטין, וואו דער טאַנץ ווערט הייסער, וואַרמער. איהר ווייסט דאָך — טראַ־ליליאַליטאַליאַליאַטאַטאַלי... ווילט איהר אַזוי גוט זיין?

דער אָרגאַניסט. מיט פערגניגען!

דער וואָלהענדלער. איך וויל נאָך מאַכען אַ קליינע רעפּעטיציע. דורכטאַנצען נאָך אַ מאָל דעם סוף.

דער אָרגאַניסט (פערבויגט זיך און געהט אָב דורך דער רעכטער טיר).

דער וואָלהענדלער (העבט־אויף די הענד און העבט־אָן צו מאַכען פרומע טאַנצבעוועגונגען מיט גלאָצען און שליעסען די אויגען. צוערסט לאַנגזאַם, דערנאָך לעבהאַפטער. — דער אָרגאַן העבט־אָן. עס איז אַ וואַרמער חסידישער טאַנץ, פול דבקות און עקסטאַזע. דער וואָלהענדלער טאַנצט יעצט התלהבות׳דיג מיט אלע אברים, בעוועגענדיג זיך איבער׳ן גרינעם וועג צום אָרון קדש. דערגרייכענדיג די בימה, ווערט ער שטייף, פערגליווערט, און געהט לאַנגזאַם ארויף די טרעפּלעך. דער אָרגאַן הערט אויף. דער וואָלהענדלער שטעהט אַ ווײַלע שטיל, דערנאָך דרעהט ער זיך לאַנגזאַם אום, שטרייננג און שטייף, דרעהט מיט קאָפּ און אויגען פון רעכטס נאָך לינקס און פון לינקס נאָך רעכטס, ווי ער וואָלט בעטראַכט דעם עולם אויף די בײַנק, און מאַכט דאַן מיט די ליפּען ווי צו האַלטען אַ רעדע).

דער אָרגאַניסט (קומט ארויס).

דער וואָלהענדלער (ווענדט זיך צו איהם). מיט יעדעם מאָל געהט עס בעסער. ווען איך האָב נאָך מעהר צייט, וואָלט איך מיך נאָך בעסער אריינגעאַרבייט. אָבער וואָס מאַכט עס אויס? צום ערסטען מאָל וועלען זיי דאָך סיי ווי סיי לאָבען, ווי גוט איך

זאָל עס נישט מאכען. שפּעטער וועלען זיי אלע מיט מיר מיטטאנצען. איך האָב געזאָגט: היינט, וועט עס היינט שוין זיין. היינט ענטדעק איך מיך, היינט זאָג איך מיך ארויס. איהר געהט יעצט צום אָרגאן און זייט בערייט. אייער מוזיק וועט זיכער געפינען חן. הלואי נעם איך אזוי אוים מיט מיין טאנץ. געהט יעצט און שיקט מיר אריין דעם באַטלער.

דער אָרגאניסט (מיט פערבויגונג.) פיעל ערפאָלג. (אָב דורך דער רעכטער טיר.)

דער וואָלהענדלער (נעמט ווידער אָן זיין שטרייגגע, שטייפע מינע און העבט־אָן צו בעוועגען די ליפּען).

דער אויבערדיענער (קומט אריין פון דער רעכטער טיר).

דער וואָלהענדלער (געהט אראָב פון דער בימה). מיר געהען אָנהעבען גלייך. איך געה מיך אָנטאָן, איהר לאָזט אריין די געסט. (אָב דורך דער רעכטער טיר.)

דער אויבערדיענער (עפענט פערנאַנדער די לינקע טיר און רופט אוים). מען איז איינגעלאדען אריינצוקומען. (עס טרעטען אריין צוערסט עטליכע קאַפּעלדיענער, דערנאָך בעווייזען זיך די געסט, אַלע אין גאַלאַ־קליידער, געפיהרט פון דעם וואָלהענדלער׳ס פרוי, מוטער, זוהן און טאָכטער. ווען אַלע געסט קומען אריין, מאַכט דער אויבערדיענער צו די טיר און געהט אַוועק צו דער רעכטער טיר און שטעהט אויף דער וואַך פאַר איהר. די קאַפּעלדיענער צייגען די געסט זייערע פּלעצער אויף די בייַנק און שטעלען זיך אַוועק פאָרנט פון ביידע זייטען. די פרוי, די מוטער, דער זוהן און די טאָכטער ווערען אוועקגעזעצט אויף דער פאָרנסטער באַנק לינקס. — אַלע קוקען זיך ארום מיט ערשטוינונג.)

שטימען. אַ שול! — אַ טעמפּעל! — אַן אָרון קדש! — אַן אָרגאן! — און אלץ מיט וואָל בעדעקט!

אַ גאַסט (הינטער דעם וואָלהענדלער׳ס פרוי). וואָס זאָל עס בעדייטען?

די פרוי. איך בין פּונקט אזוי ערשטוינט ווי איהר.

דער גאַסט. האָט איהר אויך נישט געוואוסט?

די פרוי. איך שעם מיך צו זאָגען. ער האָט מיך קיינמאָל אהער נישט אריינגעלאָזען און קיינמאָל מיר נישט אויסגעזאָגט, וואָס ער בויט דאָ. איך האָב איהם אויך געמוזט געבען מיין וואָרט, אז איך וועל קיינמאָל אהער־צו נישט אריינקוקען, און מאָג איך שטאַרבען פאר נייגיריגקייט. ער האָט מיר אָבער געמוזט דערפאר גוט בעצאָהלען.

די טאָכטער. אויך מיר האָט ער גוט געצאָהלט.

דער זוהן. איך האָב אָבגעלעקט א ביינדעל. גיסטו מיר נישט אזויפיעל און אזויפיעל, רייס איך אויף דיין סוד. עס פערדריסט מיך, וואָס ער האָט איהם אויפגעדעקט. א צו גוט געשעפט געוועזען.

די מוטער. דאָס איז פאר מיר אן אנגענעמע איבער־ראשונג. אן אייגענע שול ביי זיך אין הויז אויסגעבויט, אן אָרון קדש, ספר תורה׳ס. איך האָב שוין געמיינט, אן עבירה געוועזען די גאנצע טרחה, וואָס מיר האָבען איהם קליינערהייט געוואָלט מאכען פאר א פרומען אידען.

דער גאַסט. איהר זעהט אָבער — אן אָרגאן: א רעפאָר־מירטע סינאַגאָגע.

די מוטער. עס מאכט נישט אויס. איצטער ווייס איך, אז איך וועל האָבען א קדיש.

דער זוהן. ער זאָל נאָר נישט וועלען, איך זאָל געהן אין שול.

די מוטער. וועט דיר זיין שווער דער גאנג? די שול איז דאָך געקומען צו דיר.

די טאָכטער. קאָנסט זיך ריכטען, מאמע, ווידער אויף א כשר קיך.

דער גאַסט. וואו איז ער יעצט?

די פרוי. איך ווייס עס אזוי ווי איהר. זיכער הינטער דער טיר, וואו דער באָטלער שטעהט אויף דער וואך. ער איז זיכער נאָך נישט פארטיג געוואָרען מיט זיין טואַלעט.

דער זוהן. ער וועט מסתמא ארויסקומען אין א טלית.

די מוטער. דו לאָף נאָר פון דיין טאַטען.

די פרוי (שטעהט־אויף און וויל געהן צום באַטלער).

א קאַפּעלדיענער (פערטרעט איהר דעם וועג). ביטע זיצען, נישט ארומגעהן.

די פרוי. איך בין —

דער קאַפּעלדיענער. איך וויים. אָבער דאָך, איהר וועט אזוי גוט זיין און זיך זעצען.

די פרוי. וואו איז דער הערר?

דער קאַפּעלדיענער. איך וויים נישט.

די פרוי. קומט ער באלד ארוים?

דער קאַפּעלדיענער. איך וויים נישט. (ער דריינגט זי צו צו איהר זיץ.)

די פרוי (בייז). וויים נישט! וויים נישט! (זעצט זיך.) באלד וועלען מיר דאָך אלע וויסען, מאָגט איהר אונז דאָך זאָגען!

דער קאַפּעלדיענער. וויים נישט.

דער זוהן. איך קאָן דיך פאר'ן קראגען נעמען און ארויס־טרייסלען פון דיר...

(פלוצלונג הערט־אָן דער אָרגאַן צו שפּיעלען. די טיר רעכטס ווערט וויט פערנאַנדערגעעפענט. עס קומען ארויס צוערסט צוויי מענער, אָנ־געטאָן פון קאָפּ ביז פוס אין רויטער וואָל — אין וואָלענע קיטעל, גאַרטעל, שיך און מיץ — מיט עלעקטרישע פאַקלען אין די הענד; הינטער זיי פיער מענער אין פורפור־רויטער וואָל, וועלכע טראָגען אויף א פורפוררויטען טראָגברעט א ספר תורה, וועלכע איז אָנגעטאָן אין א ווייסען וואָלענעם מענטעל; הינטער דעם טראָגברעט וויעדער צוויי מענער אין רויטער וואָל מיט פאַקלען אין די הענד. צולעצט קומט ארויס דער וואָלהענדלער, אָנגעטאָן אין ווייסער וואָל מיט א ווייסען גארטעל, וועלכער פינקעלט פון דימענטען. די פראַצעסיע פערנעמט זיך אויפ'ן גרינעם וועג צום אָרון קדש. דער אָרגאַן שפּיעלט א געמיש פון סינאַגאָגאַלער, קירכליכער און חסידישער מוזיק. דער וואָלהענדלער בעוועגט זיך צו־

ערסט מיט לאנגזאמע טאַנץ־בעוועגונגען און געהט צולעצט איבער אין דעם התלהבות'דיגען טאנץ. דער עולם בליבט גאנץ ערשטוינט, מיט אָפענע מיילער, מיט אַן אונטערדריקטען „אָי!" באַלד העבט מען זיך אָן איבערצוקוקען מיט פערוואונדערטע בליקען, צולעצט קעמפפט מען מיט לאַכען — דאָ און דאָרטין הערט מען דאָס אויפשיסען פון אַן אונטערדריקטען, פערכאַפּטען געלעכטער. — די מענער מיט דעם טראָג־ברעט געהען ארויף אויף דער בימה און בלייבען שטעהן אין מיטען, די פאַקעלטרעגער בלייבען שטעהן צו צוויי פון ביידע זייטען. דער וואָלהענדלער געהט אריבער אין דער שטייפקייט און שטייגט לאנגזאם ארויף אויף די טרעפּלעך. דער אָרגאַן הערט־אויף צו שפּיעלען, און דער וואָלהענדלער דרעהט זיך אום מיט אַ שטייפער, שטרייגער מינע צום עולם, פון וועלכען אַ סך האלטען די הענד אויף די מיילער, נאָר די פרוי, די מוטער, די טאָכטער און דער זוהן זיצען ווי בענומען.)

דער וואָלהענדלער. מיינע דאמען און הערען, איך האָב אייך פערזאמעלט צו אַ נייעם גאָטעס־דיענסט, וועלכען איך האָב מיר אליין צונויפגעשטעלט אויף צו דיענען דעם גאָט, וועל־בער האָט מיך געמאכט — וועלכער האָט מיך געמאכט צו דעם, וואָס איך בין יעצט.

דער זוהן (שעפּטשעט ארויס). קאָמעדיע!

דער וואָלהענדלער (מאַכט־צו די אויגען, ווי פון וועה־טאָג איבער דער בעליידיגונג, און עפענט זיי באַלד אויף, אָננעמענדיג נאָך אַ שטרייגערע מינע). ווער האָט מיך געמאכט צו דעם, וואָס איך בין יעצט? — ענטפערט: ווער האָט מיך געמאכט צו דעם, וואָס איך בין יעצט?

די פרוי. ווער האָט דיך געזאָלט מאכען צו דעם, וואָס דו ביזט יעצט?

דער וואָלהענדלער. איז דאָס אַן ענטפער?

דער זוהן. דו האָסט דיך אליין געמאכט צו דעם, וואָס דו ביזט יעצט. ביזט אַ „סעלף מייד מען".

ד ע ר ו ו אָ ל ה ע נ ד ל ע ר. פון דיר האָב איך קיינמאָל נישט דערוואַרט, אַז דו וועסט וואהרע געטליכקייט דערקענען.

ד י מ ו ט ע ר. גאָט. גאָט האָט דיך געמאכט צו דעם, וואָס דו ביזט יעצט.

ד ע ר ו ו אָ ל ה ע נ ד ל ע ר (איראָניש). גאָט! וועלכער גאָט? איך בין אַלט יעצט פופציג יאָהר — וואו איז דער גאָט, פון וועלכען איהר אַלע רעדט און וועלכען איהר אַלע האָט אין זינען, געוועזען ביז פאַר צעהן יאָהרען? וואָס האָב איך מיך נישט אָנגעליטען ביז פאַר צעהן יאָהרען? וואָס האָב איך נישט איבערגעטאָן? בין געבאָרען געוואָרען אין אָרמקייט ביי עלטערן, וועלכע האָבען נישט אנדערס ווי געוואָלט מיך מאכען פאַר אַ רב — —

ד י מ ו ט ע ר. הלואי וואָלסטו עס טאקע געוואָרען.

ד ע ר ו ו אָ ל ה ע נ ד ל ע ר. בין עס אָבער נישט געוואָרען. האָב מיך נאָר אָנגעוואָלגערט אין די ישיבות, געגעסען ביי פרעמדע טישען, געליטען הונגער און ארויפגעארבייט זיך צו ווערען אַ העברעאישער לעהרער. בין איך אוועק פון דער היים, געקומען אין אמעריקא, געארבייט אין אַ שאַפּ, געלעהרערט, געוואָרען אַ קאָנטראַקטאָר פון קינדערהויזלעך, אריבער צו אונטעררעק און ענדליך אָנגעהויבען צו האנדלען מיט וואָל. ווער־זשע האָט מיך געמאכט צו דעם, וואָס איך בין יעצט? (שווייגען.)

ד י ט אָ כ ט ע ר (אונזיכער). די וואָל?

ד ע ר ו ו אָ ל ה ע נ ד ל ע ר (דונערט ארויס מיט בעגייסטערונג). די וואָל! (בלייבט שטעהן מיט פערגלייסטע אויגען, מאַכט זיי באַלד צו און לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, ווי אין געבעט. דערנאָך עפענט ער אויף די אויגען און קוקט־אָן דעם עולם אויפגעלעבט, פרוידיג און רעדט ארויס בעגייסטערט שטיל.) די וואָל! דער וואָל־גאָט! (אַ מין שרעק־אויפ־אָטמען געהט דורך אין עולם. די פרוי, די מוטער, די טאָכטער און נאָך עטליכע פרויען כאַפּען זיך מיט אַ האַנד פאַר'ן געזיכט. מענער קוקען זיך איבער.) וואָס זיצט איהר אַלע אזוי דערשראָקען? איהר מיינט, איך רעד עפּעס אויסען וועג. איהר האָט מיך נאָך נישט

פערשטאנען. איך האָב געוואוסט, איהר וועט מיך נישט פער־שטעהן. איך וועל מיך אייך דערקלערען. זייט וויסען, יעדע זאַך האָט זיין אייגענעם גאָט. די מענשען, וועלכע מיר רופען די פּרי־מיטיווע, די ווילדע, זיי האָבען עס געוואוסט. זיי זיינען געוועזען נעהנטער צו דער נאטור און האָבען עס געוואוסט. די געטער האָבען זיך צו זיי ענטפּלעקט. די אידישע מיסטיק האָט דערפון אַ אהנונג געהאַט. זי איז אָבער געוועזען בעאיינפלוסט פון דעם גלויבען אין דעם איינציגען אידישען גאָט און איז נישט דער־גאנגען ביז צום ריכטיגען אמת.

די מוטער. אַי וועה איז מיר, וואָס ער רעדט!

דער וואָלהענדלער. זי האָט געלערנט, אז יעדע זאַך האָט איהר שר אין הימעל. דער אמת אָבער איז, אז יעדע זאַך האָט איהר אייגענעם גאָט. איך האָב איבערגעדיענט אַ סך געטער, און קיינער פון זיי האָט מיר נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט העלפען. נישט דער גאָט פון רבנות און נישט דער גאָט פון לעהרעריי, נישט דער גאָט פון קינדערהויזלעך און נישט דער גאָט פון אונטעררעק. אָבער ווען איך האָב מיך צוגעווענדט צום וואָל־גאָט, האָט ער מיר גלייך געהאָלפען. אין צעהן יאָהר האָט ער מיך געמאַכט פאר אַ פיפציגטויזענדיגען מיליאָנער. (שטייגערט די שטימע מיט אַ מערקווירדיגען אויסדרוק אין די אויגען.) ער האָט מיך אונ־טער זיין שוץ גענומען, ער האָט מיך ווי אויף פליגלען געטראָגען, העכער אַלץ און העכער, העכער אַלץ און העכער —

שטימען (דערשראָקען). אוי, וועה! — אוי, וועה!

דער וואָלהענדלער (ווי אויפגעוואכט). וואָס שרייט איהר דאָרטין „אוי וועה"? איהר בעגרייפט נאָך אַלץ נישט דעם אמת פון מיינע רעד. אָבער איך האָב דעם אמת שוין לאנג בע־גריפען. איך האָב דערקאָנט מיין אמת'ען, מיין איינציגען גאָט, וועלכער האָט מיך געמאַכט צו דעם, וואָס איך בין יעצט, און איך האָב איהם אויסגעבויט אַ טעמפּעל אין מיין הויז און וועל איהם דיענען, ווי איך פערשטעה, אז ער דאַרף געדיענט ווערען. און

איהר אלע, וועלכע זייט פון מיר דורך איהם געהאָלפען געוואָרען, ארויפגעטראָגען געוואָרען אין דער הויך, וועט איהם דיענען, אַזוי ווי איך, מיט מיר צוזאמען, אויב איהר ווילט נישט פון איהם און מיר פערלאָזען ווערען. (דער אָרגאַן הערבט אָן צו שפּיעלען. דער וואָלהענדלער דרעהט זיך אום ווירדעפול צום אָרון קדש, ווערדליג אין עולם הערשט אַ גרויסע אונרוה, און די פרוי ברעכט זיך די הענד. ער שטעלט זיך צווישען אָרון קדש און דעם טראָגבעט, וואָס די טרעגער האָבען אראָבגעלאָזען פון זייערע אַקסלען און האַלטען עס אין דער הויך פון זייערע גארטלען, דרעהט זיך צו צום עולם און הערבט־אויף די ספר תורה.) אָט דאָס איז דער סימבאָל פון מיין גאָט, די פערקערפערונג פון זיין געטליכקייט. (לעגט אוועק די ספר תורה אויף דאָס טראָגבעט, נעמט אראָב פון איהר דאָס מענטעלע, וויקעלט אראָב פון איהר דעם גארטעל, מיט וועלכען זי איז ארומגעבונדען, וויקעלט פערנאַנדער די עץ חיימס און הערבט זי אויף, אַזוי פערנאַנדערגעשפּרייט, פאר ביידע עץ חיימס הויך איבער'ן קאָפּ — אַ ווייסע ראָלע וואָל.) אָט דאָס איז דער גאָט, וועלכער האָט מיך געמאכט צו דעם, וואָס איך בין יעצט! אָט דאָס איז דער גאָט, וועלכען איהר וועט פון היינט אָן און ווייטער דיענען מיט מיר צוזאמען! דורך איהם זיינען מיר יעצט אלע, וואָס מיר זיינען. ער האָט אונז רייך געמאכט. ער האָט אונז שטארק געמאכט. ער, דער גוטער גאָט, דער זיסער גאָט, דער ליעבער גאָט! איהם וועלען מיר ליעבען, איהם וועלען מיר קוסען, איהם וועלען מיר הארצען, איהם וועלען מיר דיענען מיט פרומע טענץ. (ער ארבייט זיך אריין אין אַן אַלץ גרעסערער עקסטאַזע, אריבערשרייענדיג דאָס פאָרטיסימאָ פון דעם אָרגאַן, און צולעצט צוזינגט ער זיך אויף די העכסטע טענער, מאַכענדיג מיט דעם קערפּער טאַנצבעוועגונגען.) נישטאָ קיין גאָט ווי אונזער גאָט, אין כאלוהינו!
נישטאָ קיין האַר ווי אונזער האַר, אין כאדונינו!...

(דער שרעק און די אונרוה אין דעם עולם דערגרייכט די העכסטע שטופע, דאָ און דאָרטען שרייט מען אויף, דאָ און דאָרטען וויינט מען אויף, ביז ענדליך שרייען אלע אוים אויף אַ מאָל. ער איז משוגע!

ער איז משוגע! ער איז משוגע! די טאָכטער ווערט היסטעריש, די פרוי שרייט פערצווייפעלט און ברעכט די הענד, די מוטער רייסט זיך דאָס האָר פון קאָפּ. אַלע זיינען אראָב פון די ערטער און צוזאַמענגענומען זיך אין אַ קנויל, דערשראָקענע, שרייענדיגע, זשעסטיקולירענדיגע, און איבער אלעמען שטייגט דער אָרגאַן מיט זיינע העכסטע טענער. אַליין די מענער אויף דער בימה, די קאַפּעלדיענער און דער אויבערדיענער בלייבען רוהיג אויף זייערע פלעצער אין דעם גאַנצען טומעל.)

דער זוהן (זאָגט עפּעס צו איינעם פון די געסט, וועלכער לויפט גלייך אוועק, און ווענדט זיך צו מוטער, שוועסטער און באָבע, בערוהיגענדיג זיי מיט גלעטענדיגער האַנד, די אויגען נישט אראָבנעמענדיג פון דעם פאָטער, בלייך און אויפגערעגט).

דער וואָלהענדלער (קוקט זיך ארום, ווידער ווי אויפגעוואכט, און שרייט אַרויס). שטיל!! (אָרגאַן און עולם ווערען פלוצלונג שטיל, אָבער דערפאר ווערען דייטליכער דאָס היסטערישע וויינען פון דער טאָכטער, דאָס וועהרופענים פון דער פרוי און דאָס פערצווייפעלטע קרעכצען פון דער מוטער. ער לאָזט לאנגזאם אַראָב די וואָל־ראָלע אויף דאָס טראָגברעט און רופט ווידער אוים.) רוהיג! — וואָס זיינען דאָס פאַר אַ ווערטער? ווי האָט איהר זיך דערוועגט דאָס צו זאָגען? וואָס האָט איהר זיך אַזוי צושריען? וואָס וויינט איהר? וואָס רייסט איהר אויף זיך די האָר? וואָס ברעכט איהר די הענט? וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען? רעדט אַ משוגענער אַזוי ווי איך האָב צו אייך גערעדט? איך האָב דאָך בלויז געוואָלט אייך די אויגען עפענען. פאַר וואָס ווילט איהר נישט פערשטעהן, אז איך האָב אַן אמת בעגריפען, וועלכען איהר דאַרפט אויך בעגרייפען? האָב איך מיך נישט דייטליך דערקלערט? פעהלט עפּעס אין מיין געדאנקענגאנג? האָב איך גערעדט אונזיניגע ווערטער, אָהן קיין שום צוזאמענהאנג? רעדען די פּרעדיגער, די גאָטרופער קלערער פאַר מיר? האָבען זיי בעסערע בעוויזען אלס איך האָב? טראַכט זיך גוט אַריין, זעהט מיך צו פערשטעהן, אָבער זאָגט

נישט, אַז איך בין משוגע. טוט נישט ווי אַלע אַנדערע, וועלכע דערקלערען פאַר משוגע דעם, וועלכען זיי פערשטעהען נישט. אָדער איז אייך בעסער, איהר זאָלט מיך דערקלערען פאַר משוגע? איך גלויב, אַז דאָס איז נישט אין אייערע אינטערעסען. אונזער געשעפט דאַרף מיך נאָך זעהר נויטיג האָבען. נאָך בין איך דער אויסגעוועהלטער ביי אונזער גאָט. פאַר אייך איז דערפאַר גלייכער, איהר זאָלט פאָלגען, וואָס איך זאָג אייך. צוזעצט זיך און הערט, וואָס איך האָב ווייטער אייך צו זאָגען. (דער עולם מיט דער הילף פון די קאָפּעלדיענער צוזעצט זיך אויף די ערטער, דאָך אויפגערודערטע, מיט שרעק אין די אויגען, די פרוי, די טאָכטער און די מוטער קוים איינהאַלטענדיג זיך, דער זוהן קוקענדיג מיט אונגעדולד אויף דער לינקער טיר.) איהר זעהט, אָט דאָס איז דער סימבאָל פון אונזער גאָט. ווייסע וואָל אויף גילדענע עץ־חיימס. ער וועט שטעהן דאָ אין אָרון קדש, אָנגעטאָן אין מענטעלע. ביי אונזער גאָטעסדיענסט מוזען מיר אַלע זיין אָנגעטאָן אין וואָל. אָט אַזוי ווי איך און ווי די מענער דאָ. איך — אין ווייסען, ווייל איך רעכען מיך פאַר דעם כהן גדול. מיר וועלען אָבער האָבען נאָך אַנדערע פארבען, אויסער ווייס און רויט. מיר וועלען איינפיהרען פערשיעדענע מדרגות, און יעדע מדרגה וועט האָבען איהר בעזונדערע פארב. מיר דאַווענען אָהן ווערטער, נאָר מיט טאַנץ. בלויז אַ פּאָר געזאַנגען וועלען מיר האָבען. מיט געזאַנג און טאַנץ נעמען מיר אַרויס אונזער וואָל־גאָט פון אָרון קדש, מיט געזאַנג און טאַנץ טראָגען מיר איהם אַרום... קוקט מיך אַזוי נישט אָן. די וועלט איז גאָטלאָז געוואָרען, ווייל מען האָט פערלאָרען דעם ריכטיגען וועג צו די געטער. איך האָב געפונען מיין גאָט און דעם ריכטיגען וועג צו איהם. ווער וויל געהן מיט מיר אויף דעם ריכטיגען וועג? ווער וויל זיך בעקעהרען צו דעם אמת, וועלכען איך האָב אויסגעפונען? ווער וויל דיענען מיט מיר אונזער אמת'ען גאָט? ווער? ווער? ווער? זעהט, דער וואָל־גאָט האָט אונז רייך געמאַכט! ער האָט אונז אויפגעהויבען פון מיסט און אוועקגעזעצט מיט די פּאָרנעמסטע! ער

האָט אונז העל געמאכט אונזער טאָג, ער האָט אונז אָנגעפילט מיט פרייד און גליק. ער האָט אונז...

דער דאָקטאָר (קומט אַריין, בעגלייט פון דעם גאסט).

דער וואָלהענדלער (האקט אָב זיין רעדען, גלאָצט אויס די אויגען, עפענט ווייט פערנאַנדער דאָס מויל און ברעכט פּלוצלונג ווילד אויס). ווער האָט גערופען דעם דאָקטאָר? ווער האָט געשיקט נאָך דעם דאָקטאָר? — ארויס! אַלע אַרויס! (צו די קאַפּעלדיענער.) טרייבט זיי אַלעמען אַרויס! (דער עולם שפּרינגט אויף פון די פּלעצער און לאָזט זיך צו דער טיר ליַנקס. דער באַטלער און דער קאַפּעלדיענער שטופּען זיי אַרויס און מאַכען צו די טיר.) ארויס! איהר גאָטלאָזע! איהר אונגלויביגע! איהר פעררעטער! איהר אונדאנקבאַרע! ארויס! ארויס! ארויס! (לויפט אַראָב פון דער בימה מיט ווילדע קולות.) ארויס! ארויס! (בעפאָלט דעם באַטלער און די קאַפּעלדיענער, וועלכע לויפען אַרויס נאָך רעכטס, דערנאָך לאָזט ער זיך אַרויף אויף די מענער, וועלכע שטעהען אויף דער בימה. די טרעגער לאָזען אָב דאָס טראָגברעט און אַלע אַכט ענטלויפען זיי נאָך רעכטס. דער וואָלהענדלער דרעהט זיך אין אַ ראָד, פאָכעט מיט די הענד, שטויסט מיט די פיס.) ארויס! ארויס! (בייסט זיך די הענד מיט ווילדען קנורען פון אַ הונד, רייסט אויף זיך דעם קיטעל, שאָקעלט די ביינק. באַלד ווערט ער מיד און אָבגעשפּאנט, אָטעמט שווער, קוקט זיך אַרום, געהט צו צו דער בימה און לאָזט זיך אַראָב פאַר דעם וואָל־גאָט.) גאָטוניו! גוטער גאָטוניו! זיסער גאָטוניו!

דער דאָקטאָר (בעגלייט פון עטליכע דיענער, רוקט זיך פאָרזיכטיג אַריין אין צימער).

פאָרהאַנג.

דער דאָלאַר

סאָמעדיע אין איין אקט.

(1—3 אוגוסט, 1913.)

פערזאָנען:

דער קאָמיקער.
דער אינטריגאַנט.
דער טראַגיקער.
דער פאָטער־ראָליסט.
די ליעבהאָבערין.
די נאַאיווע.
די מוטער־ראָליסטין.
דער פרעמדער.

אַ וועג־איבערשנייד ביים זוים פון אַ וואַלד. איין וועג געהט פון לינקס נאָך רעכטס, דער אַנדערער ציהט זיך פון רעכטס נאָך מיטען הינטער־גרונד און פערליערט זיך אין וואַלד. די וועגזייטען זיינען בעדעקט מיט גראָז. אויפ'ן איבערשנייד רעכטס שטעהט אַ סלופ מיט צוויי וועג־ווייז־ברעטלעך. — עס איז אַ זומער־נאכמיטאג. — אַ טרופּע וואַנדער־שוישפּיעלער קומט אָן פון לינקס — אָבגעריבענע, אָבגעריסענע, מידע. דער קאָמיקער געהט צוערסט מיט צוויי טשעמאָדאַנעס אין די הענד, הינטער איהם שלעפּט זיך דער אינטריגאַנט מיט צוויי גרויסע בינדלעך אויף זיינע אָרמס; גלייך נאָך זיי דער טראַגיקער און דער פּאַטער־ראַליסט, וועלכע טראָגען אַ גרויסען, שווערען קאַסטען.

קאָמיקער (צוקומענדיג צום סלופּ, לייענט איבער די ברעטלעך און דערקלערט די אָנקומענדיגע חברים, אָנצייגענדיג די ריכטונג מיט די טשעמאָדאַנעס־בעלאָדענע הענד). אַהער איז דרייסיג מייל, אַהער איז פינפאונפיערציג און אַהערצו־צו איז זעקסאונדרייסיג. קלייבט אייך אויס, וואוהין איהר ווילט היינט נישט דערגעהן. דער נאָ־הענטסטער וועג איז צוריק, פון וואַנען מען האָט אונז אַרויסבע־גלייט מיט דער הערליכסטער קאַצענמוזיק, וועלכע האָט ווען עס איז בעקרוינט אונזערע ערפאָלגען.

אינטריגאַנט (גאַנץ צוקראָכען). ווער באָרגט מיר אַ האַנד, דעם שווייס אָבצואווישען? ער רינט מיר עקעלהאַפט אין מויל.

קאָמיקער. שטעל זיך אויפ'ן קאָפּ, וועט דער שווייס פאַלען אויף אַ פאָרנעמערען גרונד.

אינטריגאַנט. אָי! (לאָזט אָב די אָרמס, די פּעקלעך פאַלען אַרונטער. ער לאָזט זיך אַראָב אויף איינעם פון זיי און ווישט זיך דעם שווייס, קוים בעוועגענדיג די האַנד. — דער טראַגיקער און פּאַטער־ראַליסט געהען צו צום סלופּ און לייענען איבער די ברעטלעך.)

טראַגיקער (ברומט אַרויס). האַפּנונגסלאָז! (לאָזט אַב זיין זייט קאַסטען.)

פּאַטער־ראַליסט (אַבלאָזענדיג אויך זיין זייט קאַסטען). טיאַ, וויעדער רוהען.

טראַגיקער (לאָזט זיך אַראַפּ אויפ'ן קאַסטען אין אַ „טראַגישער" העלדענפּאָזע, די פיס וויִיט פערנאַנדערגעשפּרייט, דעם אונטערגעלענק פון דעם רעכטען אָרם אויפ'ן פוס, די לינקע האַנד אויפ'ן לינקען פוס, דעם קאָפּ אַ ביסעל אָנגעבויגען נאָך רעכטס).

קאָמיקער (אַוועקשטעלענדיג די טשעמאָדאַנעס, דרעהט זיך אַ פּאַפּיראָס).

פּאַטער (זעצט זיך אויפ'ן קאַסטען און לאָזט אַראָב דעם קאָפּ אויף דער ברוסט).

אינטריגאַנט. דרייסיג מייל די נאָהענטסטע שטאָדט! דרייסיג מייל!

קאָמיקער. עס איז אַ סקאַנדאַל, ווי וויִיט די לייט פּעררוקען פון אונז זייערע שטעדט!

אינטריגאַנט. ערסט איבערמאָרגען וועלען מיר אָנקומען אין אַ שטאָדט.

קאָמיקער. הורראַ! וואויל אונז! מיר האָבען אַן איבערמאָרגען.

אינטריגאַנט. און די באָביצעס זיינען נאָך אַזוי וויִיט. שלעפּען זיך!

פּאַטער. זיי ווילען שטימרעכט און קאָנען קוים געהן.

קאָמיקער. מיר געבען זיי עס נישט. אָבגעמאַכט. ניעדער מיט פרויענשטימרעכט!

אינטריגאַנט. און דיך נעמט דער טייוועל נישט. נישט דיין צונג ווערט מיד און נישט דיינע פיס. עס געהט שוין איינפאַך אויף די נערוועז. זעץ דיך צו און ווער אַ ווייִלע שטום!

קאָמיקער. איך?! האַהאַ! איך קעהר מיך אום גאָר צו מיין הארצדאַמע. איך לויף איהר יעצט אַנטקעגען און ברייִנג

זי אהער צו טראָגען. (שפּיוט אָן אין די הענד, פערקאַשערט די אַרבעל און שפּרייזט אַוועק מיט גרויסע, שנעלע שריט נאָך לינקס.)

אינטריגאַנט. קלאָון!

פּאַטער. ווי קאָן ער נאָך לאַכען און שטיפּען? מיר האָבען נישט קיין גראָשען געלט ביי דער נשמה, דאָס עסענוואַרג געהט אויס, דאָס שוכוואַרג איז אָבגעטראָגען...

טראַגיקער (ברילט אויף). הער אויף! צעהל נישט! די צאָהל פון אונזערע זינד איז גרויס, און דער צעטעל פון אונזערע צרות איז נאָך גרעסער! היילינער פאַטער, אונזערע פלעשלעך זיי־נען לעדיג! דעם רעסט פון מיינע פּאַדעשוועס גיב איך אַוועק פאַר אַ שמעק טאָן אַ ביסעל שנאַפּס. (לינקס געלעכטער פון אַ פרוי. דער קאָמיקער קומט אָן, טראָגענדיג אויף די אָרמס די ליעבהאָבערין, וועלכע האַלט מיטביידע הענד אַ קליינעם קאָפער איבער זיין רוקען.)

קאָמיקער (אַראָבלאָזענדיג זיין משא אויפ'ן גראָז). יעצט זיץ, מיין ליעבע, און רוה דיך אויס. מיר וועלען שוין היינט ווייטער מעהר נישט געהן. דיינע פיס, אה, דיינע פיסעלעך מוזען דיר וועה טאָן — ווי אונגליקליך דאָס מאַכט מיך! ביי דער ערסטער גע־לעגענהייט קויף איך דיר אָן אויטאָמאָביל.

ליעבהאָבערין. פאָרלויפיג מאָגסטו מיך עפּטערס אַזוי טראָגען.

קאָמיקער. דער אייזעל הערט און פאָלגט. (נאַאיווע און מוטער־ראָליסטין קומען אָן, ביידע צו קליינעם קאָפער אין די הענד.)

נאַאיווע (מיד און אָנגעבלאָזען). אַך, און מיך האָט קיינער נישט געטראָגען. (לאָזט זיך אַראָב אויפ'ן גראָז רעכטס פון דער ליעב־האָבערין.)

אינטריגאַנט. מיר האָבען בלויז איין אייזעל.

קאָמיקער (אויסציהענדיג זיך צופוסען ביי דער ליעבהאָ־בערין, שרייט ווי אַן אייזעל). אי־יאַ! אי־יאַ!

מוטער־ראָליסטין (אַראָבלאָזענדיג זיך אויפ'ן גראָז

לינקס פון דער ליעבהאָבערין). און דאָ וועלען מיר דאָס איבערגעבּ־טיגען?

פּאַטער. ניין, אין האָטעל „נישט־געשטויגען".

קאָמיקער (דרעהט זיך איבער צו דער „מוטער"). געפעלט דיר נישט אונזער נאַכט־אזיל? זעה, דאָס בעט איז ווייט און ברייט, אָהן וואַנצען גאַנץ בעשטימט. טאַפּ אָן דאָס הויכע גראָז — ביזט אזוי ווייך נאָך קיינמאָל נישט געלעגען, — און אַ צודעק ועסטו האָבען אויסגענעהט מיט לבנה און שטערן, ווי קיין פּרינצעסין־כלה האָט אזא נאָך קיינמאָל נישט געהאַט.

מוטער. דו לאַכסט, און איך קאָן וויינען.

קאָמיקער. וויינען? דו וועסט דיך דאָך שעמען פאַר דער זון, וועלכע בעגליקט דיך מיט איהר ענטציקענדסטען אונטערגאַנג. קוק און ענטציק דיך!

אינטריגאַנט. קוק און ענטבאָק דיך!

קאָמיקער. קוק און יובעל!

פּאַטער. קוק און קרעפּיר!

נאַאיווע (ברעכט אויס אין אַ געוויין).

טראַגיקער (שווער). האהאהא!

קאָמיקער (דרעהט זיך איבער צו דער נאַאיווער). ווי? דו וויינסט? שעמסטו דיך נישט?

נאַאיווע. איך בין טרויעריג.

מוטער (שנייצט זיך). איך קאָן עס מעהר נישט אריי־בערטראָגען.

ליעבהאָבערין. הערט אויף! איך וועל מיך אויך באַלד צוראָווען.

קאָמיקער (שפּרינגט אויף אויף די קני און בעטראַכט מיט שנעלע קאָפּבעוועגונגען די וויינענדיגע פּרויען).

אינטריגאַנט. האהאהא, מאַך פרעהליך, פּאַיאַץ!

קאָמיקער (שטעלט זיך אויף אָהן די הענד). מיינע דאַמען

און הערגען, איך האָב זי! (שטאַרקער, בעטאָנענדיג לאַנגזאַם די ווער־טער, האַלבזינגענדיג.) מיינע דאַמען און הערען, איך האָב זי!

ליעבהאָבערין. וואָס זי?

קאָמיקער. די פרעהליכקייט!

אינטריגאַנט. לאָז דיך בעגראָבען, פּאַיאַץ!

טראַגיקער (ווי פריער). האַהאַהאַ!

פּאָטער (מיט חוזק). פּפּו־ו־ו! (די פרויען וויינען פליי־סיגער.)

קאָמיקער (שרייט אויס). איך האָב אַ פלאַשע שנאַפּס! (בעוועגונג. די פרויען הערען גלייך אויף צו וויינען און קוקען צו איהם אַרויף גאַנץ איבעראַשט. דער טראַגיקער גלייכט זיך אויס און שטעלט אָן אויפ'ן קאָמיקער אַ פערוואונדערטען בליק. דער „פּאָטער" שפּרינגט אויף און רייבט זיך די הענד. דער אינטריגאַנט קוקט אָן דעם קאָמיקער מיט חשד, אונגלויביג.)

טראַגיקער. אַ פלאַשע שנאַפּס!

פּאָטער. העהעהע, אַ פלאַשע שנאַפּס!

אינטריגאַנט. הם?! שנאַפּס?

קאָמיקער. יאַוואָהל! אַ פלאַשע שנאַפּס! בעהאַלטען און געהאַלטען פאַר אַזאַ מאָמענט ווי יעצט, פאַר אַ מאָמענט פון מענערשער אָבהענדיגקייט און ווייבערשע טרערען. (נעמט אַרויס פון הינטערקעשענע אַ שנאַפּספלעשעל. די אויסדריקען אויף די געזיכטער בייטען זיך. מען איז ענטזיאַזמירט.)

אינטריגאַנט. דו רופסט עס פלאַש, איך רוף עס פלעשעל.

טראַגיקער (שיעסט ארויס). פינגערהוט!

פּאטער. טראָפּער!

מוטער. אויף זאַלבאַזיעבעט, הע!

קאָמיקער (שפּיעלענדיג זיך מיט דעם פלעשעל אין דער זון). אָבער שנאַפּס, קינדער! (נעמט אַרויס די פּראָבקע און שמעקט.) או־ו־ו, שוין איינמאָל שנאַפּס! דער שנאַפּסהענדלער, ביי וועלכען

איך האָב איהם אוועקגעבאַלדאָוועט, וועט פאַר פערצווייפלונג ווע־רען אַ טעמפּערענצלער. (טראַגיקער, שווער אויפהעבענדיג זיך און מיט שווערע טריט; אינטריגאַנט, ווי נישט וועלענדיג און אַלץ נאָך אונגלויביג; פּאָטער, לאַכענדיג, רייבענדיג זיך די הענד; מוטער, אַפּאַטיש אויפהעבענדיג זיך און אַפּאַטיש געהענדיג; ליעבהאָבערין און נאַאיווע, אָננעמענדיג זיך פאַר די הענד און וואַלצענדיג באַלעטאַרטיג — אַלע קומען זיי צו צום קאָמיקער מיט אויסגעשטרעקטע העלזער און אָנ־געגרייטע נעזער. זיי שמעקען די אָפענע פלאַש, וועלכע ער האַלט פעסט מיט ביידע הענד.)

טראַגיקער. האַהאַהאַ... פיין!

פּאָטער. העהעהע... גרויסאַרטיג!... ווייניג, אָבער גרויס־אַרטיג!

אינטריגאַנט. שיינט, גוטער שנאַפּס צו זיין.

ליעבהאָבערין (טאַנצענדיג און זינגענדיג). מיין קאָמי־קער, מיין קאָמיקער, ער האָט זיין קאָפּ אויפ'ן רעכטען פּלאַץ! — אָבער פאַרוואָס האָסטו שוין נישט אוועקגעלאַטכענט אַ גרויסע פלאַש?

קאָמיקער. אָה, ליעבע! איך האָב מיך געמוזט רעכענען מיט דער קוואַליטעט פון דעם שנאַפּס און דער גרויס פון מיינע קעשענעס.

מוטער. עס זאָל נאָר פאַר אַלעמען סטייען.

נאַאיווע. אַה, איך קאָן ווידער טרויעריג ווערען.

קאָמיקער. פרעהליך זיין! אַלע ווילען האָבען! עס וועט פאַר אַלעמען גענוג זיין! נאַט, שמעקט נאָך אַ מאָל. (דיזעלבע פּראָ־צעדור נאָך אַ מאָל און אַ פרעהליכקייט ברעכט אויס. מען כאַפּט זיך פאַר די הענד, זינגט און טאַנצט אין קאָראָהאָד. דער קאָמיקער פּאַטשט אונ־טער אין די הענד.) גוט! און ווען איהר זייט אַזוי פרעהליך נאָך דעם שמעקען, ווי וועט איהר פרעהליך זיין נאָך דעם טרינקען. וואַרט, פּאַסט אויף, איך טאַנץ מיט אייך מיט. (בעהאַלט די שנאַפּס־פלאַש אין קעשענע.) איך וועל אייך אַ נייעם קאַראַוואַדענטאַנץ בעווייז־

זען, וועלכען מיר וועלען אויך אין דער נעכסטער האַמלעט־פאַר־שטעלונג אויספיהרען צום געטליכען פערגעניגען פון דעם ווערטען פובליקום. (שטופּט אַוועק מיט'ן פוס דעם אינטריגאַנט'ס געפּעק.) דער פּלאַץ איז פריי און יעצט צו טאַנץ און שפּיעל. נעמט זיך פאר די הענד און מאַכט אַ קרייז. דו, אינטריגאַנט, דו בלייבסט אין דרויסען. דו ווילסט אריין, מיר טאַנצען און לאָזען דיך נישט אריין און דאָך פערליערען מיר נישט דעם טאַקט דאַביי. פערשטאַנען? אַלזאָ! (דער קרייז איז אויסגעשטעלט: קאָמיקער, ליעבהאָבערין, טראַגיקער, מוטער, פאַטער, גאַאיווע. קאָמיקער הערבט אָן צו זינגען:)

זיין אָדער נישט זיין, דאָס איז די פראַגע,
דאָס איז די פראַגע, דאָס איז די פראַגע...
וויל מען אין קרייז אריין,
מוז מען אריבער;
קאָן מען אריבער נישט,
מוז מען ארונטער!
טראַליאַליאַ, טראַליאַ, ארונטער־אריבער!
טראַליאַליאַ, טראַליאַ, אריבער־ארונטער!
טראַליאַליאַ, טראַליאַ!...
יעצט איז עס מונטער, יעצט איז עס מונטער,
יעצט איז עס מונטער!

אַלע (כאַפּען אונטער מיט לאַכען):

טראַליאַליאַ, טראַליאַ, ארונטער־אריבער!
טראַליאַליאַ, טראַליאַ, אריבער־ארונטער!
טראַליאַליאַ, טראַליאַ!...
יעצט איז עס מונטער, יעצט איז עס מונטער,
יעצט איז עס מונטער!

קאַמיקער.

זיין אָדער נישט זיין, דאָס איז די פראַגע,
דאָס איז די פראַגע, דאָס איז די פראַגע...
ווייל מען אין לעבען דורך,
מוז מען זיך שטופען;
שטויסט מען נישט עמיצען,
ווערט מען געשטויסען!

אלע.

טראַליאַליא, טראַליא, ארונטער־אריבער!
טראַליאַליא, טראַליא, אריבער־ארונטער!
טראַליאַליא, טראַליא!...
יעצט איז עס מונטער, יעצט איז עס מונטער,
יעצט איז עס...

(דאָס זינגען און טאַנצען ברעכט אָב פּלוצלונג. אלע אויגען ווערען אָנגעשטעלט אויף איין פּונקט. מען בלייבט שטעהן ווי פערגליווערט, דער אינטריגאַנט איבערגעבויגען איבער די ארמס פון דעם קאָמיקער און דער ליעבהאָבערין. ביסלעכווייז ציעהט זיך דער קרייז צוזאַמען, די קעפּ ווערען איינגער צונויפגערוקט. הענד ווילען זיך בעפרייען, אָבער איינער לאָזט דעם אַנדערען ניט אָב, און אלע זיעבען שיפּען אַרויס אין כאָר, פול איבערראַשונג): אַ דאָלאר!... (זיי רוקען זיך פערנאַנדער, קוקען איינס דאָס אַנדערע אָן און שרייען אויס איבערראַשט:) אַ דאָלאר!!... (זיי רוקען זיך ווידער צונויף, הענד ווערען שטאַרקער געראַנגעלט. — אינטריגאַנט פּרובירט זיך אַרונטער־ אָדער אַריבערקריכען, שטרעקט אויס די הענד נאָכ'ן דאָלאר, אָבער אינסטינקטיוו ווערט ער נישט צוגעלאָזען פון דעם כאָר, ביי וועלכע ער מאַכט זיינע פערזוכען, כאָטש מען קוקט זיך אויף איהם נישט אום. זיי שליסען צונויף די קעפּ איבער'ן דאָלאר,

גאַנץ פערלאָרען אין בעטראַכטען איהם, און שיפּען ארוים פול ענטציקונג:) אַ דאָלאר!.. (באַלד רוקען זיי זיך ווידער פערנאַנדער, קוקען אָן איינס דאָס אַנדערע מיט ענטציקונג, פּרובירענדיג אין דער אייגענער צייט צו בעפרייען די הענד, און שרייען בעגייסטערט אוים:) אַ דאָלאר! !...
(יעצט ווערט דער קאַמפּף די הענד צו בעפרייען פיעל שטאַרקער, און בעפרייט זיך אַ האַנד, ווערט זי גלייך צוריק געכאַפּט פון דער האַנד, וועלכע האָט זי געהאַלטען.)

נאַאיווע. אַה, מיינע הענד! מיינע הענד! (מיט טרערען.) מיינע הענד ווערען מיר צובראָכען! לאָזט דאָך אָב מיינע הענד!

מוטער. לאָזט איהר נישט אָב מיינע הענד, בּיים איך!
(וואַרפט זיך צו בייסען דאָס דעם טראַגיקערס הענד, דאָס דעם „פּאַטערס". טראַגיקער און „פּאַטער" לאָזען זיך נישט בייסען.)

טראַגיקער (רייסענדיג זיינע הענד פון דער „מוטער" און דער נאַאיווער). ווייבער, לאָזט מיך אָב!

פּאַטער (רייסענדיג זיינע הענד פון דער „מוטער" און דער ליעבהאָבערין). זיי זיינען שוואַך, דאַכט זיך...

ליעבהאָבערין (צום קאָמיקער). לאָז דאָך דו מיר די האַנד אָב!

קאָמיקער. איך גלויב, דו האַלטסט די מיינע פעסט.

ליעבהאָבערין. פאַר וואָס זאָל איך דיך האַלטען? העבּסט דו דעם דאָלאר אויף, איז ער דאָך מיינער סיי ווי סיי.

קאָמיקער. טאָ לאָז מיר אָב מיין האַנד. איך העב איהם אויף.

ליעבהאָבערין. ניין, בעסער העב איך איהם אויף.

קאָמיקער. אַה, דאָס האָב איך פון דיר ערוואַרט.

ליעבהאָבערין (מיט כעס). דו לאָז מיין האַנד מיר אָב!

קאָמיקער. האַהאַהאַ, דער שפּאַס אָבער איז גרויס! (קאָמאַנדירט.) שטיל געשטאַנען! (עס ווערט רוהיג.) מיר ווילען יעצט בעטראַכטען דעם דאָלאר אין שטילער דבקות. (בעוועגונג.) שטיל, זאָג איך! — אַ דאָלאר ליעגט פאַר אונז, אַ לעבהאַפטיגער דאָלאר

אין אונזער קרייז. און אַלץ אין אונז רייסט זיך צו איהם, ציעהט זיך צו איהם — — שטיל געשטאַנען! געדענקט, איהר שטעהט פאר דעם הערשער, פאר דעם אַלמעכטיגען! אויף די קני פאר איהם און טוט תפלה! אויף די קני! (לאָזט זיך אַראָב אויף די קני און שלעפּט אַראָב די ליעבהאָבערין און די נאַאיווע.)

פּאַמער. העהעהע... (לאָזט זיך אַראָב אויף די קני און שלעפּט אַראָב די „מוטער“.)

טראַגיקער. האַהאַהא, פּאַיאַץ!

קאָמיקער. טראַגיקער, דו ביזט נישט ווערט די ערנסטע מאַסקע, וועלכע דו טראָגסט. דו פערשטעהסט נישט די אמת'ע געטליכע מאַיעסטעט. אויף די קני — אָדער דו קריגסט נישט קיין שנאַפּס!

טראַגיקער (לאָזט זיך אַראָב אויף די קני).

קאָמיקער (זעצט פאָרט). אָה, הייליגער דאָלאַר! אָה, אַלמעכטיגער הערשער פון דער וועלט! פאר דיר קניען מיר אין שטויב און שיקען צו דיר אונזערע טרערענרייכסטע און האַרציגסטע תפלות. אונזערע הענד זיינען געבונדען, אָבער אונזערע הערצער שטרעבען צו דיר, און אונזערע נשמות געהען נאָך דיר אויס. אָה, גרויסער קעניג איבער קעניגען, דו, וועלכער דערנעהנטערסט ווייטע און ד'ערווייטערסט נאָהענטע, דו, וועלכער...

אינטריגאַנט (וועלכער האָט זיך אָבגערוקט אָן אַ זייט, נעמט יעצט אַ פולען לויף, שפּרינגט אַריבער איבער דער קניענדיגער נאַאיווע און וואַרפט זיך ארויף אויפ'ן דאָלאַר. אַלע לאָזען זיך אָב און וואַרפען זיך אויף איהם אַרויף. געררויש, ליאַרם, שטיקענים, דריקענים. ענדליך בעפרייט זיך דער אינטריגאַנט, מיט דעם דאָלאַר אין דער רעכטער פויסט. מען שטעהט צו איהם צו מיט געמאַכטע פויסטען, ברענענדיגע אויגען, שוימענדיגע ליפּען און ווילדע קולות). דעם דאָלאַר! דעם דאָלאַר! דעם דאָלאַר!

אינטריגאַנט (אָבטרעטענדיג אויף הינטען). איהר וועט

איהם ביי מיר נישט אָבנעמען! ער איז מיינער! ער איז אויך געלעגען אונטער מיין פּעקעל!

אלע. דעם דאָלאַר אַהער! דעם דאָלאַר אַהער!

אינטריגאַנט (גאַנץ ווילד). ניין! ניין! (אַ ווײַלע ווערט שטיל. די קעמפּפענדיגע צדדים קוקען זיך אָן מיט גרויסען האַס. אינטריגאַנט, שטילער, אָבער מיט גרויסער בייזקייט.) און גלאַט — וועמען פון אייך זאָל איך איהם אוועקגעבען? וועמען? דיר? דיר? דיר? דיר?

קאָמיקער. האַהאַהאַהאַ... ער איז גערעכט! דער דאָלאַר איז זיינער. ער האָט איהם, איז ער זיינער! האַהאַהאַהאַ!... און איך האָב מיך געוואָלט צורוקען צום דאָלאַר אויף די קני און אויפהעבען איהם מיט די ציינער! האַהאַהאַ!... איז ער געוועזען דער שנעלערער, האַהאַהאַ!

ליעבהאָבערין (שיפּעט צו איהם בייז). דאָס איז דערפאַר, וואָס דו האָסט די האַנד מיר נישט אָבגעלאָזען!

קאָמיקער. האַהאַהאַהאַ....

טראַגיקער (שאָקלענדיג זיין פויסט דעם אינטריגאַנט אין געזיכט). טויט און טייפעל, איך פּיהל, איך וואָלט דיך געקאָנט צוברעקלען. (געהט אָב און לאָזט זיך אַראָב אויפ'ן קאַסטען אין זיין פריערדיגער פּאָזע.)

נאַאיווע (ציהט זיך אויס אויפ'ן גראָז און צואווייגט זיך).

קאָמיקער. האַהאַהאַ... יעצט וועלען מיר אָבער טרינקען, און דער ערסטער קריגט דער אינטריגאַנט. (זיין פּאַרשלאַג ווערט יעצט אָנגענומען מיט אָנגערוקטען שווייגען. נאָר די נאַאיווע הערט אויף צו וויינען, און „פּאַטער" און „מוטער", וועלכע זיינען אַלץ געשטאַנען לעבען אינטריגאַנט, קוקענדיג אויפ'ן דאָלאַר אין זיין האַנד, ווי זיי וואָלטען אָבגעוואַרט אַ מאָמענט, ווען זיי וועלען קאָנען איהם אַרויסכאַפּען, טרעטען פון איהם אָב אָן אַ זייט, די „מוטער" נאָך אויסשפּייענדיג פאַר זיינע פיס.)

אינטריגאנט (בלייבענדיג אליין, העבט אָן אויסצוגלעטעַן דעם דאָלאר מיט אַן ערנסטער מינע).

קאָמיקער (טראָגט איהם אונטער אַ גלעזעל). טרינק, דו גליקליכער!

אינטריגאנט (דריקט וויעדער איין דעם דאָלאר אין דער פּויסט, נעמט דעם שנאַפּס מיט אַן ערנסטער מינע, טרינקט שנעל אויס, גיט אַוועק דאָס גלעזעל און נעמט זיך וויעדער אויסצוגלעטען און צו גלעטען דעם דאָלאר).

קאָמיקער (אַליין לאַכענדיג, טראָגט דאָס גלעזעל פון איינעם צום אַנדערן. עס איז אַ שטיל טרינקען. מען איז אָנגערוקט און בייז. דער שנאַפּס מאַכט זיי בישט בעסער. די נאַאיווע, וועלכע האָט אויפגעהערט צו וויינען פאר'ן טרינקען, צואווינט זיך וויעדער נאָכ'ן טרינקען. די ליעבהאָבערין, וועלכע האָט געקראָגען די לעצטע, טרינקט אויס און שמייסט דעם קאָמיקער דאָס גלעזעל אין געזיכט).

קאָמיקער. גוט געטראָפען. יעצט טרינק איך אָבער אויס דעם גאנצען רעסט און פון פלעשעל. (שטעלט צו דאָס פלעשעל צו די ליפּען און טרינקט. די ליעבהאָבערין וויל עס ביי איהם ארויסשלאָגען, אָבער ער דרעהט זיך געשיקט אוועק.)

אינטריגאנט (גלעטענדיג אליץ, כמעט לאַצענדיג דעם דאָלאר). היהיהי... (זינגט אונטערטענצלענדיג.) „וויל מען אין קרייז אריין, שפּרינגט מען אריבער!“... היהיהי... אָה, הייליגער דאָלאר!... אָה, אלמעכטיגער הערשער פון דער וועלט!... אָה, קעניג איבער קעניגען!... היהיהי... געפינט איהר נישט, אַז אויב איך האָב איהם און איהר נישט, בין איך אָנגעטיילט מיט זיין מאיעסטעט און איהר נישט? דאָס הייסט, איך בין יעצט אַ שטיק מאיעסטעט אליין. דאָס הייסט, איך בין דעם אלמעכטיגען הערשער'ס בעפאָלמעכטיגטער און בין אלמעכטיגער הערשער אליין. אויף די קני פאר מיר!... העהעהע...

קאָמיקער (וועלכער, אַוועקווארפענדיג די לעדיגע פלאַש, האָט

זיך אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז). גוט געברומט, ליב! בעהאלט נאָר דיינע אייזעל־אויערן.

אינטריגאנט. העהעהע... דאָס איז מאכטבעוואוסטזיין. איך ווייס און איהר ווייסט, אז אויב איך האָב די מטבע, האָב איך די דעה. בעדענקט, איהר האָט קיינער קיין גראָשען נישט, דער שנאפּס איז אויסגעטרונקען — (העבט אויף דאָס פלעשעל און בעטראכט עס.)

קאָמיקער. איך האָב עס גוט געמאכט. ביז אויפ'ן לעצ־טען טראָפּען.

אינטריגאנט. ...ביז אויפ'ן לעצטען טראָפּען —, וועט־שערע וועט איהר האָבען ברויט מיט וואורסט, און גאנץ קליינע שטיקלעך, וויל מאָרגען איז אויך א טאָג.

נאאיווע (צואווינקט זיך שטאַרקער).

אינטריגאנט. ערסט איבערמאָרגען וועלען מיר זיין אין א שטאָדט, אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אז איהר וועט קריגען וואָס צו עסען. איך אָבער — איך!... האהאהא!... אָה, הייליגער דאָלאר!... אלמעכטיגער דאָלאר!... (ערנסט.) ווער עס וועט מיין ווילען טאָן, וועט האָבען וואָס צו עסען!

קאָמיקער (מיט ווייט פערנאַנדערגעעפענטע אויגען). וואָס? האהאהא!...

נאאיווע (שטעהט אויף און ווארפט זיך דעם אינטריגאנט אויפ'ן האַלז). אָה, מיין טייערער! מיין ליבער!

אינטריגאנט. האהא! מיין מאכט לאָזט זיך שוין פיהלען.

ליעבהאָבערין (שטופענדיג די נאאיווע). דו לאָז איהם אָב! ער האָט מיין ליעבע שוין לאנג געזוכט, יעצט וויל איך זי איהם געבען.

קאָמיקער. ווי? דו?

ליעבהאָבערין. אָה, איך האס דיך, פעררעטער! (צום

אינטריגאַנט.) איך האָב שטענדיג גייסט געליעבט, און דו ביזט יעצט דער קליגערער, דער קליגסטער. איך פערגעטער דיך!

אינטריגאַנט (אין איין אָרם האַלטענדיג די נאַאיווע). קום אין מיין אַנדער אָרם!

ליעבהאָבערין (וואַרפט זיך אין זיין אַנדער אָרם און קוסט איהם).

קאָמיקער (שטעלט זיך אויף אויף די קני). העי, העי, איך פּראָטעסטיר! (וואַרפט זיך אויפ'ן גראָז.) אָה, אונבעשטענ־דינקייט, ווייב איז דיין נאָמען!

מוטער (אַרומנעמענדיג דעם אינטריגאַנט פון הינטען). געפין אויך פאַר מיר אַ שטיקעל פּלאַץ אויף דיין ברוסט. איך הײם ביי אייך די אַלטע, אָבער אַלט בין איך דאָך נישט.

אינטריגאַנט. יעצט האָב איך די גאַנצע מאַכט און די גאַנצע ליעבע.

קאָמיקער. רוף עס ליעבע נישט, רוף עס אונטער־געבענהייט.

אינטריגאַנט. און אין דער דונקעלהייט פון וואַלד וועל איך פאָרדערן דעם בעוויז פון אייער לאָיאַליטעט.

אַלע דריי פרויען. אָה, דעם וועסטו שוין האָבען!

אינטריגאַנט (בעפרייענדיג זיך פון די פרויען). יעצט אָבער האָב איך וויכטיגערעס אויסצופיהרען. — מיינע אונטער־געבענע — איך מיין אייך אַלעמען — איך האָב בעשלאָסען, אַז מיר בלייבען דאָ נישט נעכטיגען, נאָר מיר געהען ווייטער.

אַלע דריי פרויען. ווי?!

אינטריגאַנט. מיר געהען היינט נאָך ווייטער.

קאָמיקער. דו האָסט עס בעשלאָסען?

אינטריגאַנט. איך האָב עס בעשלאָסען. און דאָס איי־גענטליך דאַרף זיין גענוג פאַר אייך, נאָר אויס אַלטער געוואוהנהייט, וועל איך אייך אויך דערקלערען, פאַר וואָס איך האָב אַזוי בעשלאָ־סען.

קאָמיקער. האלט דיין ערקלערונג פאר זיך און שטער מיר ליעבער נישט אין בעוואונדערן דעם זונאונטערגאנג.

אינטריגאנט. איך שטעל דיך אויף דער שווארצער ליסטע. דו וועסט שלעכט אָבשניידען פאר דיין רעדען געגען מיר. אלזאָ אָהן ערקלערונג: מיר געהען און גלייך. (קיינער ריהרט זיך נישט פון אָרט.) נא, אויב אזוי, געה איך אליין אוועק.

די פרויען. ניין! ניין!

אינטריגאנט. וואָס הייסט עס?

נאאיווע. איך געה מיט דיר מיט.

ליעבהאָבערין. און איך.

מוטער. און איך.

אינטריגאנט. גוט. אייער לאָיאַליטעט שטעלט מיך העכסט צופריעדען.

פאָטער (וועלכער איז געזעסען אַפּאַטיש אויפ׳ן קאַסטען). וואָס האָט דיר אָנגעשפּארט מיט אַ מאָל צו געהן?

אינטריגאנט. איך האָב עס אייך געוואָלט דערקלערען, יעצט — נישט מעהר. איך בין אייך אויך נישט שולדיג קיין ערקלערונג. איך האָב׳ס בעשלאָסען, מיר האָט אָנגעשפּארט, און פארטיג.

קאָמיקער. ער שפּיעלט זיין קאָמעדיע גאנץ וואונדערבאר. האָט איהר ווען חושד געוועזען, אַז אין זיין קרויט-קעפּעל זאָל שטעקען אזויפיעל וויץ?

די פרויען (לאַסצענדיג זיך צום אינטריגאנט). אָה, דו!

טראגיקער (מאַיעסטעטיש). איך קוק מיך אין זיין זייט נישט אום.

אינטריגאנט. נאָך איינער אויף דער שווארצער ליסטע. און יעצט וויל איך אייך נאָך וואָס זאָגען. איך האָב בעשלאָסען —

קאָמיקער. האהאהא!... וועט עס לאנג נאָך אזוי אָנגעהן?

אינטריגאנט. מיר וועלען גלייך געהן, אָבער ווייל איך

וועל בעצאָהלען פאר אייער עסען, וועל איך קיין געפעק נישט טראָגען, נאָר איהר וועט מיינע פעקלעך צוטיילען צווישען זיך. און נאטירליך וועלען די שווארצע־ליסטניקעס קריגען דעם גרע־סערען טייל. איהר האָט׳ס געהערט. יעצט ריהרט אייך. איך געה שוין. מיר וועלען אונז בעגעבען צו דער נאָהנטסטער שטאָדט, צו וועלכער מיר האָבען בלויז דרייסיג מייל. אלזאָ? — איך געה.

קאָמיקער. אַ גליקליכען שליטוועגס!

אינטריגאנט. און מיט מיר געהט זיין מאיעסטעט דער דאָלאר און אייער עסען אין די נעכסטע טעג.

די פרויען. מיר געהען! מיר געהען!

פאָטער. איך געה אויך.

טראגיקער (צום אינטריגאנט). דו ביזט אַ קאנאַליע! ביזט אַ שלעכטער חבר!

אינטריגאנט. איך בין גאָר קיין חבר נישט. איך בין הערר און ברויטגעבער.

טראגיקער. איך צושמעטער דיך גלייך!

אינטריגאנט. אההה!.. ווי?!... דו דראָהסט מיר?!... קומט! (ווענדט זיך נאָך רעכטס. די פרויען נעמען זייערע קאָפער און בעוועגען זיך נאָך איהם.)

פאטער (צום טראגיקער). שטעה אויף, נעם דעם קאס־טען. אויס׳טענ׳ען וועלען מיר זיך מיט איהם אן אנדערס מאָל. דעם דאָלאר האָט ער דאָך.

טראגיקער (שטעהט אויף און טרייסעלט די פויסט). איך וועל שוין!... (נעמט זיין זייט קאַסטען.)

אינטריגאנט (צום טראגיקער). צוערסט לעג ארויף איינעם פון מיינע פעקלעך דיר אויפ׳ן רוקען.

טראגיקער. איינעם פון דיינע פעקלעך מיר אויפ׳ן רוקען?!

אימיגראנט. פון מיינעטוועגען נעם איהם דיר אויפ׳ן קאָפּ אָדער אין די ציינער.

פאָטער. מיר װעלען איהם ארויפלעגען אויפ׳ן קאסטען.

קאָמיקער (זעצט זיך אויף). ווארט. איז עס שפּיעל אָדער ערנסט?

אינטריגאנט (גערעכטליך). איך שפּיעל נישט.

קאָמיקער. אלזאָ ערנסט?

אינטריגאנט. איך גיב נישט אָב קיין ערקלערונגען.

קאָמיקער. דו מיינסט טאקע, ווייל דו האָסט דעם דאָלאר...

אינטריגאנט. דעם הייליגען דאָלאר, דעם אלמעכטיגען הערשער, דעם קעניג איבער קעניגען...

קאָמיקער. דערפאר ביזטו הערר —

אינטריגאנט. און ברויטגעבער.

קאָמיקער. און מיר זאָלען —

אינטריגאנט. טאָן, וואָס איך וועל אייך אָן.

קאָמיקער. און דאָס איז דיין ערנסט?

אינטריגאנט. דו שטעהסט אויף, נעמסט דאָס געפּעק און געהסט מיט.

קאָמיקער (אויפשטעהענדיג). אהה, דאן ערקלער איך רעוואָלוציאָן!

אינטריגאנט. ווי? רעוואָלוציאָן?

קאָמיקער. אפילו א בלוטיגע, ווען דאָס וועט מוזען זיין.

טראגיקער (אָבלאָזענדיג זיין זייט קאסטען, געהט קריגעריש צום אינטריגאנט). אהה, און איך מוז דער ערסטער דיין בלוט זעהן! דו וועסט מיר, קאנאליע!...

אינטריגאנט. אההה, אויב אזוי וויל איך מיט אייך גאָר מעהר נישט רעדען. קומט, ווער עס וויל.

קאָמיקער (פערלויפט איהם דעם וועג). ניין, דו וועסט נישט אוועקגעהן, ביז דו וועסט נישט ארויסגעבען דעם דאָלאר.

אינטריגאַנט. האהאהא, מען לאַכט דערפון!

קאָמיקער. דעם דאָלאַר אהער, אָדער...

אינטריגאַנט. האהאהאהא...

קאָמיקער. אַלזאָ, בלוט. (פערקאַשערט די אַרבעל.)

טראַגיקער (פערקאַשערנדיג די ארבעל). ברדר, בלוט! בלוט!

פאָטער (אָבלאָזענדיג זיין זייט קאַסטען). אָה, אויך איך וועל נישט שטעהן פון וויטען!

די פרויען (אָבלאָזענדיג די קאָפער). און מיר! און מיר!

אינטריגאַנט (אויפשרייענדיג). וועמען זאָל איך דעם דאָלאַר אוועקגעבען? דיר? דיר? דיר? דיר?

קאָמיקער. יעצט וועט די טענה מעהר נישט געהן. וועסט דעם דאָלאַר ארויסגעבען מיר, אונז. ביי דער נעכסטער געלעגענהייט צובייטען מיר איהם און צוטיילען צווישען אונז אויף גלייכע חלקים.

די פרויען. הורראַ! טיילען! טיילען!

קאָמיקער. און איך וועל נאָך זיין אזוי גוט און דיר אָב־געבען דיין טייל.

טראַגיקער. מכות וועל איך איהם געבען!

קאָמיקער. עס וועט זיין, ווי איך זאָג. דעם דאָלאַר אהער!

ליעבהאָבערין (וואַרפט זיך דעם קאָמיקער אויפ'ן האַלז). מיין קאָמיקער! מיין קאָמיקער!

נאַאיווע (צום אינטריגאַנט). פוי, עס עקעלט מיר פון דיר! גיב ארויס דעם דאָלאַר!

קאָמיקער (אָבשטופענדיג פון זיך די ליעבהאָבערין). דו געה יעצט אָב, דו זאָלסט נאָך נישט קריגען מיט דער פויסט, מיט וועלכער איך ציעל אין דעם הערץ און ברויטגעבער. (צום אינטרי־גאַנט.) דעם דאָלאַר אהער!

טראַגיקער. גיב איהם דעם דאָלאַר, הערסט!

אלע. דעם דאָלאר! דעם דאָלאר!

אינטריגאנט. איך וועל איהם גאָר צורייסען!

קאָמיקער. דאן רייסען מיר דיר אויס פון קאָפּ דאָס ביסעל האָר, וואָס איז דיר פערבליעבען. דעם דאָלאר שנעל! (זיי רינגלען ארום דעם אינטריגאַנט. די פרויען צופּען איהם דאָס האָר; טראַגיקער כאַפּט איהם אָן פאר'ן קראַגען און טרייסעלט איהם, פאָטער קלאַפּט איהם אויפ'ן פּליך, קאָמיקער ראַנגעלט מיט איהם און נעמט ביי איהם אָב דעם דאָלאר.)

קאָמיקער (האַלטענדיג דעם דאָלאר אין דער הויך). ער איז דאָ! (די פרויען טאַנצען און זינגען.)

אינטריגאנט. באנדיטען! גנבים!

טראגיקער. שטיל, אָדער איך מאך דיר צו דאָס מויל! (געהט צום קאַסטען, זעצט זיך אין זיין פּאָזע.)

קאָמיקער (בעהאַלטענדיג דעם דאָלאר אין קעשענע). דאָס רוף איך ערפאָלגרייכע רעוואָלוציאָן. און אָהן בלוט, נאָר מיט א ביסעל שרעק און הארצקלעמענים פאר דעם הערר און ברויט־געבער. — פּאסט אויף. עמיצער קומט. (צייגט נאָך רעכטס.) אפשר וועט ער קאָנען אונז אויסבייטען דעם דאָלאר, און מיר וועלען אונז גלייך צוטיילען.

פּאָטער. איך טראכט בלויז, ווי וועלען מיר אויף גלייכע טיילען. (העבט אָן צו רעכענען מיט דער נאַאיוועער און „מוטער“.)

ליעבהאָבערין (לאַסצעט זיך צום קאָמיקער). דו ביזט אויף מיר בייז? אָבער איך האָב דאָך מיט איהם בלויז געשפּיעלט, ווייל איך האָב געוואָלט ארויסנארען ביי איהם דעם דאָלאר.

קאָמיקער. און יעצט ווילסטו ארויסנארען ביי מיר מיין טייל.

פּאָטער. אונמעגליך אויף גלייכע חלקים, אבסאָליוט אונ־מעגליך. ווען עס וואָלט געוועזען אכטאונניינציג סענט, אָדער הונדערטאונפינף, אָדער — —

א מ אַ ן (טרעט אויף פון רעכטס, קוקט אָן די גרופּע, גריסט און וויל ווייטער געהן נאָך לינקס).

ק אָ מ י ק ע ר (פערטרעט איהם דעם וועג). ענטשולדיגט, קאָנט איהר אונז אפשר אויסבייטען אַ דאָלאר? אויף דיימס, ניקעלס און פּעניס? (האַלט פאַר איהם דעם דאָלאר. פּאַטער און די פרויען טרעטען צו.)

ד ע ר מ אַ ן (ציטערט קוים בעמערקבאַר אויף, בלייבט שטעהן, מאכט אַ שנעלע בעוועגונג מיט דער האנד צו דער רעוואָלווער־קעשענע, קוקט אָן דעם קאָמיקער און די אַנדערע, און זאָגט לאַנגזאַם). א — דאָלאר — אויסבייטען? (טרעט ארויס פון דעם קרייז נאָך לינקס.) איך גלויב, איך האָב.

ד י פ ר ו י ע ן. הוררא!

ד ע ר מ א ן (ווענדט זיך אום צו זיי, אזוי אַז זיין רוקען איז פריי, און כאפּט ארויס אַ רעוואָלווער). העגד אויפהעבען! (די פרויען שרייען אויף, און אין גרויסען שרעק הערען אַלע אויף די הענד.)

ק אָ מ י ק ע ר (מיט אַ שמייכעל). אָבער, מיין הערר, מיר זיינען גאַנץ רוהיגע מענשען...

ד ע ר מ אַ ן (נעמט ארויס דעם דאָלאר פון קאָמיקער׳ס האַנד און געהט אויף הינטען נאָך לינקס מיט דעם אָנגעשטעלטען רעוואָלווער). גוטע נאכט! (פערשווינדט. די שוישפּיעלער בלייבען נאָך אַלע ווי בענומען פון שרעק מיט אויפגעהויבענע הענד, אָפענע מיילער, אויס־געשטארטשעטע אויגען.)

ק אָ מ י ק ע ר (שיסט ענדליך אויס אַ דונערנדיגען געלעכטער). האהאהאהאהא!...

פאָרהאנג.

דער ערפינדער און דעם קעניג'ס טאָכטער

א שפיעל אין איין אקט.

(26 מערץ, 1918.)

פערזאָנען:

דער ערפינדער.
דער קעניג.
זיין טאָכטער.
דער פרינץ, איהר חתן.
דער נאַר.
דער קאַנצלער.
דער שאַצמייסטער.
אַ דיענער.
אַ הינקענדיגער הויפמאַן.
אַ בלינדער הויפמאַן.
אַ פּאָטער פון טויב־שטומע.
אַ סיפיליטיקער.
אַ פערליעבטער.
אַן אַלטער.
אַן אַלטע הויפפרייליין.
הויפלייט. הויפדאַמען. דיענער.

„אַ מאָל איז געווען אַ מעשה...“

דער קעניג יום־טוב׳ט אין דעם גרויסען זאַל פון זיין פּאַלאַץ די פּער־לאָבונג פון זיין טאָכטער מיט דעם פּרינץ. ארום לאַנגע טישען, אויס־געשטעלט ווי אַ „ח״, זיצען די געסט — העררען און דאַמען — און עסען און טרינקען, אונגעצוואונגען, לוסטיג, אין רוישיגען געלעכטער, דער עיקר איבער די שטיק און ווערטלעך פון דעם נאַר. אויבען־אָן אין מיטען פון דעם מיטעל־טיש זיצט דער **קעניג**; זיין **טאָכטער** און דער **פּרינץ** רעכטס און לינקס פון איהם. דער **קאַנצלער** זיצט לעבען דעם קעניג׳ס טאָכטער; דער **שאַצמייסטער** — לעבען פּרינץ. אין מיטען דעם „ח״ אויף אַ קליינעם שטול ביי אַ קליינעם טישעל זיצט דער נאַר, אַ האָרבאַטער און זעהר העסליך. מען ווארפט איהם צו פון פערשיעדענע זייטען פערשיעדענע ביסען. מען גיסט איהם אויך פון וויטען ויין, וועלכען ער כאַפּט־אויף קונציג מיט׳ן מויל אין דער לופט.

דער נאַר. עס קאָן דער מענש, וואָס אַ הונד קאָן נישט דערווייזען. אַ הונד קאָן אויפכאַפּען בלויז אַ ביסען, איך אָבער קאָן אויפכאַפּען אויך דעם טרונק. און איך בין בלויז אַ נאַר. וועלכע הינטישע שטיק קאָן אויסלערנען זיך אַ קעניג? (די געסט דערוועגען זיך נישט צו לאַכען און מאַכען ערנסטע געזיכטער.)

דער קעניג. פאַר דעם וויץ קריגסטו פופציג מיט דער בייטש.

דער נאַר. איך האָב דיר בלויז געוואָלט בעווייזען, ווי העכער איז דער דומסטער מענש איבער דעם קליגסטען הונד. ער קאָן אויך בייסען גאָר אָהן ציינער.

דער קעניג. זיינען די ציינער דיר איבריג, וועל איך זיי לאָזען דיר ארויסרייסען.

דער נאַר. דאָס וואָלט גוט געוועזען, ווען דו טוסט עס. ווען דו רייסט זיי מיר ארויס, טוסטו מיר אַ גרויסע טובה. זיי זיינען אזוי העסליך, אז אָפט ווינש איך מיר, מיין האַרב וואָלט מיר געזעסען בעסער אויף מיין מויל. אָבער דו וועסט עס נישט טאָן. וואָס טויג דער נאַר דיר ווענינער מיט אַ העסליכקייט?

דער קעניג. פרעס און שווייג אַ ביסעל!

דער נאַר. שווייגען איז די מידה פון אַ קלוגען. מוז איך רעדען, מען זאָל מיך האַלטען פאַר אַ נאַר. דו מוזט שווייגען, מען זאָל דיך האַלטען פאַר אַ קלוגען. וועה מיר, ווען איך וואָלט גע־שווינגען. וועה דיר, ווען דו וואָלסט אַ סך גערעדט.

דער קעניג (וואַרפט איהם צו אַ ביין). כאַפּ׳ס און ווער דערוואָרגען.

דער נאַר. זעהט, דער קעניג איז אָהן אַ רוקענביין גע־בליעבען. דער נאַר האָט עס יעצט, און ער איז יעצט דער הערשער.

דער קעניג. דו ביזט בעטרונקען, הונד! דו רעדסט שוין צופיעל און פערשטערסט די שמחה אונז. וואַרפט איהם אונטער אונטער׳ן טיש און זעהט, ער זאָל קיין וואָרט נישט זאָגען.

צוויי דיענער (וואַרפען זיך ארויף אויף דעם נאַר און וואַרפען איהם אונטער אונטער׳ן טיש).

דער נאַר (בילט ווי אַ הונד).

דער קעניג. שטיל דאָרט!

דער נאַר. איך זאָל קיין וואָרט נישט זאָגען, דריק איך אויס מיין מיינונג שפּראַכלאָז.

דער קעניג (צו די דיענער). שטאָפּט איהם צו דאָס מויל!

די דיענער (בויגען זיך איבער איבער׳ן נאַר און פערבינדען איהם דאָס מויל).

דער קעניג. יעצט וועלען מיר האָבען רוה, און אנדערע וועלען קאָנען קומען צום וואָרט.

ד ע ר נ אַ ר (שרייט פערשטיקט ארויס). דו וועסט נישט בע־סער מאכען!

ד ע ר ק ע נ י ג. דורך דעם נאַר האָבען מיר דעם וויין פער־געסען. מיר האָבען איהם געטרונקען, אָבער צו איהם נישט צו־געהערט זיך. דער גוטער וויין — ער מוז בעליידיגט זיין. מיינע געסט, איך לאַד אייך איין צו טרינקען — און מיט קאָפּ. דער וויין וויל געגאָסען און גענאָסען ווערען. צווישען צונג און גומען געהט־דורך ווי גוט פיעדעלשפּיעל אין אונז זיין געשמאַק, אָבער פון זיין אָנקום־פּלאַץ צוגעהט ער זיך איבער דעם קערפּער ווי א הערליכער אָרקעסטער. טרינקט, מיינע געסט, און מאַגט זיך אויך בעטרינקען. דער קעניג האָט איין טאָכטער בלויז, איין פער־לאָבונג האָט ער בלויז צו פּייערען. און דאָס מאָגט איהר וויסען, אויב איהר ווייסט עס נישט ביז יעצט: דער קעניג איז גליקליך מיט דעם זוהן, וואָס די טאָכטער ברייננגט איהם איין. מיין אײדים — אונזער פּרינץ, מיר מאָגען מיט איהם שטאָלץ זיין. אַז מיין קלוגע טאָכטער זאָל אין איהם אזוי פערליעבט זיין, זאָגט אונז מעהר ווי טויזענד ביכער פון זיין גרויסען ווערט. איהר זעהט, ווי רויט אונזער טאָכטער איז געוואָרען, האהאהאַ...

ד י פּ ר י נ צ ע ס י ן. עס איז מיר זעהר הייס. מאָג איך צו אַן אָפענעם פענסטער צו?

ד ע ר ק ע נ י ג. פיהר דיין מיידעלשע שעמעוודיגקייט צו צום פענסטער און לאָז זי דיר פון קאַלטען ווינד בעגלעטען און בעקוסען.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. קאָן איך זי בעגלייטען?

ד ע ר ק ע נ י ג. ביזט דו אויפ'ן ווינד אייפערזיכטיג? ווילסט דו דעם ווינד'ס ארבייט איבערנעמען? דו מאכסט זי מיר דאָך בלויז נאָך רויטער. געה, מיין פּרינץ. מיט דיר ביי איהר זייט, וועט די וועלט פון דרויסען גליקליכער אריינקוקען צו איהר.

ד י פּ ר י נ צ ע ס י ן א ו ן ד ע ר פּ ר י נ ץ (פערבויגען זיך און געהען צום פענסטער פאָרנט, וואוהין די טישען דערגרייכען נישט).

ד ע ר ק ע נ י ג (קוקט זיי נאָך). האהא, צום איינזאמסטען פענסטער, נאטירליך. אין גאנצען רויש און עולם אליין צו זיין און זיך אליין בלויז הערען. — מיין ליעבער קאנצלער, און איהר, מיין ליעבער שאצמייסטער, קומט־צו צו מיר, מיר וועלען וואָס בערעדען. מיינע געסט, לאָזט זיך נישט שטערען. פערגינט זייערע האָהייטען די איינזאמקייט אין עולם און טומ, ווי זיי וואָלטען דאָ מיט אונז געזעסען.

ד ע ר נ א ר (האַווקעט אונטער'ן טיש און שרייט פערשטיקט ארויס). איך אָבער וואָלט געוואָלט, מען זאָל מיין איינזאמקייט נישט פערגעסען!

ד י ג ע ס ט (ווענדען זיך צום עסען און טרינקען. דער ק א נ צ ל ע ר און דער ש א צ מ י י ס ט ע ר זעצען זיך איבער צום קעניג).

ד י פ ר י נ צ ע ס י ן (ביים פענסטער, צום פרינץ). דו לייענסט מיינע געדאנקען, ווי ווען מיין געדאנקען־בוך וואָלט אָפען געווען פאר דיר.

ד ע ר פ ר י נ ץ. דיינע געדאנקען זיינען מיינע, און מיינע זיינען דיינע פערלאנגען. איך לעב דאָך בלויז מיט דעם, וואָס איך טראָג דיך אזוי הארצעדיג אין מיר. דער קעניג מיינט, ער טוט אונז גוט, ווען ער האלט די געסט אזוי לאנג אויף. מיר ווילען ביידע דאָך בלויז די איינזאמקייט.

ד י פ ר י נ צ ע ס י ן. ער איז אזוי גליקליך.

ד ע ר פ ר י נ ץ. יא, איך האָב אויף איהם אויך קיין פער־דראָס נישט. ער איז אויך צו אונז זעהר גוט געוועזען, ווען ער האָט אונז ערלויבט אונזערע פלעצער צו פערלאָזען און אהער אוועקצוגעהן.

ד י פ ר י נ צ ע ס י ן (צודריקענדיג זיך צו איהם). דו, ליע־בער, געליעבטער!

ד ע ר פ ר י נ ץ. פערגעסען האָב איך יעצט געסט און טומעל, נאָר דיין בעריהרונג רוישט אין מיר, און דיינע ליעבעווערטער

קלינגען אין מיר, ווי ווען מיט וואונדערפולען געזאנג וואָלט דער גרויסער זאַל יעצט אָנגעפילט געוואָרען.

די פרינצעסין. זאָל איך דיר זאָגען, ווי איך האָב דיך ליעב?

דער פרינץ. דו פרעגסט? איך וועל עס קיינמאָל נישט מיד ווערען צו הערען.

די פרינצעסין. גיב מיר דיין האנד.

דער פרינץ. אָה, וואָסער גליק!

די פרינצעסין (דריקט־צו זיין האַנד צו איהר ברוסט). הערסטו די שפּראך? וואָס זאָג איך דאָ צו דיר?

דער פרינץ. איך קאָן שרייען פאר גליקזעליגקייט.

די פרינצעסין. פון די שפּיצען פון מיינע פוס־פינגער — איך האָב זעהר שיינע פוספינגער, זיי מוזען יעצט נאָך ראָזער זיין ווי שטענדיג — ביז צו די וואָרצלען פון מיינע רויטע האָר — זיינען זיי יעצט נאָך נישט רויטער? — שטראָמט אין מיר דער ליעבע־שטראָם און פערפלייצט מיך גאנץ.

דער פרינץ. ווי מיך דער ליעבעשטראָם אין מיר. און ווען שטראָם מיט שטראָם בעגעגענען זיך —

די פרינצעסין. קוקען אויף אונז נישט אַלע אויגען?

דער פרינץ. איך וויל מיינע אויגען נישט אָבווענדען פון דיר.

די פרינצעסין. ווען מיר בויגען זיך ארויס גאנץ ווייט פון פענסטער אין דער דונקעלהייט פון דרויסען —

דער פרינץ. אונזערע ליפּען וועלען גלויבען דאן, מען זעהט אונז נישט. (זיי קוקען זיך אָן פול גרויסער לײדענשאפט און בויגען זיך לאַנגזאַם ארויס פון פענסטער, צודריקענדיג זיך איינס צום אנדערן.)

א דיענער (קומט אריין און פערבויגט זיך פאר׳ן קעניג).

דער קעניג (איבעררייסענדיג זיין געשפּרעך מיט דעם קאַנצ־לער און דעם שאַצמייסטער). וואָס האָסט דו מיר צו זאָגען?

דער דיענער. מיט עפּעס וויכטיגעז איז אַ מאַן געקומען און זאָגט, ער מוז זיין מאַיעסטעט זעהן.

דער קעניג. מיט עפּעס וויכטיגען? וואָס איז דאָס וויכטיגע?

דער דיענער. ער זאָגט, ער קאָן עס בלויז דעם קעניג אליין זאָגען.

דער קעניג. זאָל ער מאָרגען קומען. זאָל ער קומען איבערמאָרגען — ארעסטירט איהם און האלט איהם איינגעשלאָסען, ביז איך וועל די פערלאָבונגס־שמחה אויסשלאָפען פון אַלע מיינע גליעדער.

דער דיענער. ער זאָגט, עס איז זעהר, זעהר וויכטיג פאר דעם קעניג און דאָס לאנד.

דער קעניג. האָט איהר נישט פּרובירט מיט אייערע האליבארדען איהם צו פערטרייבען אָדער האָט ער אייך אַלעמען אונטערגעקויפט?

דער דיענער. מיר האָבען אַלע געהאט דעם איינדרוק, אז דער מאַן און דאָס, וואָס ער ברייגגט מיט זיך, זיינען טאקע וויכטיג.

דער קעניג (קוקט איהם שאַרף אָן). גוט, ברייגג איהם אריין. וועט זיך אויסלאָזען, אז די וויכטיגקייט איז וויכטיג נאָר פאר איהם געוועזען, וועסטו טיילען מיט איהם די שטראָף, און זי וועט פאר אייךביידען דורך דעם נישט קלענער ווערען. געה ברייגג איהם אריין. יעצט קאָנסטו מעהר שוין נישט חרטה האָבען.

דער דיענער (פערבויגט זיך און געהט ארויס).

דער קעניג (צו קאַנצלער און שאַצמייסטער). קאָנט איהר טרעפען, וואָס דאָס קאָן זיין?

דער שאַצמייסטער. ווען מאַיעסטעט קאָן עס נישט טרעפען, ווי זאָלען מיר עס דען?

דער קאַנצלער. וויכטיג פאר קעניג און לאנד, האָט ער געזאָגט. מיר האָבען געדאַרפט פרעגען, פון וואנען ער קומט,

פון וועלכער שטאָדט, פון וועלכער גרעניץ. מיר האָבען אפילו נישט געפרעגט, צו איז ער דעם קעניג'ס אַן אונטערטאַן אָדער צו ער קומט פון אַ פרעמדען לאַנד.

דער נאַר. פרעגט דאָך מיך —

די דיענער (ווארפען זיך צו איהם).

דער נאַר (בילט). האו—האו—האו!

דער קעניג. גוט, נאַר, איך פרעג דיך. זאָג מיר, וואָס איז די וויכטיגקייט.

דער נאַר. זאָלען זיי דאָס מויל מיר אויפבינדען, און איך וויל ארויסקריכען פון אונטער'ן טיש.

דער קעניג. און דו וועסט מיר זאָגען?

דער נאַר. און דו וועסט אויך זעהן, אז איך האָב ריכטיג געטראָפען.

דער קעניג (צו די דיענער). בינדט איהם אויף דאָס מויל. (זיי טוען עס.)

דער נאַר (ארויסקריכענדיג פון אונטער'ן טיש). עס איז געוועזען וויכטיג, ער זאָל קומען, און איך זאָל קריגען מיין מויל פריי און ארויס פון אונטער'ן טיש — האו־האו־האו! (שפּרינגט אַוועק מיט לאַנגע שפּרינג איבער'ן זאָל ביים הויכען געלעכטער פון די געסט.)

די דיענער (לאָזען זיך נאָך איהם).

דער קעניג. לאָזט איהם לויפען. ווייל ער איז געוועזען קליגער, זאָל ער נישט בעשטראָפט ווערען.

דער נאַר (שפּרינגט־צו צו דער פּרינצעסין און דעם פּרינץ, וועלכע שטעהען ארויסגעבויגט פון פענסטער, פערגעסען אין אַ קוס, בלייבט שטעהן און קוקט זיך צו מיט פערשיעדענע גרימאַסען). אזוי האָט מען מיר מיין מויל נאָך קיינמאָל נישט פערמאכט. — דאָס רופט מען אַ קוס. דעם נאָמען ווייס איך, איך קען דאָס וואָרט און קען אויך דעם קלאַנג, אָבער איך ווייס נישט, ווי דער טעם. — ער מוז דאָך גוט זיין, ווען מען קאָן זיך נישט אָוועקרייסען...

(דערהעכערט אַ ביסעל די שטימע.) ווען מען קאָן זיך אזוי פער־געסען... (נאָך העכער.) ווען זיי האָבען מיך נאָך נישט דערהערט. (בילט הויך.) האו! האו! האו!

די פרינצעסין און דער פרינץ (צאַפּלען אויף און שטעלען זיך אויף).

דער נאר (מיט פערבויגונגען). ענטשולדיגט, לאָזט אייך נישט שטערען, איהר קאָנט אָנהעבען פון אָנהעב. איך האָב גע־וואָלט בלויז וויסען, ווען איז דער קוס אַם געשמאַקסטען: אין אָנהעב, ווען עס בעריהרען זיך די ליפּען, אָדער — — וואָס פרעג איך נאר! זיכער דאָך אין מיטען. ווען פון אָנהעב, וואָלט איהר שנעל דאָך אויפגעהערט און פון אָנהעב אָנגעהויבען. און אַ סוף איז נאָר פון שמערצען אנגענעם.

דער פרעמדער (קומט אריין, בעגלייט פון דעם דיענער. וויל דער קעניג רעדט מיט דעם קאַנצלער און דעם שאַצמייסטער, בלייבט ער שטעהן פון וויטען און וואַרט. אין זאַל ווערט שטיל. אַלע ווענדען די בליקען אויף דעם פרעמדען).

די פרינצעסין. ווער איז דאָס דער מאַן?

דער נאר. מיין בעפרייאונג.

דער פרינץ. קאָנסטו דער פרינצעסין דייטליכער נישט רעדען?

דער נאר. עס איז אזוי, ווי איך זאָג. וויל ער איז גע־קומען, בין איך בעפרייט געוואָרען.

דער קעניג (צום פרעמדען). טרעט נעהנטער צו און זאָג, וועלכע וויכטיגקייט האָט דיך צו מיר געפיהרט.

דער פרעמדער (געהט־צו און פערבויגט זיך).

דער קעניג. ווער ביזטו?

דער פרעמדער. איך בין אַן ערפינדער, אַ טרייער אונ־טערטאַן פון זיין מאיעסטעט, און האָב אַ גרויסע ערפינדונג גע־מאַכט.

דער קעניג. און מיט איהר האָסטו געמוזט צו מיר קומען גראד יעצט אין דער שטונדע פון מיין שמחה?!

דער פרעמדער. מיט איהר האָב איך געמוזט גראד יעצט קומען. פריער בין איך נאָך נישט גאנץ פארטיג געוועזען, און שפּעטער וואָלט געווען צו שפּעט.

דער קעניג. וואָס איז דיין ערפינדונג?

דער פרעמדער. די גרעסטע, וועלכע די וועלט האָט ווען געקאָנט.

דער קעניג. דערפון ווערט די זאך נישט קלאָרער מיר.

דער פרעמדער. ווען דו וועסט מיין ערפינדונג אָננעמען פון מיר, וועסטו דיין אייגען גליק און דאָס גליק פון דיינע אונטער־טאַנען אינ'ם אונענדליכע פערגרעסערען. ניין, די גאַנצע וועלט וועט זיך צו דיר ווענדען, ווי צו איהר גרעסטען רעטער, און דו וועסט ווערען דער הערשער פון דער וועלט.

דער קעניג. פאר וואָס ביזטו עס שוין נישט געוואָרען?

דער פרעמדער. ווען דו וועסט עס זיין, וועל איך עס אויך שוין ווערען. און איך ברויך דיין הילף.

דער קעניג. עס ווערט נישט קלאָרער מיר.

דער נאַר. עס האָט אַ צווייטער נאר זיך אויפגעזוכט.

דער קעניג. וואָס איז דיין ערפינדונג? און אין וואָס בעשטעהט מיין הילף?

דער פרעמדער. צוערסט וועל איך דיר זאָגען, ווער איך בין, מיין אָבשטאַמונג און מיין יחוס.

דער קעניג. וואָס האָט עס מיט דער ערפינדונג צו טאָן? זי בלויז וויל איך וויסען.

דער פרעמדער. מיין קעניג, צוערסט בין איך גע־וואָרען און דערנאָך ערסט מיין ערפינדונג. און אויסערדעם: מיין ערפינדונג איז אַזוי גרויס, אַז נאָר דורך דער גרויסער קראַפט, וועלכע האָט זיך לאַנגע דורות אָנגעזאַמעלט און אין מיר פערקער־פּערט, האָב איך געקאָנט צו איהר קומען.

דער קעניג. קומסט דו ארויס פון לאנגע דורות פון חכמים?

דער פרעמדער. אומגעקעהרט, מיין קעניג. איך רעד פון אָנגעזאמעלטער קראפט, פון גייסטיגער קראפט, וועלכע האָט זיך נישט פערברויכט, נישט צוטיילט, זיך נישט אויסגעגעבען.

דער קעניג. מאך קורץ עס דען. פון וועמען שטאמסטו אָב?

דער פרעמדער. מיין טאטע און מיינע זיידעס און מיינע עלטערזיידעס אזוי ביז זיעבען דורות, פון טאטענס צד און מאמעס צד, זיינען קיינער מיט א נאטירליכען טויט נישט געשטאָרבען. זיי האָבען אלע איהם געפונען אויף דער תליה פאר גנבה, מאָרד און גזלה. (גרויסער געלעכטער.)

דער קאנצלער (לאכענדיג). ווי איז דער פרויען-צד?

דער נאר. נעמט אלע יונגע מיידלעך שנעל אוועק — זיי דארפען עס נישט הערען.

דער פרעמדער. דו ביזט גערעכט. מיין מאמע און מיינע באָבעס און מיינע עלטערבאָבעס — אויך אויף ביידע זייטען — זיינען אָפענע הייזער געוועזען פאר פריינד און געסט און פארביינעהער. (גרויסער געלעכטער.)

ערסטער הויפטמאן. און וואָס איז געוועזען פאר די זיעבען דורות?

צווייטער. ווי ווייסטו, ווער דיין טאטע?

דריטער. זיעבען דורות און נאָך לייגגער האָט זיך קויט געזאמעלט...

פיערטער. פערברעכען און הורעריי...

דער נאר. פון זיעבען דורות העסליכקייטען בין איך ארויסגעקומען — דער העסליכסטער פון אלעמען.

דער קעניג. גענוג! די תליה האָט געלאָזען אויף זיך צו לאנג ווארטען, איז ער געקומען אויפצומאָנען, וואָס עס קומט איהם בירושה.

דער פרעמדער. דו וועסט עס טאָן, ווען דו האָסט מיך אין גאנצען אויסגעהערט. מיין קעניג, אין יעדעם נאר טליעט כאָטש א קליינער פונק פון גייסט און קלוגהייט, אין יעדען לומפּ ליענט כאָטש א טראָפּען עהרליכקייט. אויך אין די זיעבען פער־ברעכער־דורות פון מיינע אָבות האָט זיך אויפגעהאלטען גייסט און עהרליכקייט. פון דור צו דור האָט זיך עס געזאמעלט — פונק־ווייז, טראָפּענווייז, און דעם גאנצען הויפען האָב איך אָבגעקראָגען.

דער שאצמייסטער. א וואנץ וואָלט דעם גאנצען הויפען געקאָנט איינטראָגען.

דער נאר. די פונקען האָבען די טראָפּענס אויסגעטרי־קענט, די טראָפּענס האָבען די פונקען אויסגעלאָשען — וואָס איז געבליעבען? (געלעכטער.)

דער פרעמדער (שטאָלץ און קרעפטיג). איך האָב די גרעסטע ערפינדונג געמאכט.

דער קאנצלער. דיין גרעסטע ערפינדונג איז — אַן ערפינדונג, אַן אויסגעטראכטער ליגען. (געלעכטער.)

דער פרעמדער (נאָך שטאַרקער). איך האָב די גרעסטע ערפינדונג געמאכט! (דער געלעכטער הערט אויף.) זי איז וועלט־הערשאפט פאר דעם קעניג, זי איז א ברכה פאר דער מענשהייט, זי איז פיעלייכט אויך אייביג לעבען.

דער קעניג. עס עקעלט מיך עס פון זיין מויל צו הערען.

דער פרעמדער. מאיעסטעט, עס האָט מיך פון מיר אליין געעקעלט. די פערברעכען פון זיעבען דורות האָבען שווער אויף מיר געדריקט, און איך האָב אלץ געטראכט, ווי זאָל איך זיי אויסקויפען, ווי זאָל איך מאכען גוט, וואָס זיעבען דורות האָבען אזוי שלעכט געמאכט. דער שמוץ פון זיעבען דורות האָט אויף מיר געקלעבט, און איך האָב געביינקט נאָך ריינקייט און אלץ געזוכט, ווי זאָל איך איהם אָבוואשען פון מיר. דאָס האָט מיך געפיהרט אויף דעם געדאנק, אז איך מוז וואָס אויפטאָן, וואָס די מענשהייט זאָל אייביג בענשען. און איך האָב יאָהרענלאנג שווער

געלערנט און געטראַכט, יאָהרענלאַנג אָהן אַן אויפהער אַלץ גע־זוכט, מיט איין ציעל בלויז פאַר די אויגען. און איך האָב אויך פיעל צו גאָט געבעטען — אין גרויסער איינזאַמקייט האָב איך געלעבט, אָבגעשיידען פון דער גאַנצער וועלט, אַליין מיט מיין שטודירען און מיינע געדאַנקען און מיט גאָט. און גאָט האָט מיינע תפלות צוגעהערט און אויפגענומען.

דער קעניג (מיט עקעל). וואָס איז דיין ערפינדונג?

דער פרעמדער. גאָט האָט מיך געלאָזען אריינקוקען אין די סודות פון זיין שאַפונג, זעהן, וואָס קיינער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן, ענטדעקען כחות אין דער נאַטור, וועלכע קיינער האָט קיינמאָל נישט פערמוט.

דער שאַצמייסטער. און ווי מען האָט זיי נישט פער־מוט, אזוי זיינען זיי נישטאָ.

דער פרעמדער. קענסטו די זון?

דער שאַצמייסטער. איך קען זי גוט, נאָר בין איך קיינמאָל איהר נישט פאָרגעשטעלט געוואָרען.

דער פרעמדער. געוויס קענסטו די זון. איהר אַלע קענט די קראַפט, וועלכע איהר פיהלט. איהר ווייסט, די זון — זי וואַרמט אייך. איהר ווייסט, איהר דאַרפט די זון פאַר דעם וואוקס פון אייערע תבואות. איהר ווייסט, ווי נויטיג זי איז אייך פאַר אייער גוטער שטימונג. דאָך זי איז נישט אין אייער רשות. זי דיענט אייך, דאָך איהר קאָנט איהר נישט בעפעהלען. ביי נאַכט מוזט איהר וואַרטען, ביז עס ווערט טאָג, און איז דער טאָג מיט רעגען רייך, מוזט איהר געדולד האָבען, ביז די וואָלקענס האָבען זיך אויסגעלעדיגט און זיינען פערשוואונדען.

דער קאַנצלער. וואונדערבאַרע זאַכען דערצעהלסטו אונז דאָ. איז דאָס די וויכטיגקייט, וועלכע האָט דיך אהער גע־בראַכט?

דער שאַצמייסטער. ער וועט אונז באַלד דערצעהלען,

אז ווען די זון שיינט, איז ליכטיג, און איז עס פינסטער, איז עס א סימן, אז די זון שיינט נישט.

דער פרעמדער. איך האָב מיך אויסגעלערנט די זונענשטראַלען פאר געפאנגענע צו מאכען און זיי מיר אין מיין דיענסט צו שטעלען.

דער קאַנצלער. דעם טייוועל פּיעלייכט! ביזט נאָר א מכשף?

דער פרעמדער. מאיעסטעט, איך וויל, מען זאָל מיך ערנסט נעמען.

דער קעניג. רייסט איהם נישט איבער.

דער פרעמדער. איך בין נישט קיין מכשף און האָב גאָרנישט אויפגעטאָן, וואָס איז איבער דער נאַטור. עס האָט מיר גאָט געהאָלפען, איך זאָל קאָנען געברויכען זיין קראַפט. ער האָט געהאָלפען מיר אַ מאַשינע אויפצושטעלען, וועלכע נעמט אין זיך אויף די זונענשטראַלען, און דורך איהר קאָן איך אויפטאָן אַלע וואונדער, וועלכע די זון טוט אויף, און נאָך מעהר. ווייל צו דער קראַפט פון דער זון קומען־צו נאָך דעם מענשענס שכל און זיין פרומקייט.

דער שאַצמייסטער. ווי קלינגט עס שלעכט אין זיין מויל!

דער קעניג. וועלכע וואונדער קאָנסטו אויפטאָן?

דער פרעמדער. איך האָב׳ס געזאָגט, מיין קעניג. אָדער האָסטו מיך פערהערט? אַלע וואונדער פון דער זון און מעהר. דורך מיין מאַשינע הערט די נאַכט אויף, הערט אויף די קעלט. דו וועסט זי אין דיין וואָגען איינשפּאַנען, און זי וועט דיך פיהרען פלינקער, ווי דאָס פלינקסטע פערד. דו וועסט קיין רודערער נישט ברויכען מעהר אין דיינע שיפען, און שנעלער פיעל וועסטו דורכשניידען דעם וויטסטען ים. זי וועט דיך אויפהעבען אין דער הויך, ווי אויף פליגלען פון דעם מעכטיגסטען אָדלער, און וועט דיר דורכגראָבען אַ וועג צו אַלע אוצרות אין דער טיעפענים פון

דער ערד. די קראפט, וועלכע איז אין איהר איינגעשלאָסען, קאָן היילען וואונדען, וועלכע זיינען געוועזען נישט צו היילען...

א הינקענדיגער הויפמאן. קאָן זי מיך מאכען גלייך?

דער פרעמדער. אויב דו האָסט דיין פוס נאָר נישט פערלאָרען.

א בלינדער הויפמאן. קאָן זי מיר אומקעהרען דאָס ליכט פון מיינע אויגען?

דער פרעמדער. אויב די אויגען זיינען דיר נישט אויס־גערונען.

א הויפמאן. מאכט זי טויבע הערענדיג? מאכט זי שטומע רעדענדיג? איך האָב צוויי קינדערלעך, א זוהנעלע און טעכטערל, ווי מלאָכים קליינע שיין, אָבערביידע טויב און שטום.

דער פרעמדער. זייער רעדען וועט באלד דיין פאָטער־הארץ דערפרעהען.

א צווייטער הויפמאן. קאָן זי מיך אויסהיילען פון א קראנקהייט, וועלכע איך האָב אָבגעקראָגען פון א דאמעלע, וועלכע שטאמט געוויס פון דיין משפחה, אויב זי איז נישט אליין דיין שוועסטער?

דער פרעמדער. איך וועל דיין שטאָך פערטראָגען און דיך אויסהיילען.

א דריטער. איך בין ליעבעקראנק. די הערליכע, וועלכע איך ליעב, האָט צוגעשלאָסען פאר מיר הארץ און שויס — קאָן דיין מאשינע מיר דאָ העלפען?

דער פרעמדער. אויב דו ועסט וועלען זעלבסטמאָרד בעגעהן, אין מיין ערפינדונג געפינסט דו דעם שנעלסטען טויט און דעם שמערצלאָזעסטען.

א דאמע. קאָן זי מאכען יונג?

דער פרעמדער. איך פערזיכער דיר, דו וועסט, ווי די טאָכטער אויסזעהן פון דיין טאָכטער.

די דאמע. די העזה! איך בין נאָך גאָר א מיידעל.

א צווייטע דאמע (פערלעגען). קאָן זי מאכען שיין?

דער פרעמדער. זי וועט דיך מאכען, ווי דו ווינשט זיך דיר.

דער נאר (שרייט אויף). קאָן זי אויך מאכען שיין?!

דער פרעמדער. דו וועסט דיך נישט דערקענען. דיינע געלע פוילע ציינער וועלען ווייס ווערען און ווערען דיר געזונד. די גרויסע גראָבאייזען, וועלכע שטעקען דיר ארויס, וועלען ווי אונטערגעפיילט ווערען און אויסשטעלען זיך אין א שורה גלייך מיט זייערע קליינע שכנים. דיין האָרב וועט אריינגעדריקט ווערען אין דיינע קנאָכען און צוגעהן זיך אין מוסקולען און פעט, און דו וועסט געווינען אין וואוקס, וואָס דער האָרב האָט פון דער לייננ דיר אָבגענומען.

דער נאר (אויפגערעגט). דו היט דיך! איך קאָן שאר־פערע וויצען מאכען.

דער פרעמדער. איך מאך קיין וויצען איבערהויפט נישט, און האָב איינמאָל נאָר געלאכט אין מיין גאנצען לעבען: ווען איך האָב איינגעזעהן, אז מיין ערפינדונג איז געלונגען.

דער נאר (מיט פערבאָפטען אָטעם). קאָנסטו ווירקליך מיך מאכען שיין?!

דער פרעמדער. דו וועסט עס שוין דערלעבען. וועסט מיינען, ביזט נאָר נייגעבאָרען.

דער נאר (אין גרעסטער אויפרעגונג). איך וועל ווערען שיין! מיין האָרב וועט פערשווינדען און הויך וועל איך ווערען, מיין מויל וועט פערליערען זיין שרעק! שיין וועל איך ווערען! שיין! און דאן וועל איך ווערען אויס נאר! האָט איהר געזעהן, מען זאָל א שיינעם שפּייען אין געזיכט? האָט איהר געהערט, מען זאָל א שיינעם מיט א רימען שמייסען? האָט איהר געזעהן און געהערט, מען זאָל א שיינעם מיאוס בעהאנדלען? אָה, איך וועל ווערען שיין און אויס נאר, און דאן וועל איך א שיינע מיידעל

קוסען. א שיינע — מיידעל — קוסען! ביים אָפענעם פענסטער אין דונקעלער נאכט, קערפער צו קערפער געדריקט! (צו די דאַמען.) העי, ווער פון אייך וועט וועלען פון מיר ערצבערט ווערען? — איך וויל ערצבערט ווערען פון אלעמען! שיין וועל איך זיין און קלוג בין איך שטענדיג...

ד ע ר ק ע נ י ג. ער איז משוגע געוואָרען. שטילט איהם איין!

ד ע ר נ א ר (שפרינגט אוועק מיט זיינע שנעלע שפרונג). שיין וועל איך זיין! שיין וועל איך זיין! — האו־האו־האו!

א ן א ל ט ע ר ה ו י פ מ א ן. און קאָנסטו ווירקליך מאכען יונג?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. איך האָב עס א דאמע שוין בעענט־פערט. איך קאָן דיך מאכען יונג. און ווי איך האָב געזאָגט — מיין ערפינדונג בריינגט פיעליכט אויך אייביג לעבען.

ד ע ר א ל ט ע ר ה ו י פ מ א ן. פאר וואָס דען בלויז „פיע־ליכט"?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. ווי קאָן איך זיכער זיין? דאָס וועט דאָס אייביגע לעבען ערסט דערווייזען. איך פערזיכער בלויז, וואָס איך ווייס געוויס.

ד ע ר ק א נ צ ל ע ר. האָסט פריער געזאָגט, זי קאָן אויך טויטען.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. מען געפינט אין איהר, וואָס מען זוכט. זי האָט די קראפט אייביג לעבען צו געבען און איז אויך א טויט־ליכע וואפע. אין מלחמה ועסטו מיט איהר דעם קעניג'ס פיינד ווי מיט זונענשלעג פערניכטען.

ד ע ר ש א צ מ י י ס ט ע ר. קאָן זי אויך גאָלד מאכען פון שטיין און זאמד?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. מערקווירדיג, איך האָב עס ערסט גע־וואָלט דערקלערען. דו האָסט מיינע ווערטער מיר ארויסגעכאפט. יא, מיין ערפינדונג קאָן עס גאַנץ געוויס.

דער קעניג. האָסטו זי דאָ ביי דיר?

דער פרעמדער. ניין און יאָ. ניין, ווייל איך האָב זי נישט דאָ ביי מיר פארטיגערהייט; יאָ, ווייל איך האָב זי ביי מיר אין קאָפּ און צו יעדער צייט קאָן איך מיך נעמען זי צוזאמענ־צושטעלען.

דער קעניג. ווען וועסטו זי מיר צוזאמענשטעלען?

דער פרעמדער. ווען מאיעסטעט וועט מיר בעהילפיג זיין.

דער קעניג. מיט וואָס קאָן איך דיר בעהילפיג זיין?

דער פרעמדער. מיין קעניג, גאָט האָט מיין ביינקענים נאָך רייניגונג איינגעזעהן און די ערפינדונג מיר אריינגעגעבען. ער איז געוועזען גוט צו מיר, ער האָט מיינע תפלות צוגעהערט. די וועלט, די גאנצע וועלט וועט מיך אייביג בענשען, ווי אַ ליכ־טיגער שטערן וועט מיין נאָמען אייביג שיינען אויף דעם הימעל פון דער מענשהייט. דאָך ווי דער דונקעלער עק פון דעם הער־ליכען קאָמעט וועט זיך נאָכשלעפּען נאָך מיר די שאַם און שאנד פון זיעבען פוילע דורות. דאָס גאנצע גוטס, וואָס איך וועל אויפ־טאָן דורך מיין ערפינדונג, וועט נישט אין שטאנד זיין דעם פלעק אָבצוואַוואשען פון מיין לייכטענדיגער זון. אָבער איך וויל דעם פלעק אויף זיך נישט טראָגען, ער מוז אין גאנצען אָבגעוואַשען ווערען. גאנץ גערייניגט זאָל איך שטעהן פאר די אויגען פון דער וועלט. דו קאָנסט מיר העלפען.

דער קעניג. איך האָב דיך שוין געפרעגט: מיט וואָס? ווי ווילסטו גערייניגט ווערען?

דער פרעמדער. דורך פערבינדונג מיט דער גרעסטער ריינהייט.

דער קעניג. און זי — איז?

דער פרעמדער. דיין טאָכטער. (בעוועגונג צווישען די געסט.)

דער קעניג. וואָס?!

דער פרעמדער. דיין טאָכטער מיר פאר אַ ווייב.

ד י פּ ר י נ צ ע ס י ן (כאַפּט זיך אָן מיט אַן אויפגעשריי אָן דעם פּרינץ).

ד ע ר פּ ר י נ ץ (כאַפּט זיך פאַר זיין שווערט).

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. פּיעלייכט מיט דורות שפּעטער וועט די מענשהייט אויסטראַכטען פאַר מיר אַ נייע אָבשטאַמונג. בע־שעמט צו האָבען אַ שמוצפלעק פאַר איהר רעטער, וועט זי מיר צושרייבען אַ נייעם פאָטער און אַ נייע מוטער, פון ריינעם אַדעל, אונבעפלעקטע. אָבער אַלס קעניג׳ס איידים וועל איך גלייך דער־גרייכען, אויף וואָס איך קאָן מיך ריכטען אין ווייטע דורות. דיין קעניגליכער גלאַנץ וועט גלייך בעשיינען מיין גאַנצע אָבשטאַמונג און מאַכען צו פערגעסען מיין פאָטער און מיין מוטער.

ד ע ר ק ע נ י ג (אָטעמט שווער, קוקט אָן דעם פרעמדען מיט ווילדען כעס, קרעמפּפּט די פינגער, ווי זובענדיג, וואָס צו טאָן מיט איהם).

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. דו ביזט אין כעס, מאַיעסטעט. איז מיין פאָרדערונג אַזוי צו גרויס? איך האָב געבראַכט דער מענש־הייט׳ס גליק מיט זיך, פערדיען איך נישט די גרויסע רייניגונג? איך האָב דיר אַלמעכטיגקייט געבראַכט, מיין קעניג, און וויל דורך דיר דערהעבען ווערען — לוינט זיך דיר דער בייט נישט? מיין קעניג, גאָט האָט מיר די ערפינדונג אַריינגעגעבען, איך זאָל צו־קומען צו דיר.

ד ע ר ק ע נ י ג (שמייסט אויף איהם זיין ווייגלאָז און דונערט אַרויס). נעמט איהם אַוועק פון מיינע אויגען! נעמט איהם אַוועק! הייגנט איהם! ברענט איהם! ניין, מאַטערט איהם, ווי קיינער איז נאָך קיינמאָל נישט געמאַטערט געוואָרען! קאַנצלער, שאַצמייסטער, אַלע מיינע מיניסטאָרען, אַלע קלוגע און אַלע בייזע פון מיינע געסט, נעמט אייך צונויף און טראַכט אויס פאַר איהם די פּיינליכסטע יסורים! נעמט איהם אַוועק פון מיינע אויגען!!

ד י ד י ע נ ע ר (בעוועגען זיך צום פרעמדען לאַנגזאַם און אונ־ענטשלאָסען).

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. אָ, קעניג, גלויבסטו מיר מיין ערפינ־

דונג נישט? וואָלט איך מיין לעבען איינגעשטעלט און געקומען צו דיר מיט א זאך, וואָס איז נישט געשטויגען? ווייס איך דען נישט, וואָס מיין סוף וועט זיין, ווען איך וועל דיך בעטריגען? וויל איך דען, דו זאָלסט מיר גלויבען אויף מיין וואָרט? דו פער־שפּרעך מיר בלויז דיין טאָכטער, גיב מיר בלויז דיין וואָרט — מיין ווייב זאָל זי ווערען, ווען דו וועסט אויסגעפינען, אז אמת איז אלץ, וואָס איך האָב דיר געזאָגט.

די פּרינצעסין (אין גרעסטער אויפרעגונג). און זאָל זי אמת זיין, און זאָל זי טויזענד מאָל אמת זיין די ערפינדונג, איך וועל זיין ווייב נישט זיין! און זאָל זי נאָך מעהר אויפטאָן, ווי ער האָט דאָ פערשפּראָכען — איך ליעב מיין פּרינץ! איך ליעב מיין פּרינץ!

דער קעניג (צו די דיענער). וואָס געהט איהר לאנגזאם, איהר הינד! ווילט איהר די יעניגע זיין, אויף וועלכע ער זאָל ערפאהרען, ווי עס וועט איהם וועה טאָן? נעמט איהם צו וואָס שנעלער! טוט איהם זיין לוין! (צום דיענער, וועלכער האָט אָנ־געזאָגט דעם פּרעמדענס אָנקום.) און דו, וועלכער האָט איהם אריינ־געבראכט אהער, וועלכער האָט זיין וויכטיגקייט אזוי ערנסטליך פערזיכערט, ווילסטו זיין שטראָף מיט איהם נישט טיילען, ווי איך האָב דיר פערשפּראָכען, פיהר אוים אויף איהם די אלע מאטער־ניסען, וועלכע וועלען פאר איהם אויסגעפונען ווערען, און טראכט נאָך צו, וואָס די אנדערע האָבען אויסגעלאָזען צו צוטראכטען.

דער פּרעמדער (אָבהאלטענדיג פון זיך די דיענער). נאָר נאָך א פּאָר ווערטער. גאָט׳ס ווילען מוז געשעהן. קעניגסטאָכ־טער, עס האָט דיך גאָט מיר אָנגעוויזען. ווי די ערפינדונג, קומט פון איהם אויך דער געדאנק, איך זאָל דיך אלס מיין ווייב פער־לאנגען. דו ביזט זיין אויסגעוועהלטע, מיר די גרויסע רייניגונג צו זיין. זעה, איך לעג אין דיינע צארטע הענד דאָס גליק פון דער מענשהייט.

די פּרינצעסין (דריקט זיך שטאַרקער צו צום פּרינץ). אָה, זאָל ער דאָך צו מיר נישט רעדען!

דער קעניג. וואָס לאָזט מען איהם נאָך רעדען?!

דער נאַר (שרייט אויף). איך וויל שיין ווערען! איך וויל שיין ווערען!

דער הינקעדיגער. ער קאָן מיך גלייך מאַכען!

דער בלינדער. ער וועט מיר אומקעהרען דאָס ליכט פון מיינע אויגען!

דער פרעמדער. די נויטען פון דער גאַנצער מענשהייט רופען צו דיר, דו ליעבע קעניגסטאָכטער.

די פּרינצעסין. ניין! ניין!

דער קעניג. נעמט דאָך אוועק דעם שמוצטאָפּ!

דער פּרינץ (שפּרינגט פּלוצלונג אריבער איבער'ן טיש, לויפט צו צום פרעמדען און שטעקט איהם אריין זיין שווערד אין דער ברוסט). דאָ האָסטו דיר דיין רייניגונג, דו לומפּ, דו קרעציגער הונד!

דער פרעמדער (כאַפּט זיך פאַר דער ברוסט). עס איז דאָס גרעסטע פערברעכען בעגאַנגען געוואָרען! (פאַלט טויט.)

דער נאַר (מיט אַן אויסגעשריי פאַלט איבער דעם טויטען. געמורמעל צווישען די געסט).

דער קעניג. נעמט איהם צו און וואַרפט איהם ארויס פאַר די הינד! — וואָס מורמעלט איהר דאָרטען? האָט איהר געוואָלט, אייער קעניג זאָל אַ ווישטוך זיין, אַז וועלכען אַן ארויס־געשטויגענער פון גיהנום־בלאָטע זאָל זיינע פיס אָבריייניגען? צו־געהט זיך יעצט. די שמחה איז אויס. גוטע נאַכט אייך אַלעמען! — קום, מיין טאָכטער! גלעט דיין שטערן אויס און טרייב ארויס פון דיין זכרון די בייזע פרייד־פערשטערונג. אויף דיין חתונה וועלען מיר פערבעסערען. דער גיהינום, האָף איך, האָט שוין מעהר קיין שמוץ נישט אויף ארויסצושפּייען, — קוממ, פּרינץ! לאָזט מיך דריקען אייער האַנד. ווען איך קאָן שפּרינגען איבער'ן טיש אַזוי ווי איהר, וואָלט איך אויך מיין שווערט געצויגען. דאָך זייט

איהר געוועזען אַ ביסעל צוגעאיילט. איהר האָט איהם אומזיסט בעפרייט פון די פערדיענטע מאטערניסען. קאנצלער! שאצ־מייסטער! גוטע נאכט! (קעניג, פּרינצעסין, פּרינץ, קאַנצלער, שאַצ־מייסטער און אַ סך אַנדערע געהען אַוועק.)

די דיענער (וואַרפען אַראָב דעם נאַר און טראָגען אַוועק דעם טויטען).

דער נאַר (ווייגט־אויף). אההה... ווייסט איהר, וואָס הייסט העסליך זיין? ווייסט איהר, וואָס הייסט טראָגען אַ האָרב אויף דעם רוקען דורך דאָס גאנצע לעבען? ווייסט איהר, וואָס עס הייסט נישט וויסען, וואָס אַ קוס איז פון אַ מיידעל? און ער האָט... אָההה...

דער הינקעדיגער. מיין פוס וואָלט ער מיר אויס־געהיילט.

דער בלינדער. איך וואָלט זעהענדיג געוואָרען.

דער פאָטער. מיינע קינדערלעך! מיינע קינדערלעך! מיינע אומגליקליכע, טויבשטומע קינדערלעך!

אַ הויפדאמע. וואָס וועט די וועלט זאָגען, ווען זי וועט זיך דערוויסען?

אַ הויפמאן. די וועלט וועט דערצעהלען: עס איז גע־וועזען איינער, וועלכער האָט נאָך גרויסער ריינהייט געשטרעבט. גאָט האָט איהם געהאָלפען, אָבער אז ער האָט געדאַרפט אָנקומען צו מענשען, האָבען זיי איהם פערניכטעט.

אַ צווייטער הויפמאן. די וועלט וועט דערצעהלען: עס איז געוועזען אַ קעניג, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון וועלט־הערשאַפט, ווייל ער האָט זיך מיט שמוץ נישט געוואָלט מתחתן זיין.

אַ צווייטע הויפדאמע. די וועלט וועט דערצעהלען: עס איז געוועזען אַ קעניגסטאָכטער, וועלכע האָט זיך אָבגעזאָגט פון אייביגקייט, ווייל זי האָט געליעבט.

אַן אַלטער הויפמאן. ניין, ניין, די וועלט וועט שעל־

טען. אייביגע זון האָט ער איהר געהאט געבראכט... אייביגע יוגענד... אייביג לעבען...

א ד ר י ט ע ה ו י פ ד א מ ע. די וועלט וועט זעהר טרויעריג זיין.

פאָרהאנג.

פּאָליטיק

א קאָמעדיע אין איין אקט

(יולי, 1915.)

פערזאָנען:

דער קאנצלער.
זיין פרוי.
דער פיהרער פון די געלע.
דער פיהרער פון די שווארצע.
דער פיהרער פון די בלויע.
דער פיהרער פון די גרויע.
א בעאמטער.
פאָלק: געלע, שווארצע, בלויע און גרויע.

די האנדלונג קומט פאָר אין לאנד און צייט פון א מעשהלע.

דאָס גרויסע פאָרצימער פון דעם קאַנצלערס קאַנצעלאריע. אין הינ־טערגרונד גרויסע פענסטער מיט בײנק איבער דער גאנצער לײנג פון דער וואנד. רעכטס צווײ טירען צו די צימער פון דעם קאַנצלער: די גאָרנסטע איז צו דער אײגענטליכער קאַנצעלאריע, וואו דער קאַנצלער געפינט זיך. לינקס די גרויסע טרעפּ. — דער פיהרער פון די געלע און דער פיהרער פון די שווארצע זיינען פערטאָן אין אַ געשפּרעך, דאָך נישט פערגעסענדיג די פאָרנסטע טיר, וועלכע זיי היטען אָב מיט די אויגען.

דער פיהרער פון די געלע (אָנגעטאָן אין אַ געלען פאנטאסטישען אנצוג). לעבען און לעבען לאָזען — דאָס איז פון שטענדיג אָן מיין כלל. איך וויל א סך פאר מיר און מיינע, אָבער איך פערגין די אַנדערע זייער חלק, און פערגעס נישט פאָלק און פאָטערלאנד. איך וועל גערן אונטערשטיצען אייך אין אייערע פאָדערונגען, ווען זיי זיינען מיינע נישט צואווידער און ווען איך וועל מיינע פיהלען שוין געזיכערט.

דער פיהרער פון די שוואַרצע (אין אַ פאַנ־טאַסטישער שוואַרצער קליידונג). מיינע פאָדערונגען זיינען שטענדיג די בילכערע געוועזען, ליעבער פריינד. דו טראכסט דאָך בלויז פאר זיך, איך אָבער האָב אין זינען דאָס גאנצע פאָלק.

דער געלער. אָה, איך קאָן דיינע ווערטער אָנווענדען אויף מיר און געגען דיר. איך גלויב, ערסט ווען מיינע פאָדער־רונגען ווערען ערפילט, לעבט אויף דאָס גאַנצע פאָלק.

דער שוואַרצער. דו טראכסט דאָך בלויז פון גוף, איך פערזאָרג אָבער די נשמה.

דער געלער. איז גוט, דאַן מוזען מיר דאָך אייניג זיין. מיר מוזען אונז אונטערשטיצען, ביידע האנד אין האנד געהן, דאַן איז דאָס *גאַנצע* פאָלק פערזאָרגט — זיין גוף ווי זיין נשמה.

דער שווארצער. די נשמה געהט צוערסט.

דער געלער. מיר ווילען אונז קיינמאל נישט פערשטעהן. דו ביזט שרעקליך איינגעשפארט. דו ווילסט אליין דער פיהרער זיין. איך זאג'ס אפען דיר און גוטמוטיג גענוג: דיר וועט עס קיינמאל נישט געלינגען. דו וועסט צום סוף נאך מיר פערליערען.

דער שווארצער. ווי? דו דערוועגסט זיך — —

דער געלער. רוהיג בלוט! מיר האבען זיך פעררעדט און א ביסעל וויית פערקראכען. קעהרען מיר אונז אום צום יעצטיגען מאמענט. יעצט דאך האבען מיר ביידע נאר איין פארדערונג.

דער שווארצער. פון אנדערע שטאנדפונקטען נאטירליך.

דער געלער. א, יא, געוויס. דאך דו דארפסט דעם קריעג פונקט ווי איך. ער איז פאר דיינע אינטערעסען פונקט אזוי נויטווענדיג און וויכטיג. דאס פאלק האט זיין גאטספארכטיגקייט פערגעסען און די גאטעסהייזער שטעהען לעדיג —

דער שווארצער. דאס איז די גרעסטע שאנדע!

דער געלער. דער קריעג וועט זיי דיר ווידער אנפילען. דו פארדער נאר דעם קריעג אין נאמען פון גאט און גרויסער פרומקייט. דאס שיקט אונזער גאט אונז אין מלחמה. ער איז מיט אונז, ווען מיר זיינען מיט איהם —

דער שווארצער. דאס איז אויך אמת.

דער געלער. און ער וועט אונז ביישטעהן. ער וועט דעם פיינד פאר אונז טרייבען, ער וועט אונז איהם פערניכטען — מיט דער הילף פון אונזער ארמיי און אונזערע וואפען. ער וועט אונז אוועקגעבען דעם שונא'ס לאנד און זיינע קינדער פאר אונזערע שקלאפען מאכען, און דארטין, וואו מיר האבען געהאט געפעהרליכע קאנקורענטען, ווילען מיר מיט גאטס הילף האבען אויספיהרער פון אונזער ווילען. און זעה — דאס פאלק וועט אנפילען דיינע הייזער טאג און נאכט, אום פרום אויסצובעטען דעם

זיעג פאַר אונזערע וואפען, און דיינע נדבה־טעלער וועלען פול און פולער ווערען.

דער שוואַרצער. מיינע טעלער! — ווער רעדט פון טעלער גאָר?

דער געלער. גוט — זאָל זיין: דיינע שיסלען — און גאָר ערסט נאָך דער מלחמה! בעדענק נאָר: דו וועסט דעם פיינד אונזער גלויבען ברייננען — ווי וועט דאָס דיר בעצאָהלט ווערען!

דער שוואַרצער. בעצאָהלט ווערען! דו רעדסט אַלץ פון בעצאָהלט ווערען.

דער געלער. איך מיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

דער שוואַרצער. דער עיקר איז, איך וועל האָבען פרייע האַנד דעם שונא צו בעקעהרען. ווען נישט מיט גוטען פריינד־ליכען וואָרט, וועל איך עס קאָנען מיט דעם רעכט און דער מאַכט פון דעם בעזיעגער.

דער געלער. אַלזאָ — זיינען מיר איינינ.

דער שוואַרצער. איך בין פאַר מלחמה גאַנץ געווים. איך מוז זיין פאַר מלחמה. אזוי וויל גאָט. אָבער דו — דו, פאַר וואָס ווילסטו מלחמה מיט דעם טוראַנער?

דער געלער. איך גלויב, איך האָב שוין דיר דערקלערט. איך גלויב, איך בין דאָ די הויפּטזאַך.

דער שוואַרצער. דו די הויפּטזאַך? אייערע אייזלען, וועלכע ער האָט פערכאַפּט?

דער געלער. על כל פנים זיינען די אייזלען א גוטע אור־זאַך איהם דעם קריעג צו דערקלערען — דעם קריעג, פון וועלכען דו און איך וועלען גוט געהאָלפען ווערען.

דער שוואַרצער. גאָט — גאָט איז דאָ די הויפּטזאַך. און גאָט אַליין איז אויך די אורזאַך.

דער געלער. גוט, איך גיב עס צו. די אייזלען זיינען בלויז זיינע שלוחים. אַלזאָ — שלאָג די האַנד צו. מיר טרעטען

אויף פאר דעם קאנצלער געאייניגט, מיט איין פערלאנג און איין פאָרדערונג. דאן האָבען מיר דעם קריעג. דו מאַגסט שוין אָנ־גרייטען דיינע תפלות און רוף אראָב אויף אונז די ברכות פון דעם הימעל. (פערבו׳יגט זיך פאר׳ן שווארצען.)

דער שווארצער (בענשט איהם מיט שטומען בעוועגען די ליפּען און מיט אויגען־פערגלאָצען).

דער געלער. און יעצט — יא, נאָך דאָס: מיר מוזען זיך האלטען פעסט: מיר מוזען דעם קאנצלער דיקטירען. מיר מוזען (האקט אָב און קוקט זיך אום, צו דער טרעפּ.) דאָ קומט דער בלויער שטאָלץ ארויפגעשפּרייזט. (איילט אנטקעגען דעם בלויען.) מלחמה!

דער פיהרער פון די בלויע (אין אַ פאַנטאַסטישער בלויער קליידונג מיט שווערט און פּאַנציר). ווי? דער קאנצלער האָט שוין בעשלאָסען?

דער געלער. ניין, פון קאנצלער נאָך קיין וואָרט נישט. ער איז ביי זיך דאָרט איינגעשלאָסען שוין גאנצע פיעראונצוואנציג שעה —

דער בלויער. דאָס וויים איך. וואָס אלזאָ האָט דיין אויסרוף דען בעדייט?

דער געלער. אז ער און איך זיינען פאר דעם קריעג אזוי ווי דו.

דער בלויער. ווי איך? האהא!

דער געלער. ביזט דו דען נישט פאר קריעג?

דער בלויער. פאר קריעג — יא!

דער געלער. דאָס הייסט... יא, יא, איך וויים שוין. קריעג איז דיין געווערב, איז דיין פרנסה און דיין ברויט.

דער בלויער. פּשאַ — פרנסה, ברויט, געווערב! דער קרעמער איבערלעגט עס אויף זיין שפּראך, און באלד בין איך אויך בלויז קרעמער. קריעג — פרנסה! קריעג — געווערב! הע!

קריעג — אָה, דאָס קאָן דער קרעמער נישט פערשטעהן! קריעג איז די ערהאַבענסטע בעשעפטיגונג, איז די נאָבעלסטע קונסט.

דער שוואַרצער. פערגעס נישט גאָט׳ס סאָלדאַטען.

דער בלויער. דאָס וואָרט קומט נאָך דעם שווערט. ווי וואָלסט דו גאָט׳ס וואָרט דען דורכגעפיהרט, ווען נישט דאָס שווערט וואָלט דעם וועג פאַר איהם געמאַכט? אָה, וואָס וואָלט די מענש־הייט דען געוועזען, ווען גאָט וואָלט זי נישט מיט קריעג בעגנאַ־דיגט? זי וואָלט ווי מייז די וועלט פערפּלאָדיעט, און נאָר די פּעסט וואָלט די רעטונג פון דער איבערצאָהל געוועזען. דער קריעג פער־עדעלט אויך דעם מענש, מאַכט מוטיג איהם און שטאַרק און וועקט איהם אויף צו גרויסע טהאַטען! דער קריעג — —

דער געלער. זאָל זיין! זאָל זיין! גוט שוין, גוט! די הויפּטזאַך איז: מיר זיינען איינינ!

דער בלויער (מיט פעראַכטונג). טיאַ!

דער געלער. מיר געהען האַנד אין האַנד.

דער בלויער (מיט עקעל). ההע!

דער געלער (שרייט ארויס). מיר ווילען אַלע יעצט מלחמה. אין נאָמען פון אונזער פאָלק און לאַנד —

דער שוואַרצער. און גאָט.

דער געלער. און אונזער גאָט — נאַטירליך, זעלבסט־פערשטענדליך — שטעהען מיר דערפאַר, אַז מיר מוזען קריעג דעם גאָטפערדאַמטען טוראַנער ערקלערען. ער האָט אונזערע אייז־לען פערכאַפּט...

דער שוואַרצער. ער פערלייקענט אונזער גלויבען.

דער געלער. דאָס זאָל ער טייער אונז בעצאָהלען!

דער בלויער (כאַפּט ארויס זיין שווערט). דאָס זאָל ער!

דער שוואַרצער. אָה, הימעל, בענש דו אונזער געוועהר!

דער בלויער. איך האָב שוין דערפאַר געזאָרגט. מיין אַרמיי איז גרויס און וואויל געלערענט, און רייסט זיך אין דעם קריעג, נישט איינצוהאַלטען, נישט איינצוצוימען. איידער דער

טוראַנער וועט דעם שלאָף אראָבדרייבען פון זיינע אויגען, וועט ער שוין ווי אַ נוס ליעגען צווישען די טיילען פון מיין אַרמיי — קנאַק, און צודריקט איז ער ווי אַ פּוסטע שאָלעכטס! אָה, קריעג! אָה!

דער געלער. דאַן נעמען מיר אונזערע אייזלען אָב מיט הונדערטער פּראָצענטען!

דער שווארצער. און מיר וועלען איהם אויפּעפּענען האַרץ און אויערען אויף אויפצונעמען גאָט׳ס וואָרט און צו בע־גרייפען גאָט׳ס אמת׳ען חסד!

דער געלער. דאָ קומט דער גרויער. זאָלען מיר אַ סך מיט איהם טענ׳ען? מיר זאָגען איהם, מיר האָבען קריעג בעשלאָ־סען, און דאָס איז גענוג פאַר איהם. און וויל ער נישט —

דער שווארצער. בעסער איז, מיר קומען פאַר דעם קאַנצלער, דאָס גאַנצע פאָלק פערייניגט.

דער פיהרער פון די גרויע (אין פאַנטאַסטישער גרויער קליידונג קומט צו מיט אונטערטעניגער פערבויגונג). גוטען טאָג אייך, הערען!

דער געלער און דער שווארצער (ענטפערן מיט אָפיציעלער פערבויגונג. דער בלויער ווענדט זיך אָב און פעכט מיט זיין שווערט).

דער גרויער. וואָס הערט מען? האָט זיין עקסעלענץ געלאָזט פון זיך וואָס הערען?

דער געלער. דו מיינסט עס, צו ער בראָפעט?

דער גרויער (וויים נישט, צו זאָל ער לאַכען אָדער נישט. ער לאַכט אָב און פערכאַפּט זיך גלייך אין פערלעגענהייט). דאָס הייסט, איך מיין: ווי שטעהט עס מיט מלחמה?

דער בלויער (פעכטענדיג). קריעג! קריעג!

דער געלער. מלחמה שטעהט פעסט.

דער שווארצער. גאָט׳ס ווילען.

דער גרויער. יאַ, יאַ... גאָט׳ס ווילען... שטעהט מלחמה פעסט?... איך דענק... מיר דענקען...

דער בלויער. איהר דענקט, זיי דענקען.

דער גרויער (פערלאָרען). העהע... מיר דענקען, די מלחמה —

דער געלער. זעהר נויטיג פאר אונזער לאנד און פאָלק.

דער שווארצער. און גלויבען.

דער גרויער. זעהר נויטיג... העהע... מיר אָבער דענקען —

דער געלער. פון אלע שטאנדפונקטען מוז די מלחמה זיין: פון פאטריאָטישען, רעליגיעזען, מענשליכען, מאָראלישען, געזונדהייטליכען, געשעפטליכען און — און — און אזוי ווייטער. מיר דענקען, עס קאָן קיין אנדער מיינונג דאָ נישט זיין. אויב דו און די דייניגע דענקען אנדערש, האָט איהר די זאַך נישט גוט ארומ־געטראכט, נישט גוט בענומען. איהר האָט זי געווים געזעהן בלויז פון דעם גרויען שטאנדפונקט, און דער איז זעהר ענג און קורצ־זיכטיג און — און גרוי. איהר פערלאָזט אייך שוין אויף אונז. מיר ווילען און האָבען שטענדיג בלויז געוואָלט די טובה פון אונזער גאנצער לאנד און פאָלק. דו געה צוריק צו דיינע און ברייננ זיי אונזער בעשלום. זאָג זיי אויך, זיי קאָנען רוהיג זיין. דער קריעג וועט פאר אלעמען א בענשונג זיין.

דער שווארצער. פון זיין ליעבען נאָמען.

דער בלויער. קריעג — טראראַ! קריעג — הורראָ!

דער גרויער (קראַצט דעם קאָפּ). מיר האָבען די זאַך ארומגערעדט, ארומגעשפּראָכען. מיר זעהען, מיר האָבען פון דעם קריעג גאָרנישט צו געווינען — —

דער בלויער. געווינען! געווינען! אין וואָג און מאָס און שמוציגע מטבעות מוז אלץ איבערגעלעגט ווערען. די עהרע פון אונזערע וואפען איז דער גרעסטער געווינס, דער גוט געפיהרטער קריעג איז אליין די וויכטיגסטע הכנסה!

דער שווארצער. מיר ווילען דעם בעזיעגטען טוראַנער

פאר אונזער גלויבען געווינען — דאס איז פון אלע געווינסען גאר דער גרעסטער.

דער געלער. דער טוראנער טאר נישט גרעסער, שטארקער ווערען. זיין אבשוואכונג איז פאר אונז אלעמען א ריעזיגער געווינס.

דער גרויער. העהע, יא, אבער...

אלע דריי (אונגעדולדיג). אבער!... אבער!... אבער!...

דער גרויער (זעהר קליינמוטיג). מיר גלויבען, מיר ווילען פון דער מלחמה פיעל פערליערען.

דער געלער. נישט אמת! איהר גלויבט, וואס נישט געשטויגען.

דער שווארצער. איהר גלויבט אין גאט נאר און אין זיין חסד.

דער געלער. וואס האט איהר דען צו פערליערען? איהר בלייבט ביי אייערע פעלדער.

דער גרויער. איהר בעדענקט נאר...

דער געלער. מיר האבען אלץ שוין גוט בעדענקט. מיר האבען געטראכט פאר אייך אזוי גוט ווי פאר אונז. דו דארפסט נאר קאנען אויפהעבען זיך אויף א העכערען שטאנדפונקט. דיין אויג דארף קאנען ארומפאסען ווייטערע האריזאנטען.

דער שווארצער. דארפסט אויסלערנען זיך גאט'ס ווילען צו דערקענען.

דער געלער. די מלחמה איז א נויטווענדיגקייט, פון גאט אליין אויף אונז ארויפגעלעגט, ווי דו האסט עס געהערט ערסט פון אונזער גאטספערטרעטער. דו בעט דיר אויס פון איהם זיין ברכה —

דער שווארצער (מאכט זיין שטומע ליפענבעוועגונג און פערגלאצט די אויגען).

דער געלער. און געה צו די דייניגע און זאג זיי, זיי האבען שלעכט די זאך געזעהן. (צו די אנדערע צוויי.) און ווייסט

איהר, איך גלויב, מיר זאָלען אלע אראָב אונטען צו דעם ווארטענ־דיגען פאָלק און איהם מודיע זיין, אז איינינ זיינען די פיהרער אין זייער קריעג־בעשלוס. דאָס וועט איהם נאָך מעהר צום קריעג בעגייסטערן. פיעללייכט וועט עס דעם קאנצלער א ביסעל אונטער־טרייבען אין זיין איבערלעגעכטס.

דער שווארצער. דאָס איז אַ גוטער פּלאַן.

דער גרויער. איך וואָלט אייך זעהר דאנקען, ווען איהר וואָלט זיך מיט מיינע אַ ביסעל דורכגערעדט.

דער בלויער. איך געה די מיינע אַ ביסעל דורכמושטירען.

דער געלער. געהען מיר אַלזאָ! (מיט אַ בליק אויף דעם קאַנצלער׳ס קאַבינעט.) פון דאָרטין הערט מען גאָרנישט, זאָל די גאַס זיך לאָזען הערען. (געהען אלע אוועק. דער גרויער געהט פון הינטען. אַ וויילע שטעהט דאָס צימער לעדיג. באַלד איילט ארויף דעם קאַנצלער׳ס פרוי, דיק פערשלייערט, לויפט צו צום קאַנצלער׳ס טיר און קלאַפּט אָן.)

א בעאַמטער (ווייזט זיך אין דער טיר). אייער וואונש?

די פרוי. איך וויל דעם קאַנצלער זעהן.

דער בעאַמטער. אונמעגליך. (וויל צומאַכען די טיר.)

די פרוי (שנעל). זאָגט, זיין פרוי וואַרט דאָ אויף איהם.

דער בעאַמטער. אָה, ענטשולדיגט! (פערשווינדט.)

די פרוי (העבט אויף איהר שלייער און קוקט אויף דער טיר אין פרייודיגער ערוואַרטונג).

דער קאַנצלער (קומט ארויס). ליעבע, ליעבינקע, דו דאָ?!

די פרוי (וואַרפט זיך איהם אויפ׳ן האַלז). אָה, איך האָב עס לייננער אויסהאַלטען נישט געקאָנט, דיך גאַנצע פיעראונצוואַנציג שטונדען נישט צו זעהן!

דער קאַנצלער. די אַנגעלעגענהייט איז זעהר וויכטיג. זי קאָן נישט פערצויגען ווערען, און איך וויל זי שנעל אָב׳פּטר׳ן ווי אַ טרייער דיענער פון זיין פאָלק.

די פרוי. דאך מיך אזוי פערלאזען? אויף א ווײלע זיך אבדייסען נישט געקאנט און צו מיר אריבערלויפען? איז דאס אונזער האניג-חדש?

דער קאנצלער. ליעבינקע, ווענסט מיר מוזען מוחל זיין. איך טו, וואס איך מוז. אויך יעצט וועל איך מוזען דיך גלייך אוועקשיקען. א דאנק דיר, וואס דו ביזט געקומען. האסט גע־בראכט מיר א גליקליכע צושטרויאונג, יעצט וועל איך געקרעפטיגט געהן ווײדער צו מיין ארבייט. מיין ליעבע — —

די פרוי. דו שיקסט מיך נאך נישט אוועק. און טוסט דו עס, איך פאלג דיך נישט און האלט מיך פעסט אן דיר. אה, פיערראונצוואנציג שטונדען דיך נישט געזעהן און נישט געהערט!

דער קאנצלער. האב איך עס דען נישט געפיהלט? האט עס אויף מיר דען נישט געדריקט?

די פרוי. ניין, דו האסט מיך גאנץ פערגעסען. דו ביזט גאנץ אריינגעטאן אין דיין געטרייקייט צו פאלק און לאנד, און דיין יונגע פרוי עקסיסטירט נישט מעהר פאר דיר.

דער קאנצלער. דאס זאלסטו מיר נישט זאגען, און גלויבסט דאך אין דעם אליין נישט.

די פרוי. דאך, איך גלויב שוין שטארק אין דעם. דיין פליכט איז מעהר דיר ווי דיין ליעבע.

דער קאנצלער. אזוי קאנסט דו זאגען: מיין שלאף איז מיר פיעל מעהר. נאכט אין נאכט געה איך אוועק פון דיר אין דאס ווייטע שלאפלאנד —

די פרוי. דאך אין מיינע ארמס, מיט מיר דאך ביי דיין זייט! און אפטמאל וואך איך איבער דיר, ווען דער שלאף וויל מיך נישט נעמען. איך גענים אין דונקעלען די ליניען פון דיין געזיכט, און פלוצלונג זעה איך, דו שמייכעלסט זיס, און וויים, דו האסט עס אין דיין טרוים צו מיר צוגעשמייכעלט, און שלאף אליין איין ענדליך אזוי גליקליך — אך, היינטיגע נאכט האב איך

מיט קיין אויג נישט צוגעמאכט און מיך אומגעוואָרפען פון זייט אויף זייט מיט די אונרוהיגסטע געפיהלען!

דער קאנצלער. מיין אָרמע! דאָך לאָז געמאך: ווערט מיין שווערע אויפגאבע געלייזט, קום איך צו דיר ווי אויף אָדלער־פליגלען געטראָגען, און וואָס מיר האָבען היינט אָנגעוואָרען, וועלען מיר אונז צעהנפאָך ארויסבעצאָהלען. געה יעצט, ליעבע —

די פרוי. ניין, איך געה נאָך נישט אוועק. איך וויל מיט דיר נאָך זיצען. נעם מיך אין דיין קאָבינעט אריין —

דער קאנצלער. אונמעגליך גאנץ. מיינע סעקרעטערס ארבייטען אויף טיש און ביינק. און אויסערדעם האָבען זיי דאָך אויך זייערע היימען נישט אויפגעזוכט די גאנצע פיערהונצוואנציג שעה —

די פרוי. און זייערע פרויען זיינען נישט —

דער קאנצלער. ערלויבט אהער צו קומען. און וואָס מיינע סעקרעטערס איז נישט ערלויבט, וויל איך מיר אויך דאָ נישט ערלויבען.

די פרוי. אָבער איך בין דאָך געקומען! קום און זעץ זיך דאָ מיט מיר — אָט דאָרטען. אויף דער באנק. איך וויל זיצען נאָהענט נעבען דיר, דיך פיהלען, זאט זיך אָנקוקען אויף דיר — (שלעפּט איהם צו דער באַנק.)

דער קאנצלער. ווייטער נאָר פון פענסטער, מען זאָל מיך און דיך פון דרויסען נישט דערזעהן, — אז נישט האָב איך זיי וויעדער אויפ׳ן קארק ביי מיר. (קוקט ארויס פער׳גנב׳עט אין פענסטער.) וואָס פאר אַן עולם! דאָס גאנצע פאָלק איז פער־זאַמעלט אויפ׳ן פלאַץ. און אונגעדולדיג איז עס און ווערט נאָך אונגעדולדיגער ווערען. עס איז א גרויסע עולה, וואָס איך זעץ מיך רוהיג לעבען דיר.

די פרוי (צודריקענדיג זיך צו איהם). קום, קום! אָה, אזוי שרעקליך איז עס דאָך נישט. דאָס ביסעל צייט, וואָס איך וויל אוועקרויבען פון דעם פאָלק׳ס אנגעלעגענהייט, קאָן דאָס פאָלק

רוהיג מיר פערגעבען. און פאר וואס זאל עס בילכער זיין פאר מיר? פיעראונצוואנציג שטונדען! — און נאך מעהר: דאס האט מיר דעם גאנצען מענש אוועקגענומען. דו זיצסט יעצט לעבען מיר — איך קאן עס זאגען, ווי אויף נאדלען. דו קוקסט און זעהסט מיך נישט, און הערסט מיך רעדען און דיינע געדאנקען זיינען דארטין ביי דיינע סעקרעטערס.

דער קאנצלער (גיט זיך א הויב און קוקט נאך א מאל ארויס אין פענסטער). ווי דאס רוישט און בעוועגט זיך! וואס פאר אן אונגעדולד! איז צו מלחמה אויפגערייצט און ווערט עס מעהר און מעהר, ווייס נישט, פאר וואס, פאר ווען. „קריעג! קריעג!“ שרייט עס, פערבלענדט, פערפיהרט פון רויבער, וועלכע ווילען רייך און רייכער ווערען. קריעג! קריעג! מארד און רויב איז עס! ווי האס איך יעדען קריעג, עס איז דאס שענדליכסטע פערברעכען. מען וויל דאך דורך מלחמה וואס געווינען, זיך בערייכערן, צונעמען זיך, וואס דעם אנדערן געהערט. דאס וויל די רויבער־באנדע אויך, וועלכע בעפאלט די בירגער אין דער שטאדט און די רוהיג ציהענדע קאראוואנען אין דער וויסטע. און זיינען די רויבער פערברעכער, אין פאראוים צום טויט פעראורטיילט, פאר וואס איז עס נישט דער שטאאט, וועלכער געהט אויף רויב ארויס? מארד איז מארד, און איך זאל מערדער זיין? איך זאל דיענען רויבערצוועקען?

די פרוי. אה, ליעבער, קאנסט דו אויף א ווייל נישט דאס אלץ פערגעסען און מיר אין גאנצען געהערען — אויף א רגע, אויף דער קלענסטער רגע? (דריקט זיך צו איהם.)

קאנצלער (ווי אויפגעכאפט, נעמט זי ארום און עסט זיך איין אין איהר מיט די אויגען). אויף א ווילע פערגעסען — דיר געהערען — דו! (קוסט זי ליידענשאפטליך און שטארק און לאנג.) יעצט בין איך דיינער גאנץ געוועזען. יעצט — בין איך (קוסט זי ווידער ליידענשאפטליך און לאנג) דיינער — גאנץ געוועזען. און יעצט געה. און ווייס, אז שווער איז מיר דיך אוועקצושיקען. (ציהט זי צו צו זיך.) אה, ליעבע, ליעבע! (לעגט ארויף זיין קאפ

אויף איהרען און בלייבט אַ ווײַלע זיצען פערזונקען אין געדאנקען.)
יעצט ווייס איך וואָס.

די פרוי. ווייסט דו וואָס?

קאַנצלער. און גאנץ בעשטימט.

די פרוי (טוליענדיג זיך צו איהם, קאָקעטיש). יא? וואָס
איז עס אזוינס? דארף איך'ם וויסען?

דער קאַנצלער. עס וועט קיין קריעג נישט זיין.

די פרוי (ענטוישט). אָה, איך האָב געמיינט, דו ווילסט
מיר זאָגען פון דיין ליעבע.

דער קאַנצלער. און איך האָב דיר געמאכט די גרעסטע
ליעבעסערקלערונג. ווייל איך ליעב דיך אזוי, וועט קיין קריעג
נישט זיין. ווי וואָלט איך דען געקאָנט אוועק יעצט פון דיין
אומארמונג, מיט דיין הייסען קוס נאָך אויף מיינע ליפּען, אליין
פון ליעבע פול, ווי דער ים איבער זיינע ברעגען, און אונטערשרייבען
מיין נאָמען אונטער אַ קריעג־דעקרעט און ארויסשיקען די קינדער
פון מיין פאָלק צו טהאַטען פון בלוט און פיינדשאַפט? ניין!
ניין! — האַ, דאָ קומען שוין די פיהרער. געה אוועק יעצט.
באלד קום איך שוין צו דיר. קום, איך בעגלייט דיך דאָ ארונטער.

די פרוי (ציהט אַראָב דעם שלייער איבער'ן געזיכט. — זיי
געהען אראָב די טרעפּ).

די פיער פיהרער (קומען ארויף).

דער געלער. איהר האָט געזעהן?

דער שווארצער. מיט זיין פרוי.

דער געלער. מיט אַ פרוי. פאר איהר האָט ער צייט,
פאר אונז איז ער פערשלאָסען. איך דענק, יעצט פאָדערן מיר
פון איהם אַ סוף. מיר אלע זיינען איינינג, דאָס פאָלק איז אונ־
געדולדיג, ער מאָג זיך שוין ענטשליעסען, האָט נישט מעהר צו
טראכטען.

דער שווארצער. מיר ווילען מעהר נישט ווארטען!

דער בלויער. ניין! מיר ווארטען נישט!

דער גרויער. אז שוין מלחמה, זאָל זי זיין וואָס גיכער.

דער קאַנצלער (קומט אַרויף).

די פיער (פערבויגען זיך פאר איהם).

דער קאַנצלער (ענטפערט אָב די פערבויגונג און וויל צו זיך אין קאבינעט).

דער געלער און דער שוואַרצער. עקסעלענץ!

דער קאַנצלער. מיינע העררען?

דער געלער. מיר ווילען וויסען, וואָס וועט זיין.

דער שוואַרצער. וואו מיר האלטען.

דער בלויער. מלחמה!

דער גרויער. אהער אָדער אהין, אבי א סוף זאָל זיין.

דער קאַנצלער. איהר האָט אלע גערעדט, וועמען זאָל איך ענטפערן?

דער געלער. מיר האָבען אלע איינס און דאָס נעמליכע געזאָגט.

דער קאַנצלער. דער גרויער וויל „אהער אָדער אהין" —

דער געלער. דו ווייסט דאָך, ער רעדט נישט בעזונדערס דייטליך. ער איז מיט אונז איינינ.

דער קאַנצלער. און איהר אלע ווילט?

דער געלער. מלחמה!

דער שוואַרצער. דעם הייליגען קריעג!

דער בלויער. קריעג!

דער גרויער. העהע! קריעג! העהע!

דער קאַנצלער (צום גרויען). אויך דו — קריעג!

דער גרויער. דער טוראנער פיהרט מלחמה מיט דעם טריקער — מיר שיקען סחורה צו דעם טריקער — פערכאפט דער טוראנער אונזערע אייזלען.

דער קאַנצלער. נו?

דער גרויער. איז קריעג — העהע!

דער געלער. מיר האָבען בעשלאָסען, איך זאָל דער רעדנער זיין.

דער קאנצלער. וועט מיר נישט ערלויבט זיין צו רע־דען, מיט וועמען איך וויל? אָבער עס מאכט נישט. אלזאָ, איהר ווילט מלחמה.

דער געלער. גאנץ בעשטימט. אויב מיר האָבען אונזער שטאנדפּונקט, וואָס איז דעם פאָלקס שטאנדפּונקט, דיר נאָך נישט קלאָר געמאכט, וויל איך איהם דיר קלאָרער איצט ארויסברייננגען.

דער קאנצלער. נישט נויטיג.

דער געלער. איך וועל עס מאכען קורץ.

דער קאנצלער. די סחורה, וועלכע איהר האָט געשיקט דעם טריקער, איז געוועזן בעצאָהלט?

דער געלער. פון דער סחורה רעד איך נישט. אָבער דער טוראנער האָט זיך דערוועגט צו פערכאפּען אונזערע אייזלען, וועלכע האָבען די סחורה געטראָגען —

דער קאנצלער. און דערפאר מלחמה?

דער געלער. נישט דערפאר, נאָר דאָס זאָל זיין אן אורזאַך.

דער קאנצלער. אָה, איך וויים, איך וויים! דער טו־ראנער ווערט צו שטארק, מען מוז איהם אונטערהאקען די פליגלען.

דער שווארצער. ער מוז בעקעהרט ווערען צו אונזער גלויבען.

דער בלויער. צו וואָס האָבען מיר דען אן ארמיי?

דער גרויער. זאָל זיין קריעג און אָבגעפּטרט.

דער געלער. עקסעלענץ, דאָס פאָלק איז אונגעדולדיג.

דער קאנצלער. איהר האָט עס אונגעדולדיג געמאכט.

דער געלער. מיר ווילען וויסען דיין בעשלוס.

דער קאנצלער. איהר האָט דאָך שוין פאר מיר בעשלאָסען.

דער געלער. שטימסט דו צו?

דער קאנצלער. דאָס וועל איך אייך שריפטליך לאָזען וויסען. עס מוז אלץ אין אָרדנונג און רעגעלמעסיג צוגעהן.

דער געלער. צו וואָס דאָס שפּיעל?

דער קאנצלער (שטרענג). דאָס שפּיעל?

דער געלער. דו האָסט דאָך דיין בעשלוס געפאסט שוין — דאָס זעה איך קלאָר אָן דיר.

דער קאנצלער. גוט, איך זאָג איהם אייך. (קוקט זיי אָן שאַרף און איינדרינגליך און האַלט אָן א לייגגער שווייגען, גלייך ער וואָלט זיך געריוצט מיט זייער שפּאנונג. דאן רעדט ער רוהיג אַרויס.) עס וועט קיין קריעג נישט זיין.

דער געלער. קיין קריעג!

דער שווארצער. נישט זיין?!

דער בלויער. ווי?!

דער גרויער. העהע!

דער געלער. דאָס גאנצע פאָלק וויל דעם קריעג —

דער קאנצלער. איהר האָט עס גאנץ פערברעכעריש צום קריעג איבערגערעדט.

דער געלער. דאָס גאנצע פאָלק וויל דעם קריעג, און דו וועסט געגען פאָלק נישט געהן.

דער קאנצלער. איך בין דאָ, דאָס פאָלק צו רעגיערען, נישט פון איהם רעגיערט צו ווערען.

דער געלער. דו ביזט דאָ, אויסצופיהרען נאָר וואָס דאָס פאָלק וויל און הייסט.

דער קאנצלער. איך בין דאָ דאָס פאָלק צו פיהרען און פון פערפיהרער עס צו היטען.

דער געלער. דו שפּיעלסט מיט פייער, עקסעלענץ!

דער בלויער. האהא!...

דער קאנצלער. איהר דראָהט מיר?

דער געלער. דאָס פאָלק וויל קריעג און קיינער וועט עס נישט אָבהאלטען פון איהם.

דער קאַנצלער. אייער אונערוואַרטעטע אודיענץ, מיינע העררען, איז אָבגעלאָפען. געהט זאָגט דעם פאָלק —

דער געלער. איך זאָג עס גלייך איהם, און ווילסט דו, קאָנסט דו הערען, ווי ער וועט די בשורה אויפנעמען פון מיר. (איילט צו א פענסטער, רייסט עס אויף און שרייט אַרויס.) הערט! הערט! (עס דערטראָגט זיך אַ שטאַרקער גערויש פון גאס — אַ גערויש פון אַ ריעזיגען עולם, ווי דער גערויש פון א גרויסען וואסער; מען הערט אויסרופונגען: „רוהיג! רוהיג! שטיל זיין!" ענדליך ווערט שטיל.) הערט! דער קאַנצלער האָט ענדליך בעשלאָסען — (דרויסען אַ ריעזיגער הוררא.) וואַרט אָב! וואַרט אָב! הערט אויס נאָר ביז צום סוף! (מאַכט מיט די הענד אויף שווייגען. דער שוואַרצער, דער בלויער און דער גרויער מאַכען אויך מיט די הענד.)

דער גרויער (מיט אונגעשיקטע בעוועגונגען). שא, שא, שא, שטיל זאָל זיין! (דרויסען קולות: „רוהיג! רוהיג! שטיל זיין!")

דער געלער. דער קאַנצלער האָט בעשלאָסען, מלחמה — (דרויסען ברעכט אויס נאָך א שטאַרקערער הוררא. מען הערט פרעהליכע אויסרופען: „מלחמה! מלחמה! מלחמה!" דער געלער מאַכט ווידער מיט די הענד.) ניין! ניין! הערט אויס! הערט אויס!

דער שוואַרצער (צום קאַנצלער). זעהסט דו?

דער קאַנצלער (לאַכט אָב מיט קאָפּשאָקלען. דרויסען ווידער די רופען: „רוהיג! רוהיג!" עס ווערט שטיל.)

דער געלער (רופֿט אויס מיט זיין גאַנצער קראַפט). מלחמה וועט נ י ש ט זיין! (דרויסען — אַ טויטע שטילקייט, ווי ווען דאָס פאָלק וואָלט זיינע אויערען נישט געגלויבט.)

דער שוואַרצער (בויגט אָן זיין אויער צום דרויסען און העבט אויף פיעלבעדייטענד זיין פינגער). די שטילקייט פאַר א שטורם.

דער געלער (שרייט). דער קאַנצלער וויל די מלחמה

נישט. דעם טוראַנערס פריינדשאַפט איז איהם מעהר ווי דער ווי־לען פון זיין פאָלק. (דרויסען ברעכט אויס דער שטורם.)

דער קאַנצלער. דאָס איז אויפרייצונג! איך לאָז איהם ארעסטירען!

דער געלער (שרייט). קומט ארויף! דער קאַנצלער איז דאָ מיט אונז! איהר קאָנט עס פון זיין מויל קלאָר און דייטליך הערען!

דער קאַנצלער. דאָס איז אַן איינלאַדונג צו בלוטפער־גיסען. די היטער דרויסען וועלען מאַכען געברויך פון זייער געוועהר. דו וועסט עס מיר פעראַנטוואָרטען. דאָס בלוט וועט פאַלען אויף דיין קאָפּ.

דער געלער. איך נעם עס אויף מיר. (מען הערט אַ ראַנגלען זיך אונטען פאַר דער טיר און אַ גרויסער עולם פון געלע, שווארצע, בלויע און גרויע לויפט ענדליך ארויף אויף די טרעפּ. זיי טרעטען צו ביז צום קאַנצלער, פאַר וועלכען זיי בלייבען שטעהן מיט דראָהענדע געשרייען: מלחמה! מלחמה! מלחמה! די טירען עפענען זיך אויף, עס בעווייזען זיך די בעאַמטע.)

דער קאַנצלער (צום עולם). רוהיג! — מיינט איהר, איהר וועט מיך דערשרעקען מיט אייערע קולות און געוואַלטען? וואָס וואָלט איהר געהאַלטען פון אַ קאַנצלער, וועלכער וואָלט זיך פאַר אזא ווילדען אויפגעלאָף דערשראָקען און קני־שוואַך גלייך אייך נאָכגעגעבען? אָבער איהר וועט מיך נישט דערשרעקען, און איך וועל טאָן, וואָס איך האָב בעשלאָסען צום בעסטען פון דעם לאַנד.

דער עולם (ברעכט אויס). מלחמה! מלחמה! מלחמה!

דער קאַנצלער. רוהיג! פערגעסט נישט, פאַר וועמען איהר שטעהט. ווילט איהר מיט מיר רעדען און פון מיר אַן ענט־פער הערען, דאַרפט איהר נישט שרייען און ווי ווילדע זיך בענעמען.

דער עולם. מלחמה! מלחמה! מלחמה!

דער קאַנצלער. האָט איהר מיינע גרינדען געהערט, פאַר וואָס איך בין געגען דער מלחמה? איהר ווייסט, איך האָב

מיך פלייסיג אָבגעגעבען מיט דער אנגעלעגענהייט, און בין די לעצטע פיעראונצוואנציג שעה —

דער געלער. האהאהא!

דער קאנצלער (צאָרניג). וואָס איז דיין לאכען?

דער געלער (העזה'דיג). פון דיינע פיעראונצוואנציג שטונדען.

דער קאנצלער. ווי?!

דער געלער (שרייט ארויס). ער האָט זיך מיט א פרוי דאָ פלייסיג אָבגעגעבען!

דער קאנצלער. געמיינהייט!

דער געלער. האָט איהר דען נישט געזעהן די פרוי, וואָס איז ארויסגעגאנגען?

שטימען. יאָ! יאָ! נאטירליך! געזעהן! האהאהא!...

דער קאנצלער. איהר ווילט דאָך נישט, איך זאָל מיך געגען דעם פארטיידיגען. זאָל איך אייך דערווייזען, אז מיין פרוי... (ברעכט אויס אין ווילדען צאָרן.) ארויס! ארויס! קיין זכר זאָל פון אייך דאָ מעהר נישט בלייבען! איך לאָז די היטער רופען —

שטימע. זיי ליגען אונטען צוטראָטען און געבונדען.

דער קאנצלער. דאָס איז אויפשטאנד! דאָס איז רעוואָלוציאָן!

דער געלער. דאָס איז דעם פאָלקס ווילען.

דער שווארצער. און גאָט'ס.

דער געלער. דו שרייבסט אונטער דעם קריעג־דעקרעט, אָדער...

דער קאנצלער (שרייט ארויס). איך בין אייער קאנצלער נישט מעהר! מאכט אליין די מלחמה, ווארפט אריין דאָס לאנד אין אונגליק און פערדערבנים, טוט דעם פאָלק'ס ווילען — איך בין דערביי נישטאָ! אָבער איך וועל אויפדעקען דעם פאָלק, ווער איהר זייט, וועל איהם ציינען, אז איהר האָט אייער ווילען אויף איהם ארויפגעדריינגט, וועל איהם —

דער געלער. דאָס איז פערראַט! ער איז א פעררעטער! ער איז פון דעם טוראַנער אונטערגעקויפט!

דער קאַנצלער. שופט!

דער געלער. ער פערלאָזט די פיהרונג פון דעם לאַנד אין אזא שווערען מאָמענט און וויל רייצען נאָך געגען די פיהרער פון דעם פאָלק. וואָס וועט דער טוראַנער זאָגען? ער וועט זיך לאַכען אין די הויפּענס: צושפּאָלטען זיינען מיר, ניטאָ ביי אונז קיין איינינקייט, און ער דאַרף פאַר אונז קיין מורא גאָר נישט האָבען. יעצט וועט ער מאָגען טאָן מיט אונז, וואָס ער וויל. געכטען האָט ער פערכאַפּט ביי אונז אונזערע אייזלען, מאָרגען וועט ער אונזער לאַנד פערכאַפּען. — ער איז אונטערגעקויפט פון דעם טוראַנער!

דער עולם. איז עס אזוי? איז עס אזוי?

דער געלער. איהר זעהט דאָך, ער האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגען צו זיין פערטיידיגונג. דער פערראַט קוקט איהם פון די אויגען ארויס. אָה, דערפאַר האָט מען איהם דאָס עהרענעכטען געזעהען מיט דעם טוראַנער'ס משולח אויף די הינטערטרעפּען פון זיין פּאַלאַץ!

דער עולם (קוקט זיך איבער גאַנץ בעטראָפען). אָה! אָה! אָה!

דער גרויער (לעגט ארויף זיין שווערע האַנד אויף דעם קאַנצלער'ס אַקסעל). אזוי איז עס מיט דיר?

דער שווארצער. דער פעררעטער מוז האָבען א פער־רעטער'ס סוף!

דער געלער. פיהרט איהם צום גאַנצען פאָלק ארויס. זאָל דאָס גאַנצע פאָלק וויסען, ווער זיין רעגיערער איז געוועזען.

שטימען. פיהרט איהם! פיהרט איהם!

דער גרויער. קום, ברודער!

דער בלויער. טוט איהם אָן דעם נאַר'ס מיץ! הייננט איהם מיט גלעקלעך ארום! פעררעטער!

ש ט י מ ע ן. פעררעטער! פעררעטער! פעררעטער! (געשרייען און פייפעריי.)

ד ע ר ש וו אַ ר צ ע ר. די שטימע פון פאָלק איז די שטימע פון גאָט. אָמן.

פאַרהאַנג פאַלט.

קליינע העלדען

א דראמע אין איין אקט

(15 נאוועמבער, 1916)

פּערזאָנען:

דער פיערצעניעהריגער.
דער דרייצעהניעהריגער.
ערסטער צוועלפיעהריגער.
צווייטער צוועלפיעהריגער.
דער עלפיעהריגער.
דער צעהניעהריגער.

צייט: די יעצטיגע. אָרט: אַ פּערוויסט דאָרף אין אַ מלחמה־פיהרענדיגען און בעזיעגטען לאַנד.

א גרויס וואוינצימער אין א פויערשען הויז, וואס האט שטארק געליטען פון דער שיסעריי. א גראנאט האט דורכגעשאסען דאס דאך און דעם באלקען און געמאכט א גרויס לאך אין דער דיל. אין די ווענד — לעכער פון קוילען, די פענסטער צובראכען, די טירען אראבגעריסען פון זייערע הייזגער. קופעס שפענדלעך פון צושאסענעם מעבעל אין פערשיעדענע זייטען, נאר על פי נס זיינען נאך איבערגעבליבען א לאנגע באנק און צוויי שטולען.

דער פיערצעהניעהריגער (קומט אריין, קוקט זיך ארום מיט א פערגליווערטען בייזען געזיכט, טופעט־אויף מיט'ן פוס, לאזט ארויס אן איינגעהאלטענעם צארן־אויסגעשריי פון צווישען פער־ביסענע ציינער, שאקעלט מיט דער פויסט צו די צובראכענע פענסטער אין דער הינטערסטער וואנד, ווי צו א ווייטען שונא, פון וועלכען ער וויל נקמה נעמען).

דער ערסטער צוועלפיעהריגער (קומט אריין און בלייבט שטעהן אין דער טיר א דערשראקענער). אהה, נאך ערגער ווי ביי אונז.

דער פיערצעהניעהריגער. וואו זיינען אלע?

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. איך ווייס נישט. האב נישט געזעהן. (בלייבט שטעהן איבער דעם לאך אין דער דיל, קוקט אריין, בעטראכט דאס לאך אין באלקען.) דורך און דורך. מען זעהט דעם הימעל. האט דאס אבער געמוזט זיין א גראנאט! — וואו האט געטראפען דיין מאמען?

דער פיערצעהניעהריגער. וואו? אין גאנצען האט עס איהר געטראפען. זי איז צוריסען געווארען אויף שטיקער.

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. איך פרעג, וואו אין הויז, אין וועלכען צימער?

דער פיערצעהניעהריגער. זי איז געשטאנען דאביים שראנק.

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. דער שראנק איז אויך צופאלען געווארען?

דער פיערצעהניעהריגער. זעהסט דאך. שפע־נער.

דער ערסטער צוועלפיעהריגער (ארומקוקענדיג זיך). דאס גאנצע מעבעל אזוי! (בעטראכט די באנק, קלאפט אין איהר מיט דער פויסט, ווי ער וואלט געפרואווט איהר שטארקייט.) ביי אונז האט אויך —

דער פיערצעהניעהריגער (פון אויבען אראב, מיט א מין פעראכטונג). איך וויים דאך. איך האב געזעהן. קוים אנגעריהרט, קוים עטוואס געשאדט.

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. דאך. א גאנצע וואנד, און דער קוימען, און דער שפייכלער האט אבגעברענט, און אונזער הונט איז גע׳הרג׳עט געווארען, און זיין לאך־שטיבעל איז צושאסען געווארען, און די באבע איז געשטארבען פאר שרעק.

דער פיערצעהניעהריגער (ארויסקוקענדיג אין פענסטער). זיי האבען זיך געווים פערשפיעלט אין באל.

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. קיינער שפיעלט יעצט נישט אין באל.

דער פיערצעהניעהריגער. איז אין עפעס אנ־דערס.

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. קיינער שפיעלט יעצט נישט אין גארנישט. איך שפיעל מיט מיר אליין בלויז. עס איז מיר אזוי טרויעריג. איך בעהאלט מיך הינטערן הויז און שפיעל אין קייקלעך.

דער פיערצעהניעהריגער. פיזשיק!

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. איך בין נישט קיין פיזשיק, אָבער איך בין טרויעריג און זעהר הונגעריג. האָסטו נישט קיין שטיקעל ברויט?

דער פיערצעהניעהריגער. שפּענער!

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. מען איז געגאַנגען צום שונא בעטען ברויט.

דער פיערצעהניעהריגער. אַזאַ חרפּה!

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. אַלע זיינען אַזוי הונגעריג. ביזטו נישט הונגעריג?

דער פיערצעהניעהריגער. איך וועל זיך צום שונא'ס ברויט נישט צוריהרען!

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. דיין טאַטע איז נאָך נישט גע'הרג'עט געוואָרען אין דער מלחמה. מיין טאַטע האָט געקראָגען א קויל אין בויך. (ווענדט זיך צו די אַריינגעקומענע דרייצעהניעהריגען און צווייטען צוועלפיעהריגען.) זעהט, ווי די גראַנאַט האָט דאָ דורכגעשאָסען דאַך און באַלקען און דיל!

דער פיערצעהניעהריגער. דאָס הייסט ביי איך קומען שנעל!

דער דרייצעהניעהריגער (בלייבענדיג שטעהן איבער'ן לאָך). ההההיו, איז דאָס א לאָך!

דער צווייטער צוועלפיעהריגער. אָבער האָט דאָס געמוזט זיין א שאָס!

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. דורך און דורך. און האָט זיין מאַמען צוריסען. און דאָס גאַנצע מעבעל צושאָסען. איהר זעהט די שפּענער?

דער דרייצעהניעהריגער (ציהט זיך אויס אויף דער באַנק). איך האָב מיך געדאַרפט ניאַנטשען מיט מיין שוועסטעריל. זי הערט נישט אויף צו וויינען פאַר הונגער. איך

האַט געהאַלטען מײן פינגער בײ איהר אין מויל... פּפּיטש, װי זי האַט מיר איהם צוזויגען!

דער צװײטער צװעלפיעהריגער. מײן מאַמע האַלט אין אײן חלש'ען. איך האָב מיך געמוזט אָב'גנב'ענען.

דער עלפיעהריגער (קומט אַרײן, פיהרענדיג דעם **צעהניעהריגען**). פיו, קוים דערשלעפּט זיך מיט איהם!

דער צעהניעהריגער. װאָס זאָל איך לױפען? איך זאָל נאָך הונגעריגער װערען?

דער עלפיעהריגער. אַי, אַי, װאָס פאַר אַ לאַך!

דער צעהניעהריגער. אַז עס װעט געהן אַ רעגען, װעט אַרײנרעגענען.

דער דרײצעהניעהריגער. װאָס דו נישט זאָגסט! (צום אױפגערעגט אַרומגעהענדיגען פירצעהניעהריגען.) דו האָסט דאָך עפּעס צונױפגערופען אַ גאַנצע פערזאַמלונג!

דער פירצעהניעהריגער. דאָס האָב איך טאַקע. איך האָב אַ פּלאַן און איך דאַרף העלפער.

דער דרײצעהניעהריגער (אױסציהענדיג זיך אױפ'ן רוקען). ער האָט אַ פּלאַן און ער דאַרף העלפער.

דער עלפיעהריגער (זעצט זיך אױף דער דיל מיט די פיס אין לאָך אַרײן). ס'אַר אַ לאָך!

דער ערסטער צװעלפיעהריגער (טוט איהם נאָך).

דער צװײטער צװעלפיעהריגער (װיל עס אױך טאָן, איז זיך אָבער מישב און זעצט זיך אַװעק אױף אַ שטול).

דער צעהניעהריגער (לעגט זיך אַװעק אױף דער דיל, מיט'ן קאָפּ אױף אַ קופּע שפּענדלער).

דער פירצעהניעהריגער (מיט חיץ). זײנען מיר נישט יעצט די אײנציגע מאַנסביל אין גאַנצען דאָרף? די אַלטע לײט זײנען דאָך אַלטע לײט. זײ קאָנען נישט מאַרשירען. קאָנען זיך נישט שלאָגען. זאָל קומען צו אַ האַנדגעשלעג, װאָס

זיינען זיי? און די ווייבער זיינען דאָך ווייבער. זיי זיינען דאָך קיינמאָל נישט קיין מאנסביל. און די מיידלעך זיינען דאָך אַ ודאי נישט קיין מאנסביל. זיינען מיר דאָך די איינציגע מאנסביל! זאָלען מיר זיצען ווי די קליינע מיידלעך און שפּיעלען זיך אין קוקלעס?

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. זיי שפּיע־לען זיך יעצט נישט אין קוקלעס. זיי וויינען.

דער פיערצעהניעהריגער. זאָלען מיר אויך זיצען און וויינען? זאָלען מיר זיין קלאָג־קינדער, טרערען־עופּע־לעך? מיר זיינען אינגלעך, מאנסביל, מענער. זיינען מיר עס נישט?

דער צעהניעהריגער. אָה, יאָ. אָבער איך וויל עסען.

דער פיערצעהניעהריגער. דער שונא קריכט ווייטער אַלץ אין אונזער לאַנד אריין. אונזער ארמיי טרעט אָב פאַר איהם. ער נעמט־איין איין דאָרף נאָך דעם אַנדערן און איין שטאָדט נאָך דער אנדערער. באלד וועט ער איינגעמען אונזער גאנץ לאַנד. דאַרפען מיר דאָך עפּעס טאָן! דאַרפען מיר צו נישט?

דער עלפיעהריגער. געוויס דאַרפען מיר.

דער דרייצעהניעהריגער. און וואָס זאָלען מיר טאָן?

דער צווייטער צוועלפיעהריגער. איך האָב אָנגעצעהלט זיעבענאונדרייסיג לעבער פון קוילען אין די ווענד.

דער פיערצעהניעהריגער. זיינען מיר נישט ביי דעם פיינד אין רוקען? זיינען מיר אָדער נישט? מיר זיינען דאָך ביי דעם שונא אין רוקען.

דער עלפיעהריגער. נאַטירליך זיינען מיר ביי דעם שונא אין רוקען. ער איז שוין אַ דרייסיג מייל ווייטער.

דער פיערצעהניעהריגער. קאָנען מיר אַ סך אויפטאָן.

דער עלפיעהריגער (אונזיכער). נאטירליך א סך.

דער דרייצעהניעהריגער. דער רעדט און יענער זאגט איהם נאך. ווי א פאפוגאי.

דער עלפיעהריגער (זיכערער און חוצפה'דיגער). נאטירליך א סך!

דער צווייטער צוועלפיעהריגער. אי, האט דאס געמוזט זיין א שאס! טררראך — דאך, באלקען, דיל! פפפפיוטש!

דער צעהניעהריגער. לעבען אונז האט עס אויך — —

דער פיערצעהניעהריגער (צום דרייצעהניעהריגען מיט חיץ). קאנסטו זיך ארויפדראפען אויף א הויכען סלופ?

דער דרייצעהניעהריגער. בעסער פאר דיר.

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. איך קאן עס ווי א קאץ.

דער עלפיעהריגער. איך קאן עס בעסער פאר אייך אלעמען.

דער פיערצעהניעהריגער. וועט איינער פון אונז ארויפדראפען זיך אויף א טעלעגראף־שטאנג און איבערשניידען דעם דראט.

דער דרייצעהניעהריגער. אזא גבור ביזטו!

דער פיערצעהניעהריגער. מיר וועלען עס טאן זעלבאדריט, זעלבאפערט. דערפאר דארף איך דאך העלפער.

דער דרייצעהניעהריגער. און ביי יעדער טעלעגראף־שטאנג שטעהט א סאלדאט מיט א ביקס.

דער פיערצעהניעהריגער (ארויסנעמענדיג פון אונטער זיין רעקעל א שארף מעסער). און וואס איז דאס? (אלע קוקען אן דאס מעסער.)

דער עלפיעהריגער. מיר האבען אויך א גרויס שארף קיכענמעסער.

דער צעהניעהריגער. אָבער מיר האָבען גאָר־ נישט וואָס צו שניידען מיט איהם.

דער פיערצעהניעהריגער. איהר וועט אַלע פערשאַפען אַזעלכע מעסער, און ביי דער נאַכט, ווען עס איז שטאַרק פינסטער, פויזען מיר צו — אויפ'ן בויך — צום וואַכסאָלדאַט, אריין איהם דאָס מעסער אין האַרץ און דאַן אויפ'ן שטאַנג און איבערשניידען דעם דראָט.

דער עלפיעהריגער. אָט אַזוי מאַכען מיר עס. (פויזעט איבער'ן דיל זעהר פאָרזיכטיג.) און דערנאָך, באַץ!... (מאַכט די בעוועגונג פון אַ שטאָך מיט'ן מעסער.) און — דראַפ, דראַפ, דראַפ... (שפּרינגט אויף און מאַכט קלעטער־בעוועגונגען.)

דער צעהניעהריגער. און ביי דעם גע'הרג'עטען סאָלדאַט וועלען מיר געפינען ברויט.

דער דרייצעהניעהריגער. און ווי אַז דער סאָלדאַט וועט אונז דערזעהן אָדער דערהערען?

דער פיערצעהניעהריגער. ער דאַרף אונז נישט דערזעהן אָדער דערהערען.

דער עלפיעהריגער. נאַטירליך דאַרף ער נישט דערזעהן אָדער דערהערען. מיר מאַכען עס שטיל, זעהר, זעהר שטיל.

דער צעהניעהריגער. איך קאָן אַזוי שטיל פויזען — ווי אַ וואָרים. און איך וועל נעמען אונזער שאַרף מעסער. אָבער איך בין זעהר הונגעריג. איך וויל עסען.

דער דרייצעהניעהריגער. און אַ סאָלדאַט טראָגט דיקע קליידער!

דער צווייטער צוועלפיעהריגער. זיי טראָגען פאַנצערס. אַזוי זאָגט מען. פון בלעכען. אויף דער ברוסט. אַ קויל זאָל נישט קאָנען דורך.

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. וועלען מיר ציעלען מיט'ן מעסער אין בויך אָדער אין האַלז אָדער אין אויג.

דער עלפיעהריגער. מען קאָן איהם אַפילו אין

קני. אונטערפּויזען שטיל, שטיל און — טשיק! אין קני אריין, אַז דער פוס זאָל איהם אַראָב!

דער פיערצעהניעהריגער. נאַטירליך. נאָר גוט פּערוואַונדען. זאָל ער נאָר פאַלען א פּערוואַונדעטער, וועלען מיר שוין מאַכען פון איהם א סוף.

דער צעהניעהריגער. און צונעמען ביי איהם דאָס עסענוואַרג.

דער פיערצעהניעהריגער. און אַזוי קאָן מען אויס׳הרג׳ענען א סך וואַב־סאָלדאַטען און איבערשניידען א סך טעלעגראַף־ און טעלעפאָן־דראָטען, און אַזוי קאָן מען העלפען אונזערע.

דער עלפיעהריגער. וואָס וועניגער סאָלדאַטען ביים שונא, אַלץ בעסער פאַר אונזערע.

דער פיערצעהניעהריגער. און אַז די טעלעגראַף־ און טעלעפאָן־דראָטען זיינען איבערגעשניטען, וועט דער שונא נישט וויסען, אויף וועלכער וועלט ער איז.

דער עלפיעהריגער. יעמאָלט וועלען אונזערע איהם אַזוי צושלאָגען, אַז ער וועט נישט וויסען, פון וואַנען ער איז געקומען. אַי, וועט ער עס אַנטלויפען!

דער צעהניעהריגער. און מיר וועלען ווידער האָבען א סך ברויט.

דער צווייטער צוועלפיעהריגער. דער שונא פיהרט מיט זיך א סך עסענוואַרג. האָט איהר געזעהן, וויפיעל פּראָוויאַנט־וואַגענס? איך האָב אָנגעצעהלט פיער און פערציג. האָט איהר געזעהן די פעלדקיך?

דער צעהניעהריגער (לאָזט אַרויס א קורצען קלאָג־טאָן, ווי עס וואָלט איהם פערכאַפּט דאָר׳ן האַרצען).

דער פיערצעהניעהריגער (אויפגערעגט פון די אייגענע געדאַנקען). אָבער דאָס איז נאָך גאָרנישט. מיר קאָנען נאָך מעהר אויפטאָן. (קוקט זיך אַרום, צו זיינען דאָ נישטאָ קיין

אונטערהערער, און רעדט ווי אַ סוד.) אין דעם פּריץ'ס הויז וואוינט דעם שונא'ס הויפּט־קאָמאַנדיר. ער האָט ביי זיך אַלע פּלענער. וועלען מיר זיך צו'גנב'ענען — ביי דער נאַכט — ווען ער שלאָפט — קוילענען איהם און אוועקנעמען די פּלענער. יעמאָלט איז דער שונא אין גאַנצען צושלאָגען.

דער עלפיעהריגער. אוי, אוי, אוי, איז דאָס אַ גוטער פּלאַן!

דער ערסטער צוועלפיעהריגער (מיט התפעלות). דעם הויפּטקאָמאַנדיר — אוועקקוילענען — אי־י־י!

(נעמט זיך אַרום מיט דעם עלפיעהריגען און ביידע קייקלען זיך פאַר התפעלות.)

דער דרייצעהניעהריגער (צולאַכט זיך איראָ־ניש). האהאהא! דעם הויפּטקאָמאַנדיר וועלען זיי אוועקקוילע־נען! יענער איז ארומגערינגעלט מיט גענעראַלען און אָפיצירען און סאָלדאַטען!

דער פיערצעהניעהריגער. דאָס דאַרף מען אָבער טאָן!

דער דרייצעהניעהריגער. דו דערוווייז אַ־פּריער, אז דו וועסט דיך קאָנען צו'גנב'ענען צו אַ וואַכסאָלדאַט ביי אַ טעלעגראַף־דראָט!

דער פיערצעהניעהריגער. אַוודאי וועלען מיר!

דער עלפיעהריגער. געווים!

דער דרייצעהניעהריגער. וועט איהר באַלד זיין אויף יענער וועלט.

דער פיערצעהניעהריגער. ביזט אַ געמיינער פּייגלינג, אַט וואָס דו ביזט!

דער דרייצעהניעהריגער. איך בין קליגער פאַר דיר, אַט וואָס איך בין!

דער פיערצעהניעהריגער. דו ביזט אַ פּער־רעטער!

דער עלפיעהריגער. מען הארף איהם גאר דער־הרג'ענען!

דער דרייצעהניעהריגער. איך בין הונגעריג, אט וואס איך בין! איך וויל עסען! איך האב שוין דעם צווייטען טאג גארנישט געגעסען.

דער פיערצעהניעהריגער. איך בין אזוי הונ־געריג ווי דו! מיר זיינען אלע הונגעריג!

דער צווייטער צוועלפיעהריגער. מיין מאמע האלט אין איין חלש'ען פאר הונגער. נעכטען האט זי אונז דאס לעצטע שטיקעל ברויט אוועקגעגעבען. אליין האט זי שוין צוויי טאג גארנישט געגעסען. אבער איך בין אויך שטארק הונגעריג.

דער ערסטער צוועלפיעהריגער. איך בין אויך זעהר, זעהר הונגעריג. אבער איך הער מיך נישט צו.

דער עלפיעהריגער. איך הער מיך אויך נישט צו. איך דרעה מיט דער צונג אין מויל און קיי זי. מיין איך, אז איך עס. איך האב עס איהם (צייגט אויפ'ן צעהניעהריגען) אויך געהייסען טאן.

דער צעהניעהריגער. עס דרעהט זיך מיר די צונג נישט. (וויינעריש.) איך וויל עסען.

דער פיערצעהניעהריגער. אלע זיינען מיר הונגעריג. אבער דאך וואלטען מיר געקאנט עפעס אויפטאן.

דער דרייצעהניעהריגער (צואווייגט זיך, רייז־בענדיג זיך ברוסט און בויך). איך בין הונגעריג. עס דרעהען מיר זיך די געדערים אין בויך, עס חלש'ט אין מיר מיין הארץ, איך וועל שטארבען פאר הונגער.

דער צעהניעהריגער (צואווייגט זיך, לאנג ציהענ־דיג, שטיל, ווי ער וואלט זיך געפיעסטיעט).

דער עלפיעהריגער (שלאגט איהם). אוי, אוי,

אוי! ער האָט זיך שוין צואווײנט! (צואוויינט זיך אליין.) קלאָג קינד! פּיזשיק!

דער צווייטער צוועלפיעהריגער. מיין מאַמע וועט שטארבען פון הונגער. זי איז אפשר שוין געשטאָרבען. (צואוויינט זיך.)

דער ערסטער צוועלפיעהריגער (מיט טרע־רען). איצטער פיהל איך אויך הונגער. איך האָב מיך נישט צו־געהערט, האָבען זיי מיר איהם אָנגעמאכט. (ציהט זיך אוים אויף דער דיל און וויינט. — אַלע פינף וויינען לאַנגזאַם, מיט איינגעהאַלטענער שטימע, פערצווייפלונגספול, אונטרייסטבאַר.)

דער פיערצעהניעהריגער. זיי האָבען זיך צואוויינט! זעה, ווי זיי האָבען זיך צואוויינט! פּיזשיקעס! מיט אייך וועט מען עפּעס קאָנען אויפטאָן! נישט וויינען! נישט וויינען! אוי! (פּאַכעט ארום מיט'ן מעסער, ווי ער וואָלט געוואָלט דערשטעכען, און ווארפט עס אוועק צולעצט מיט האַרץ, לאָזט זיך אַראָב אויף דעם לעדיגען שטול, דאָס געזיכט בעגראָבענדיג אויף אַן אָרם און צואוויינט זיך אויך.)

פאָרהאנג פאלט.

די שיינע נאָנע

א דראמע אין איין אקט.

(יוני, 1918)

פערזאָנען:

די אבטיסין.
שוועסטער ערנעסטינע.
שוועסטער אוידאקיא.
שוועסטער העדוויג.
ערסטער סאָלדאט.
צווייטער סאָלדאט.

די האנדלונג קומט־פאָר איז מלחמה־צייט.

די קליינע קירכע פון אַ פרויענמאָנאַסטיר. פאַר דעם בילד פון דער הייליגער יונגפרוי, פאַר וועלכער עס ברענט די אייביגע לאָמפּ, שטעהען אויף די קני די אבטיסין און די שוועסטער ערנעסטינע און אווידאקיאַ. — פון דרויסען דרינגט אריין קאַנאָנענגערויש.

ד י אַ ב ט י ס י ן. הייליגע יונגפרוי, עס זאָל אונז נישט פערדערבענט ווערען פאר אַ גרויסער זינד, וואָס קיינע פון די שוועסטער האָט זיך נישט געפונען איינצושטעלען איהר לעבען און עהרע, און בלייבען דאָ ביי דיר און אָבהיטען די אייביגע לאָמפּ. ווי גערן וואָלט איך דאָ געבליעבען, ווען אויף מיר וואָלט נישט ארויפגעלעגט געוואָרען צו ברייגגען אלע שוועסטער אין זיכערהייט. דו ווייסט, אז איך וואָלט עס געטאָן, דו, וועלכע זעהט טיעף אין הארצען. און דו וואָלסט מיך דאָ בעשיצט, וואָלסט קיין בייז צו מיר נישט צוגעלאָזען און קיין שלעכטס וואָלט מיר דאָ נישט געשעהן. (בעצלמט זיך און שטעהט אויף.)

ד י ש ו ו ע ס ט ע ר (שטעהען אויך אויף).

ד י אַ ב ט י ס י ן. גלויבט קיינע נישט פון אייך אין דעם גוטען שוץ פון אונזער הייליגער בעשיצערין? שוועסטער ערנעס־טינע, איהר זייט דאָך אזוי אַלט אין יאָהרען און שטארק אין גלויבען?

ש ו ו ע ס ט ע ר ע ר נ ע ס ט י נ ע. איך וואָלט דאָ זעהר גע־בליעבען. איך וויים, אלטע יאָהרען זיינען געוועהנליך אַ גרויסער שוץ פאר אן איינזאמער פרוי, און זיכער איז די האנד פון דער הייליגער מוטער נאָך אַ גרעסערער שוץ. אָבער ווער וויים דעם ווילדען פיינד אין זיין גאָטלאָזיגקייט און צולאָזענקייט? ער קען נישט גאָט און די הייליגע מוטער, און קען קיין עלטער נישט.

און איך וואָלט נישט געוואָלט, מיין הויכע עלטער זאָל בעשמוצט ווערען פון פערברעכערישער לוסט. פערשווינט מיך, מוטער, און לאָזט מיך געהן מיט אייך.

די אבטיסין. איך קאָן נאָר זאָגען, אז איהר זייט קינדיש, און גאָט איז נישט שטארק אין אייך, שוועסטער ערנעסטינע. איך וועל אייך נישט צווינגען דאָ צו בלייבען. צוואנג איז א שלעכטער גאָטעסדיענסט. די הייליגע מוטער וויל ליעבע נאָר, זי וויל געדיענט ווערען פון ליעבע. ווילט איהר נישט איהר דעם ליעבע־דיענסט דערווייזען, שוועסטער אוידאקיא? איהר קאָנט רוהיג אויף זיך נעמען דאָ צו בלייבען. איהר ווייסט, ווי גרויס אייער העסליכקייט איז. זי וועט מיט גאָטס הילף אייך גרויסער שוץ זיין.

אוידאקיא. איך ווייס, איך האָב שטענדיג גאָט געדאנקט, וואָס איך בין נישט בעשטראָפט געוואָרען מיט א גאוה׳דיגען הארץ דורך א שיינעם פנים. אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געוואוסט, אז איך בין אזוי העסליך.

די אבטיסין. איך ווינש, איך וואָלט א שפּיגעל דאָ ביי מיר געהאַט. ווען איהר זעהט, ווי איהר קוקט יעצט אויס, וואָלט איהר פון אייך אליין געפאלען אין חלשות און לאנגע טעג וואָלט איהר פאר עקעל קיין ביסען ברויט נישט געקאָנט אריינגעמען אין מויל. איהר האָט זיך דאָך אין מאָנאסטיר בעהאלטען, איהר זאָלט קאָנען אויסמיידען א שפּיגעל.

אוידאקיא. שיינהייט איז שטענדיג בלויז א געשמאַק־זאך. ווי ווייסט איהר דעם געשמאק פון די פיינדליכע סאָלדאטען?

אבטיסין. פוי, איהר טאָרט דאָ גאָר נישט בלייבען. איהר וועט שטאָלץ זיין, ווען די בעסטיען וועלען אייך געוואלט אָנטאָן.

אוידאקיא. דאָס דארפט איהר מיר נישט זאָגען. איהר זעהט דאָך, אז איך וויל בעסער אוועקגעהן.

אבטיסין. יא, גאנץ איבעריג צו רעדען. — הייליגע

מוטער! (צלמ׳ט זיך פרום. ערנעסטינע און אוידאקיא טוען עס אויך. דאן וועגדען זיי זיך אַלע צו דער טיר.)

שוועסטער העדוויג (שטעהט אין דער טיר. זי איז זעהר שיין. די בעשיידענע נאָנענקליידער ברייננען איהר שיינהייט נאָך בולטער ארויס).

די אבטיסין (שרייט אַזש נאָר אויף פאר ערשטוינונג). שוועסטער העדוויג, וואָס טוט איהר נאָך דאָ? איהר האָט נאָך פון די ערסטע געזאָלט אוועקגעהן. ווארום האָט איהר אייער שיינהייט אהער געבראכט? געהט דאָך שנעל אוועק פון דאנען. די פיינדליכע סאָלדאטען זיינען שוין פאר דעם טויער.

העדוויג (ארייננטרעטענדיג). איך וועל בלייבען דאָ.

אבטיסין. וואָס?

ערנעסטינע און אוידאקיא (בע׳צלמ׳ען זיך).

העדוויג. איך וועל דאָ בלייבען, די קירכע אָבצוהיטען און די אייביגע לאָמפּ.

אבטיסין. זייט איהר ביים זינען, שוועסטער?

ערנעסטינע. זי איז געוויס געריהרט.

אוידאקיא. דאָס קומט איהר פון איהר גרויסער שיינ־הייט, וועלכע אלע האָבען אזוי בעוואונדערט און איהר דעם קאָפּ פערדרעהט.

העדוויג. איהר האָט עס ריכטיג ארויסגעלייענט, שוועס־טער אוידאקיא. דאָס קומט צו מיר פון מיין גרויסער שיינהייט. אָבער נישט ווייל מיר האָט זיך דער קאָפּ פערדרעהט. גאָט זעהט מיין הארץ, און אלע האָט איהר עס שוין געמוזט וויסען, מיין שיינהייט האָט מיך קיינמאָל נאָך נישט מיט גאוה אויפגעבלאָזען. דאָך וויל איך בלייבען דאָ, ווייל איך פערלאָז מיך אויף דער הייליגער מוטער און — אויף מיין שיינהייט.

די אבטיסין. ווי מיינסטו עס?

העדוויג. מיין שיינהייט וועט מיין שוץ זיין.

די אבטיסין. וואָס רעדסטו, קינד!

העדוויג. זיי וועלען זיך נישט דערוועגען מיין שיינהייט צו בעשמוצען.

די אבטיסין. נארישקייט!

העדוויג. דאָס האָט מיר די הייליגע מוטער איינגעטאָן. איך וויים, דער געדאַנק קומט צו מיר פון דער הייליגער יונגפרוי.

אוידאַקיא. דאָס האָט דער שטן אויפגעטאָן דיר. הייליגע מוטער, זיי איהר מוחל איהרע רעד!

העדוויג. שיינהייט וועקט פרומקייט. איהר האָט פיעל הייליגע בילדער אויף אייער לעבען זיך אָנגעזעהן — האָט איהר אָנגעטראָפען א הייליג בילד אַ העסליכס? ווי זעהט אונזער קריס־טוס אויס? ווי זעהט אויס די הייליגע מוטער? ווי ריהרט זי אונז מיט איהר געטליכער שיינהייט! ווי זעהען די מלאכים אויס? שיינהייט איז בעגייסטערונג. שיינהייט איז אָנבעטונג, שיינהייט איז רעליגיאָן.

די אבטיסין. שיינהייט איז פערפיהרונג, שיינהייט איז אויפרייצונג, שיינהייט איז בע'שיכור'ענדיגער וויין. וואָס רעדט איהר, שוועסטער, פון בילדער און סטאטועז, פון קאלטען מארמאָר און פון פארבען אויף א טויטען לייוועגט? איהר וועט זיין א לעבעדיגע יונגע שיינע נאַכט צווישען לוסט־בעטרונקענע פיינדליכע סאָלדאטען.

העדוויג. זיי וועלען מיך נישט אָנריהרען.

אבטיסין. זיי וועלען אייך... (מענערשטימען דרויסען.) אָהאָה, זיי זיינען שוין דאָ!... שנעל! שנעל!... שוועסטער העדוויג! שוועסטער העדוויג! (ענטלויפט, ערנעסטינע און אוידאקיא נאָך איהר.)

העדוויג (געהט לאַנגזאַם צו צום מאַריענבילד און שטעלט זיך אויף די קני).

צוויי סאָלדאטען (רייסען זיך אריין מיט אָנגעשטעלטע באַיאָנעטען, בלייבען שטעהן, קיינעם נישט זעהענדיג פאר זיך, און לאָזען אראָב די ביקסען).

ערסטער סאָלדאט (צלמ'ט זיך איבער).

צווייטער (וויל עס טאָן, דערטראָגט נישט די האַנד און לאָזט זי אַראָב צוריק). עה, א פיינדליכע!

ערסטער. זעה נאָר: א נאַנע! אויף די קני!

צווייטער. בעט דאָרטין א מפלה אויף אונז. מיר וועלען איהר! מי דאַרף נאָר א קוק טאָן, צו א יונגע.

העדוויג (צלם'ט זיך איבער און בעהאַלט דאָס געזיכט אין די הענד).

ערסטער. האָט דאָס געזיכט בעהאלטען. א יונגע תייסט'ס.

צווייטער. קאָנסט עס שוין זעהן פון דער געשטאלט. אַן אלטע גאָטבעטערין וואָלט אזא פיגור נישט געהאט. אפּעטיטליך, וואָס?

ערסטער. אז זי איז דאָ געבליעבען און האָט נישט מורא געהאט, מוז זי דאָך זיין אַן אלטע כאַליאַווע.

צווייטער (צוגעהענדיג צו העדוויג). האָסט שוין גענוג תפלה געטאָן. לאָז דיך אָנקוקען.

העדוויג (נעמט אַראָב די הענד פון געזיכט און צלם'ט זיך איבער).

צווייטער (טרעט אָב אַ טריט איבערראשט).

העדוויג (העבט זיך לאַנגזאַם אויף און דרעהט זיך אום מיט'ן געזיכט צו די סאָלדאטען, שטעהענדיג האַרט ביי דער וואַנד פאַר דעם בילד, מיט אַ רוהיגער, פרומער, פערצייהונגספולער מינע אויפ'ן געזיכט).

ערסטער (אָטעמט אויך שטאַרק אויף פאַר איבערראשונג). אָט א שיינהייט! ווי פון בילד אראָב.

צווייטער. און האָט נישט מורא געהאט. גאַנץ מערקווירדיג. האָט מען זי דאָ פערגעסען אָדער איבערגעלאָזען מיט א כיון?

העדוויג. איך האָב דאָ געוואָלט בלייבען.

ביידע (זיינען איבערראשט צו הערען איהר שטימע).

צווייטער (נאך א קליינער פּאוזע). האסט דא געוואלט בלייבען, עה?

העדוויג. אום צו טאן מיין קירכענדריענסט.

צווייטער. און גארנישט מורא געהאט?

העדוויג. און האב נישט מורא.

צווייטער. נישט מורא, עה?

העדוויג. איך בין אויסער געפאהר.

צווייטער. וואס?! (ביידע סאלדאטען קוקען זיך ארום.)

העדוויג. איהר האט מיך שלעכט פערשטאנען. קיינער איז דא נישט בעהאלטען, מיך צו בעשיצען. איך האב מיין שוץ אין איך אליין.

צווייטער. אזוי גאר?

העדוויג. איהר וועט מיך לאזען טאן מיין דיענסט פאר דער הייליגער יונגפרוי און בעטען מיינע געבעטען. איהר זייט דאך אויך קריסטען?

צווייטער. דאס מאכט נישט אויס. איך וויים נאך נישט, צו ביזטו דא געבליעבען, ווייל דו ביזט אזא גוטע קריסטין. פאר וואס ביזטו דא געבליעבען?

העדוויג. אבצוהיטען די אייביגע לאמפּ.

צווייטער. האט נישט געקאנט בלייבען עפּעס אן אלטע פּגירה?

העדוויג. זיי האבען אלע מורא געהאט.

צווייטער. אלטע פּגירות האבען מורא געהאט, און דו האסט נישט מורא געהאט?

העדוויג. ניין.

צווייטער. דא מוז עפּעס זיין. דאס איז עפּעס א שפּיצעל.

העדוויג. איך בין אליין און איינזאם אין דעם גאנצען מאנאסטיר.

צווייטער. דאַרפסטו דאָ עפּעס נישט אויפרייסען? עפּעס אויסשפּיאָנירען?

העדוויג (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, טריי און פרום).

צווייטער (כאַפּט זי אָן אויבען ביים אָרם). זאָגסטו אמת?

העדוויג (קוקט איהם אָן מיט איהר שטילען, פרומען, דורכ־דרינגענדען בליק).

צווייטער (לאַכט־אויף פערלעגען און נעמט אוועק די האַנד).

ערסטער. ווי א לעבעדיגע מאדאָנא... מען קאָן באַלד גלויבען, אז די הייליגע יונגפרוי איז אראָב פון בילד... העהע...

העדוויג (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). ניין, איך בין בלויז א נאַנע — א דיענסט ביי דער הייליגער יונגפרוי.

צווייטער (צום ערסטען). א מפּלה אויף דיר, האָסט מיך באַלד דערשראָקען, דו אייזעל!

העדוויג. אָבער עס איז געוועזען דער ווילען פון דער הייליגער מוטער, איך זאָל דאָ בלייבען.

צווייטער. אויב נישט דער ווילען פון עמיצען אנדערס. דרעה מיר קיין קאָפּ נישט. אזא שיינע האָט נישט געטאָרט בלייבען. מיר זיינען הונגריגע סאָלדאטען. הונגריגע נאָך אלץ, האָסטו פערשטאַנען! נאָך א ווייבספּערזאָן, און דערצו נאָך א יונגער און א שיינער — גאַנץ איבער־הונגריג. אויף דאָס האָסטו זיך געקאָנט ריכטען.

ערסטער. העהע... נאָך ווי הונגריג!

העדוויג. איהר וועט מיר נישט שטערן אין מיינע פליכ־טען. געהט אין פריעדען.

צווייטער. אַך, וואָס! (העבט־אויף די ביקס, ציעלט און שיעסט אראָב די אייביגע לאָמפּ.)

העדוויג (שוידערט־אויף, ציטערט, צלם'ט זיך, שעפּטשעט א געבעט).

ערסטער. אהההה... העהע!

צווייטער. אוים מיט דער פליכט! וואָס וועסטו יעצט זאָגען?

העדוויג (שטעהט נאָך אַלץ מיט געשלאָסענע אויגען, איהר געזיכט פול טרויער און שמערץ).

צווייטער (צום ערסטען). שיין, ווי?

ערסטער. טייפליש.

צווייטער. זי דערנעמט דיך, ווי?

ערסטער. דערנעמט, צו אל די רוחות!

צווייטער. איז וואָס קאָן אונז אָפּהאַלטען?

העדוויג (עפענט אויף זיי אויף איהרע גרויסע אויגען).

ערסטער. ווען זי שטעהט אזוי און קוקט דיך אָן?

צווייטער. ביזט א פייגלינג, א שרעקעדיגער האָז!

ערסטער. ווייס גאָט, איך בין עס נישט.

צווייטער. און פאר איהר האָסטו מורא.

ערסטער. און דו ביזט נישט מוטיגער.

צווייטער. האַהאַ!

ערסטער. פרויען מיט אזא נעזיכט קאָנסטו אטאַקירען נאָר אין דער פינסטער.

צווייטער. האַהא, ביזט אַן אייזעל! (העפטיג צו העדוויג.) וואָס שטעהסטו, ווי א צוגעקלעבטע צו דער וואַנד? האָסט שוין דאָ מעהר קיין פליכטען נישט, ניטאָ מעהר קיין אייבינע לאָמפּ. קאָנסט דיר געהן!

העדוויג. איך וועל קריגען אַן אַנדער לאָמפּ, וועל זי אָנצינדען און תפלה טאָן פאר דיינע זינד.

צווייטער. ווארט אָפּ, איך וועל צוטאָן נאָך עטליכע, וועסטו שוין תפלה טאָן פאר די נייע אויך. איז וואָס געהסטו נישט נאָך דער לאָמפּ? וואָס ריהרסטו זיך נישט פון אָרט? — אז איך וועל דיך וועלען אטאַקירען, האָב איך נישט מורא, אפילו ווען דו שטעהסט אזוי און קוקסט מיך אָן מיט דיינע גלאָצאויגען. פערשטאַנען? — דאַרפסט מיך אזוי נישט אָנקוקען! פערשטעהסט?

דו האָסט געמאַכט אַ טעות אין חשבון און דאַרפסט זיך אויף קיי־נעם נישט בעקלאָגען. — וואָס שווייגסטו? וואָס שטעהסטו און קוקסט — ווי אַ צוגעקלעפּטע צו דער וואַנד? — העי, צו איז נישט עפּעס הינטער דיר אין דער וואַנד? בעהאַלטסטו דאָרטין עפּעס נישט? עפּעס אַ קנאָפּ? עפּעס אַ דריק טאָן? אַוועק פון דער וואַנד!

הערדוויג (העבט אויף די הענד). איך שווער דיר ביי דער הייליגער מוטער פון גאָט...

צווייטער (שוועה אָטעמדיג, קוקט זי אָן ווי אַ ווילדע חיה, אָבוואַרטענדיג דעם פּאַסענדיגען מאָמענט אויף אָנצופאַלען אויף איהר, מאַכט בעוועגונגען, אויף אויסצוקומען הינטער איהר).

הערדוויג (בעגרייפט עס און מאַנעווירט, צו האָבען איהם פאַר איהרע אויגען).

ערסטער (ווען הערדוויג קומט אויס מיט'ן רוקען צו איהם, שמייכעלט צוערסט פערלעגען און דאַן וואַרפט ער זיך אָרויף אויף איהר פון הינטען, מיט ביידע הענד אויף איהר געזיכט, ווילד אויפשרייענדיג).

צווייטער (מיט אַ ווילדען אויפגעשריי, העבט־אויף הערדוויג פון דער ערד, אָנכאַפּענדיג זי פאַר די פיס).

פאָרהאַנג.